STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04392

DER TOYRE-KVAL

A. Zisha Frydman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער תורה-קוואל

(מעינה של תורה)

ווערטער, רעיונות, השקפות און אפאריזמען
פון גאוני וגדולי ישראל

אויף די וואכען-פרשיות, הפטרות
ימים — טובים און תרי"ג מצות.

געקליבען, צוזאמענגעשטעלט און פאפולאריזירט דורך

אלכסנדר זושא פרידמאן

ספר בראשית

הוצאת „מסורה" תשי"א

המכירה הראשית:

P. FELDHEIM

45 Essex St., New York 2, N. Y.

Tel.: GRamercy 3-5093

נדפס בבית דפוס של ספראגראף קאמפאני

פאָרוואָרט

דאָס תורה׳דיגע וואָרט, איז שטענדיג געווען דער קוואַל פון טרייסט, ערמוטיגונג און התחזקות פאַר׳ן יודישען מענש. אין די ווערטער וואָס זענען נאָכגעזאָגט געוואָרען, אויף דער סדרה, מעגינא דיומא, אין דער היימישער סביבה, סיי אַ שעהן דרוש־וואָרט, סיי אַ חסידישען רעיון אָדער אַ מוסר׳דיגע השקפה — אָט די דאָזיגע ווערטער האָבען דעם סתם־יוד פערבונדען מיט׳ן ספר, פאַר איהם געמאַכט די תורה אַ ביסעל אָפענער און נעהנטער, און פאַר איהם געמאַכט דאָס חומש׳ל אַלס זיין לעבענס־ספר וואָס פון איהם קען ער לערנען וואָס ס׳איז איהם נויטיג און שעפען נייע כחות־רעזערוועו פאַר זיין יודישקייט אין די שווערסטע גלות־צייטען.

אין די לעצטע תקופה, פון געוואַלדיגער עקאָנאָמישער ירידה און גייסטיגער חשכות, ווערט דאָס תורה־וואָרט אַ וואָס מעהר זעלטענער גאַסט אין דער יודישער סביבה. דער קאָפּ איז צובראָכן, די געמיטער נידערגעשלאָגען, נישטאָ ביים סתם יוד קיין צייט און געדולד צו כאַפּען אַ בליק אין אַ ספר, ביי אַ גרויסען טייל פונ׳ם בעל־הבתישען עלעמענט איז שוין אַפילו נישטאָ דער יכולת צו פערשטעהן עפּעס פון אַ יודיש ספר, אַפילו ביי אַ טייל פון דער רעליגיעזער יוגענד — איז אַ יודיש ספר, געשריבען אין אַלטען לשון־הקדש׳דיגען תלמודישען סטיל, ווי אַ ספר החתום, — ווערט מען ממילא דערווייטערט פונם אייביגען יודישען קוואַל, די סדרה ווערט וואָס אַמאָהל פרעמדער און אונפערשטענדליכער, דאָס חומש׳ל הערט אויף בעטראַכט צו ווערען אַלס דער וועג ווייזער פון דער געגענוואַרט און די גייסטיגע צובראָכענקייט און פוסטקייט ווערט וואָס אַמאָהל גרעסער, — ווייל דאָס פּריש פליסענדע וואַסער פונ׳ם אייביגען תורה קוואַל דערגרייכט נישט צו די קינדער פון היינטיגען דור.

מען מוז דעריבער דעם דאָזיגען קוואַל פון לעבען עפענען און דערנעהנטערן צו די סתם יודען פון אונזערער היינטיגער אומגליקליכער תקופה, מען מוז דאָס תורה׳דיגע וואָרט מאַכען צוגענגליכער, פּאָפּולערער און פערשטענדליכער כדי עס זאָל קענען דערגרייכען צו די צוטראָגענע און פערדאגה׳טע יודישע קעפּ און יודישע הערצער, מען מוז — ווי ס׳האָבען עס געטהוען אונזערע גרויסע פיהרער אין די פערצייטישע תקופות — איבערגיסען די תורה׳דיגע ווערטער, השקפות און רעיונות אין דער פערשטענדליכער פאָלקס־שפּראַך, מאַכען זיי לייכטער צו פערשטעהן, און אַזוי אַרום דערנעהנטערן די פאָלקס־מאַסען צו אונזער ספר הספרים.

זאָלען די בעטריבטע געמיטער בעלעבט ווערען פונ׳ם שטראַהל פון אַנ׳אמת יודישען געדאַנק; זאָלען זייערע מחות בעלויכטען ווערען מיט אַ חסידישען בליץ; זאָלען זייערע הערצער אויסגעאיידעלט ווערען דורך אַ טיעף־גרייפענדען מוסר רעיון; זאָלען די קינדער פון היינטיגען דור צוריק

אָנהויבען בעטראַכטען אונזער חומש׳ל אַלס דעם אייביגען אונאויפהערליכען קוואַל וואָס פליסט מיט לעבענס=חכמה, מוסר, מדות, התחזקות און אָפּפער=ווילליגקייט פאַר יודישקייט; זאָלען זיי דערזעהען ווי אָט אין דעם חומש׳ל זענען פערהאַן די מקורות און די מאָטיוועז פון אונזערע אַלע ליידען און פריידען, פון אונזערע אַלע גלות=פיין און גאולה=האָפנונגען און זאָלען זיי צוריק נעהנטער ווערען מיט אונזער ספר — צוריק ווערען די קינדער פונם עם הספר.

דאָס דאָזיגע חבור „דער תורה=קוואַל" איז אַ שריט צו דערגרייכען דעם דאָזיגען ציעל.

דאָ זענען צונויפגעזאַמעלט פון גדולי ישראל, ראשונים און אחרונים, ווערטער און געדאַנקען אין די פערשידענע פאָרמען פון דרוש, רמז, מוסר, חסידות, געאָרדענט לויט די פרשיות פון דער תורה, הפטרות און ימים=טובים און איבערגעגעבען אין דער יודישער שפראַך אויף אַ פּאָפּולערען, אָבער געגוג קאָנצענטרירטען און קאָנדענסירטען אופן—אַזוי אַז יעדער וואָס איז נור אַ שטיקעל בן=תורה און האָט אַמאָל געלערנט זאָל זיי פערשטעהן.

איך האָב זיך בעמיהט צו געבען אַממייסטען נור אַזעלכע ווערטער וואָס האָבען אַ ערנסטע און פּראַקטישע בעדייטונג, צו פערשטעהן דורך זיין אַ שווערען פסוק אָדער מאמר חז״ל, וואָס לערנען עפּעס אין יודישקייט, אָדער וואָס ווייזען ווי אַלעס איז מרומז אין דער תורה. אָבער נאָכמעהר האָב איך זיך בעמיהט נישט צו געבען קיין גלייכווערטלעך, וויצען און הלצות וואָס ווערען צוגעטשעפּעט צו די פסוקים פון דער תורה און ווערען אויסגענוצט—אין דער לעצטער מאָדע — אַלס צייטונגס=מאַטעריאַל צוזאַמען מיט פערשידענע נבול=פּה און שונד=ערצעהלונגען...

זעלבסטפערשטענדליך אַז די ווערטער וואָס ווערען דאָ געגעבען, זענען נור ווי אַ טראָפּען פון ים בנוגע דעם אונערשעפּליכען און אייביג פליסענדען תורה=קוואַל. אָבער אפילו נור אַלס אַ קליינטשיקער טייל פונ׳ם דאָזיגען קוואַל, זענען זיי אויך בכח — ווי איך גלייב און האָף — צו דערפרישען און בעלעבען די לעכצענדיגע און דורשטיגע נפשות, וואָס בענקען נאָך אַ יודיש וואָרט.

עס בלייבט מיר נור איבער, צו בעטען ביי השי״ת, אַז דאָס דאָזיגע חבור זאָל באמת דערגרייכען זיין ציעל: צו דערנעהנטערען די יודישע מאַסען צום אָריגינעלען תורה=קוואַל; מאַכען צוריק דאָס תורה=וואָרט אַלס אָנגעלעגטען און שטענדיגען גאַסט אין דער יודישער היים און אין דער יודישער סביבה, און בעיקר, מקרב צו זיין די יודישע הערצער לאביהם שבשמים.

אלכסנדר זושא פרידמאַן

ב״ה ווארשא, תרח״ץ

מיינונגען פון גדולי ישראל און אויטאריטאטיווע

פערזענליכקייטען וועגען „תורה-קוואל"

הגאון ר' מנחם זעמבא שליט"א:

בהי"ת בחודש אד"ר „בנין ירושלם" לפ"ק

הוד חביבי יקר הערך מצוין בתורה חכם
וסופר כו' כש"ת מוהרא"ז שי' פרידמאן

שלום רב לאוהבי.

הן ראיתי את המחברת „תורה-קוואל" לסדר שמות והנהו אוסף מרגליות מפי סופרים וספרים בדברים יקרים ונחמדים וגם מחודדים אשר הקימו אמרות לעורר הלבבות ולחזקם לתורה ותעודה — וטוב עשה במלאכתו מלאכת הקודש לסדרם ולהעתיקם בשפה המדוברת כי אף אמנם רבותינו קוראין לשון התורה לשון הקודש מפני שדברי התורה וכל דברי קדושה כולם בלשון ההוא נאמרו (רמב"ן תשא) עכ"ז לעת כזאת אשר תכפו הצרות ורבו הגליות בקוצר רוח ועבודה קשה, הוא דבר בעתו ללכת בעקבי רבותינו הקדושים זי"ע אשר גם בזמניהם חברו בשפה המדוברת בין שדרות העם למען יבואו הכל ויעסקו בתורה וכאשר חכמים הגידו שמע ישראל בכל לשון שאתה שומע.

והנני לברכו בהצלחה מרובה

אוהבו
מנחם זעמבא

הרה"ג ר' אהרן לעווין שליט"א, ריישער רב:

ב"ה קרעניץ ה' מנחם אב חצר"ת לפ"ק

שלום ורב ברכה לחביבי איש האשכולות, בתורה
והכמה לו עשר ידות, שפתותיו נוטפות מור ועטו
עט סופר מהיר כש"ת מוהר"ר
אלכסנדר זושא פרידמאן נ"י

בישבי על הבאר בין הרי קרעניץ השגתי באר־תורה אשר חבר מעכ"ה. בו עשה פעלים לתורה, אסף וקיבץ על סדר פרשיות התורה מפי ספרים וסופרים אמרות טהורות, פנינים יקרות וסקירות חדות וסדרן בסגנון צח ויפה בשפת יהודית המדוברת, למען תת להן מהלכים בשדרות הרחבות של עמנו והביא אותן בקהל רב.

וחנת משבת אני את מפעלו זה, מעשי ידי אומן חרוץ ומומחה, אשר כבר אחמתי בפרי עטו ובמאמריו הרבים המלאים חן ויופי הוד והדר, כי כפלים לתושי' לו, בהגלותו גנזי תורתנו הקדושה ואמרי קודש של חכמינו המזהירים כזהר הרקיע וכעצם השמים לטוהר לפני המון רב, אשר ישוטטו בהם מדי שבוע בשבוע וימצאו בהם עונג רוחני וקורת־רוח וגם ימנע את הצמאים לדבר ד' לבל ירוו צמאונם מבורות נשברים ומעינות אכזב, רק ישאפו מבאר תורה חפרה איש הגון ומוכשר לכך אשר יראת ד' על פניו, מוקיר חכמי התורה וטל תורה יחייהו ממסד עד הטפחות.

ובהגישי למעכ"ה אהובי שיחי' את תודתי מלב בעד האי מתנתא דתורה די שדר לן, החביבה לי. אברכהו כי יפיצו מעינותיו חוצה, רבים ישתו מי בארו ויתענגו על נועם אמריו ויזכה להפיץ שנים רבות תורה וחכמה בישראל מתוך מנוחת שלוה השקט ובטח וכולנו נחזה עד מהרה בנחמת ציון וירושלים ובבנין בית תפארתנו, עת נדחי ישראל יכנס ד' ויעלו לציון מושיעים וישראל נושע בה' תשועת עולמים.

(דאָ קומען נאָך דברי תורה)

ידידו הדו"ש בלונ"ח והמכבדו
אהרן לעווין אבדק"ק ריישא

דער תורה - קוואל

ספר בראשית

פרשת בראשית

בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ (א—א)

בראשית — דאָס ערשטע פאַר אַלעם דאַרף אַ יוד וויסען אַז — ברא אלהים את השמים ואת הארץ...

(הה"ק רמ"ל מסאסוב)

די תורה - שבכתב הויבט זיך אָן מיט'ן אות ב' — בראשית און די תורה שבעל-פה הויבט זיך אָן מיט'ן אות מ' — מאימתי קורין את שמע.

איז דאָס דער רמז אין פסוק „ודברת בם", דרש'ענען די חז"ל: ולא בדברים אחרים (יומא יט) — דו זאָלסט נור רעדען די ווערטער פון דער תורה-שבכתב ושבעל-פה וואָס הויבען זיך אָן מיט די אותיות „בם" און נישט אין אַנדערע ענינים וואָס זענען דברים בטלים...

(מגיד תעלומה)

די תורה איז אַ נצחיות. אויך היינט איז נאָך אַלץ כסדר דער „בראשית ברא". יעדען טאָג איז השי"ת מחדש מעשה-בראשית. אַ בעל-מלאכה וואָס מאַכט אַ כלי, דאַרף זי שוין נישט דערנאָך דעם כח פונ'ם מייסטער צו איהר עקזיסטענץ, אָבער די בריאה דאַרף כסדר אָנקומען צום מאמר-פיו פון השי"ת. ווען דער כח זאָל איין רגע ווערען אַוועקגענומען, וואָלט די וועלט צוריק געקעהרט לתהו-ובהו.

דאָס הייסט: „המחדש בכל יום תמיד מעשה-בראשית"...

(ספרים)

ומה טעם פתח בבראשית... שאם יאמרו אומות העולם לישראל לסטים אתם שכבשתם ארצות שבעה גוים... וברצונו נטלה מהם ונתנה לנו (רש"י)

די כנענים אַליין וועלען דאָס נישט זאָגען, אַזוי ווי ס'ווערט דערצעהלט

אין מדרש, אַז די כנענים האָבען זיך גע'משפט פאַר אלכסנדר מוקדון מיט די יודען וועגען דעם אַז ארץ ישראל געהער צו זיי, איז געװעזען דער ענטפער פון דער יודישער זייט: עבד שקנה נכסים הנכסים למי, לא להאדון שכל מה שקנה עבד קנה רבו – כנען איז דאָך פערשאָלטען געוואָרען אַז ער זאָל זיין אַנ'עבד צו זיינע ברודער, ממילא געהער זייער לאַנד צו יודען וואָס זענען די קינדער פון שם. נור די אַנדערע פעלקער – אומות העולם–וואָס זענען אויך סעמיטען, (שטאַמען פון שם), זיי וועלען טענה'ען „לסטים אתם"–וואָרום עס שטעהט דאָך נישט אַז כנען זאָל זיין אַנ'עבד צו יודען דווקא, נור צו זיינע ברודער – עבד עבדים יהיה לאחיו (בראשית ט–כה) – זענען דאָך אַלע קינדער פון שם די אדונים פון די כנענים און דאַרפען זוכה זיין אין זייערע נכסים, טאָ פאַרוואָס האָבען עס דווקא יודען צוגענומען. דערויף איז דער ענטפער – ברצונו נטלה מהם ונתנה לנו.

(מלא העומר)

———

די חז"ל זאָגען אַז ווען די זקנים האָבען איבערגעזעצט די תורה פאַר תלמי המלך האָבען זיי געשריבען „אלהים ברא בראשית" (מגילה ט')

וואָס איז דער זין פון דער ענדע־רונג?

ווייל באמת לויט די חוקי־הלשון דאַרף דער נושא־המאמר שטעהן אין אָנהויב פונ'ם זאַץ, אַזוי ווי מען זאָגט, „ראובן בנה בית" דאַרף ממילא דאָ אויך שטעהן אין אָנהויב „אלהים" ווייל דאָס איז דאָך דער נושא־המאמר. נור ביי יודען איז דאָס נישט קיין נייעס אַז השי"ת האָט בעשאַפען די וועלט, יודען האָבען משיג געװעזען די אמונה פון מציאות־השם און חידוש־העולם, ביי יציאת־מצרים, קריעת־ים־סוף און קבלת־התורה, אַזוי אַז ס'איז איינגעוואָרצעלט אין זייערע הערצער דער דאָזיגער עיקר האמונה. נור ד תורה געהט בעיקר דערצעהלען דעם סדר פון די בריאה, וועלכעס ס'איז פריהער בעשאַפען געוואָרען, ממילא איז דער עיקר נושא־המאמר דאָס וואָרט „בראשית" – ס'ערשטע האָט ג–ט בעשאַפען „השמים והארץ" (און אַזוי טייטשען טאַקי פיל ראשונים, אַז די תורה קומט בעיקר צו דערצעהלען דעם סדר פון דער בריאה).

אָבער פאַר תלמי'ן, איהם האָט מען דאָך געדאַרפען קלאָהר צו מאַכען דעם עיקר אַז ג–ט האָט בעשאַפען די וועלט, איז דאָך ממילא דער נושא־המאמר, דאָס וואָרט „אלהים", דערי־בער קומט דאָס וואָרט אין אָנהויב. האָבען זיי געשריבען „אלהים ברא בראשית"

(שמן המור)

* * *

דערמיט קען מען פערבינדען דעם סוף פון דער תורה „לעיני כל ישראל" מיט'ן אנהויב. נור — לעיני כל ישראל — פאר יודען, איז געשריבען — בראשית ברא אלהים — אבער פאר די גויים, דארף זיין געשריבען — אלהים ברא בראשית...

(מפרשים)

בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ והארץ היתה תהו ובהו (א—א, ב)

בראשית — אויב באלד אין אנהויב פונ'ם טאג, געדענקט דער מענש — אז ברא אלהים את השמים ואת הארץ — איז דערנאך שוין — והארץ — אלע ערדישע זאכען, זענען ביי איהם — תהו ובהו...

(חשבה לטובה)

ורוח אלהים מרחפת על פני המים (א—ב)

זה רוחו של מלך המשיח (מדרש)

בעת השי"ת האט בעשאפען די וועלט, האט ער איהר בעשאפען אז זי זאל זיין אזוי ווי לעתיד לבוא, נאך ביאת־המשיח, אהן שום שלעכטס. נור דער מענש מיט זיין חטא האט קאליע געמאכט און די וועלט פערדארבען, אזוי עס מוזען אדורכגעהן צרות, יסורים, גלות'ן און שעבודים ביז זי וועט צוריק אויסגעלייטערט ווערען און ראוי ווערען צו משיח. אבער דער משיח'ישער גייסט האט געשוועבט פאר השי"ת באלד בעת דער בריאה.

מיר בעטען דעריבער: יתגדל ויתקדש שמיה רבא בעלמא די ברא כרעותיה — זיין נאמען זאל ווערען באלד גיך, גרויס און פערהייליגט, אין א וועלט וואס זאל זיין לויט'ן רצון ד' בעת דער בריאה...

(ספרים)

ויאמר אלהים יהי אור ויהי אור וירא אלהים את האור כי טוב ויבדל (א—ג, ד)

ראהו שאינו כדאי להשתמש בו רשעים והבדילו לצדיקים לעתיד לבוא (רש"י)

דער דאזיגער מאמר איז מרומז אין פסוק אליין. ווארום „יהי אור" איז א

לשון עתיד — עס זאל כסדר ווערען ליכטיג, דערנאך שטעהט באלד „ויהי אור" (נישט „ויעש" אדער „ויברא") און א „ויו" אין אנהויב ווארט איז מהפך דעם עתיד אויף אנ'עבר. דער אור איז אלזא באלד געווען אנ'עבר, ער געהער צו דעם פערגאנגענהייט, ער איז געווען און איז מעהר נישטא ווייל ער איז גגנז געווארען.

(בשם הגר"א ז"ל מווילנא)

ויקרא אלהים לאור יום ולחשך קרא לילה (א—ה)

קרא אלהים לילה אין כתיב כאן אלא קרא לילה, שאין הקדוש ב"ה מייחד שמו על הרעה. הדא הוא דכתיב „ידע מה בחשוכא ונהורא עמיה שריא" (מדרש)

פון השי"ת געהט נישט ארויס קיין שלעכטס — מאתו לא תצא הרעות — ווארום אפילו דאס וואס ס'דוהט אויס ביים מענש ווי שלעכט, איז באמת גוטס אין תכלית, צי כדי ער זאל אבנעמען זיין שטראף אויף דער וועלט, אדער כדי צו פערגרעסערען זיין שכר לעולם-הבא. דעריבער איז „אין הקב"ה מייחד שמו על הרעה"— ווייל ביי השי"ת איז אלעס „טוב" אזוי אז קיין „רע" איז גארנישט פערהאן, דעם מענש דוכט זיך נור אז ס'איז „רע".

דערויף ברענגט דער מדרש דעם פסוק „ידע מה בחשוכא ונהורא עמיה שריא" — אז השי"ת ווייסט דאס וואס ס'איז בעהאלטען אין דער פינסטער־ניש, דעם ציעל און די אינערליכע כוונה פון דער צרה, ממילא איז פאר איהם בלויז טוב, בלויז ליכט — ונהורא עמיה שריא...

(כתב סופר)

לויט די חוקי-הלשון קומט גארנישט עס זאל שטעהן געדאפעלט דער נושא־המאמר אין איין זאץ, און אויב עס שטעהט „ויקרא אלהים לאור יום", דארף שוין נישט שטעהן „ולחשך קרא אלהים לילה", ווייל דער „אלהים" פון אנהויב זאץ, בעציהט זיך אויך אויפ'ן סוף ז

נור די קשיא פון מדרש איז, אז ס'זאל טאקי שטעהן פערקעהרט „ויקרא אלהים לחשך לילה ולאור קרא יום", פונקט ווי עס שטעהט באלד „ויהי ערב ויהי בקר" — פריהער „ערב" און דערנאך „בקר", האט דא אויך גע־

דאַרפֿען שטעהן פֿריהער „חשך“ און דערנאָך „אור“. דערויף ענטפֿערט דער מדרש אַז דעריבער האָט דער פּסוק טאַקי געשטעלט פֿריהער „אור“, כּדי דער „אלהים“ זאָל נישט שטעהן בּיי „חשך“ וואָרום „אין הקב״ה מייחד שמו על הרעה“.

(להב אש בשם הה״ק מזיבלין ז״ל)

ויהי ערב ויהי בקר יום אחד (א—ה)

בּיי יודען געהט פֿריהער די נאַכט און דערנאָך דער טאָג. די נאַכט געהער צום מאָרגענדיגען טאָג. דאַגעגען בּיי די גויים, געהט פֿריהער דער טאָג און דערנאָך די נאַכט, וועלכע געהער צום פֿריהערדיגען טאָג.

ווייל די נאַכט בּעדייטעט אויף יסורים און פֿינסטערניש, פּורעניות און דינים. איז בּיי יודען פֿריהער ליידען זיי יסורים, דערפֿאַר אָבער וועט דערנאָך קומען זייער טאָג, די ליכטיגקייט און די הילף. דאַגעגען בּיי די אומות איז פּערקעהרט. בּיי זיי איז פֿריהער דער טאָג, דער סוף זייערער וועט אָבער זיין נאַכט. אַזוי ווי די חז״ל זאָגען: צדיקים תחלתן יסורים וסופן שלוה והרשעים תחלתן שלוה וסופן יסורים.

(אמרי שפר)

---

* * *

דעריבער איז אויך בּיי יודען דער שבת, אין סוף פֿון דער וואָך, אינ׳ם זיבּעטען טאָג, און בּיי די אומות אינ׳ם אָנהויב וואָך, אין זונטאָג. ווייל יודען ערוואַרטעט זייער מנוחה און שלוה צום סוף. בּיי זיי אָבער איז די שלות און רוה אין אָנהויב און דער סוף וועט זיין יסורים און מאַטערניש...

(שם)

פֿאַרוואָס שטעהט נישט „יום ראשון“ אַזוי ווי עס שטעהט בּיים צווייטען טאָג „יום שני“, נור „יום אחד“?

ווייל „ראשון“ הייסט אַז דער ערשטער טאָג האָט געהאַט אַ שייכות צו די אַנדערע טעג. בּאמת אָבער איז דער טאָג דאַן געוועזען אַ גאַנץ בּעזונדערער אין זיין מדרגה און נישט געהאַט קיין שום צוזאַמענהאַנג מיט די רעשט טעג. וואָרום אין ערשטען טאָג איז געוועזען דער „אור“ וואָס איז שפּעטער נגנז געוואָרען אויף לעתיד־לבוא, ווייל די וועלט איז נישט געוועזען ווערט צו האָבּען אַזאַ גרויס ליכט (זעה פּסוק ג׳), ממילא איז ער געוועזען אַ „אחד“ — איינציג אין זיין מין און אין זיין מדרגה...

(משך חכמה)

ויבדל בין המים אשר מתחת לרקיע ובין המים אשר מעל לרקיע ויהי כן (א–ז)

דער מדרש זאָגט אַז דעריבער שטעהט נישט „כי טוב" ביים צווייטען טאָג, ווייל ס'איז אין איהם פאַרגעקומען אַ צוטיילונג אַ הבדלה צווישען די וואַסערן און ביי אַ פונאַנדערטיילונג קען נישט שטעהן „טוב".

איז דאָך די קשיא, ביים פירטען טאָג איז דאָך אויך געוועזען אַ הבדלה צווישען אור און חושך פאַרוואָס דען שטעהט דארט יאָ „כי טוב" ?

נור דער תירוץ איז: צווישען ליכטיגקייט און פינסטערניש, וואָס זענען צוויי געגענגעזעצטע זאַכען, דאַרף טאַקי זיין אַ הבדל, און דער הבדל איז טאַקי גוט, ווייל ליכט מיט פינסטערניש קענען נישט זיין צוזאַמען. אָבער וואַסער מיט וואַסער, זענען דאָך איין זאַך, ווען מען טיילט פונאַנדער זאַכען וואָס דאַרפען זיין איינס, איז עס נישט גוט.

מענשען מיט אַ גלייכע דיעה דאַרפען זיין באחדות און זייער פירוד איז נישט קיין גוטער סימן. אָבער ביי גוטע מיט שלעכטע איז דער הבדל דווקא אַ גוטער סימן...

(שמעתי)

יקוו המים מתחת השמים אל מקום אחד ותראה היבשה (א—ט)

דער „ותראה היבשה" זעהט אויס ווי איבריג ?

נור דאָ איז מרומז וואָס די חז"ל זאָגען ביי קריעת ים-סוף, אַז באַלד ביי דער בריאה האָט השי"ת זיך מתנה געוועזען אַ תנאי מיט'ן ים, דאָס ער זאָל זיך שפּאַלטען פאַר די יודען — וישב הים לאיתנו, לתנאו הראשון.

איז דאָס דאָ דער פשט: יקוו המים אל מקום אחד — און ס'זאָל ווערען אַ ים, אָבער איך רעד זיך באַלד אויס אַ תנאי, אַז — ותראה היבשה — ווען מען וועט אַמאָהל דאַרפען פאַר יודענ'ס וועגען, זאָל זיך אַרויסזעהען די יבשה אַפילו אויף דעם אָרט ווי די וואַסערן האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט אַלס ים...

(אמרי שפר)

תדשא הארץ דשא... עץ פרי עשה פרי למינו (א—יא)

שיהא טעם העץ כטעם הפרי והיא לא עשתה כן אלא ותוצא הארץ עץ עושה פרי ולא עץ פרי לפיכך

ככנתקלל אדם על עונו נפקדת גם היא ונתקללה (רש״י)

די מפרשים פרעגען, פאַרוואָס איז זי באַלד נישט נענש געוואָרען. נור ערשט ווען אדם איז געשאָלטען געוואָרען?

נור ווייטער שטעהט: ותרא האשה כי טוב העץ למאכל ותקח מפריו ותאכל (ג—ו) איז דאָך אין פלוג שווער וואָס פאַר אַ ראיה איז פון „עץ״ אויף די „פרי״, ווייל זי האָט געזעהען אַז דער עץ איז גוט דעריבער האָט זי געגעסען פון דער פרי? נור חוה האָט גערעכענט אויב ס׳איז אמת אַז השי״ת מיינט זייער טובה, ווייל די פירות פון דעם בוים זענען שלעכט צום עסען, האָט דאָך דער בוים געדאַרפען זיין ערגער פון אַנדערע בוימער, לסוף האָט זי גאָר געזעהען אַז ער איז נאָך בעסער פון אַנדערע בוימער, בעת ביי אנדערע בוימער זענען נור די פירות ראוי צום עסען און נישט דאָס האָלץ, איז אָבער ביים עץ־הדעת, אויך דאָס האָלץ אליין ראוי צום עסען. דעריבער האָט זי געגלויבט דעם נחש. איז דאָס דער פשט: ותרא האשה כי טוב העץ למאכל — זי האט געזעהען דאָס דער בוים איז אַזוי גוט, אַז אַפילו דאָס האָלץ איז גוט צום עסען, דעריבער — ותקח מפריו ותאכל — האָט זי גע־גלויבט דעם נחש אַז ס׳קען נישט זיין דאָס זיינע פירות זאָלען ברענגען דעם טויט און האָט געגעסען פון די פירות.

איז דאָך דער גאַנצער טעות פון חוה׳ן אַרויסגעקומען דערפון וואָס די ערד האָט געענדערט דעם צווי ד׳ און האָט אַרויסגעגעבען אַלע בוימער אַזוי, אַז דאָס האָלץ האָט נישט גע־האַט דעם טעם פון דער פרי, וואָלט זי אָבער נישט משנה געווען. און ביי אַלע בוימער וואָלט דאָס האָלץ געווען ראוי צום עסען, וואָלט דאָך חוה נישט געקומען צום חטא. ווייל זי וואָלט נישט געפאָלגט דעם נחש.

דעריבער איז פריהער די ערד נישט געשטראָפט געוואָרען, ווייל די בחירה איז דאָך אַ פרייע, און ווען חוה וואָלט נישט געפאָלגט דעם נחש, וואָלט עס נאָך געווען אַ תיקון פאַר דער ערד, וואָרום זי האָט דאָך פער־גרעסערט איהר נסיון און ממילא פערגרעסערט דעם שכר. נור שפעטער אַז חוה האָט יאָ געזינדיגט און צו דער זינד האָט גורם געווען די ערד מיט איהר ענדערען די צווי ד׳, איז זי דעמאָלט נענש געוואָרען...

(אמרי שפר)

———

דער „פני יהושע״ זאָגט אַ כלל אַז אויף אַלע מצוות־עשה (נישט בלויז אויף נישט געהן אַ בגד וואָס איז מחוייב בציצית — זעה מנחות מ״א) איז מען

נור מעגיש בעידן-ריתחא, ווען ס'איז פערהאַן אַ כעס אין הימעל. דעריבער פאַר'ן חטא פון אדם וחוה איז נישט געווען קיין עידן-ריתחא, איז די ערד נישט נענש געוואָרען, וואָרום זי האָט דאָך נור עובר געווען אויף אַ מצות-עשה. נור ערשט נאָכ'ן חטא ווען ס'איז געוואָרען אַ עידן-ריתחא, איז די ערד אויך געשטראָפט גע-וואָרען.

(הגאון מהרי"מ בידרמן שליט"א מווארשא)

———

ויעש אלהים (א—כה)

תקנם בצדיונם ובקומתן (רש"י)

אַלע ברואים זענען בעשאַפען גע-וואָרען באַלד אין אַנ'ענטוויקעלטען פאָרם. דער ערשט בעשאַפענער אָקס האָט אויסגעזעהען ווי אַנ'ענטוויקעלטער פון אַ לענגערער צייט, הויך און פערטיג און אַזוי אַלע ברואים.

דערפון זענען אָבגעפרעגט אַלע בעווייזען פון די נאַטור פאָרשער. אַז די וועלט איז עלטער פון זעקס טוי-זענד יאָהר, ווייל זיי געפונען אין דער ערד ביינער פון בעשעפענישען אָדער מינעראַלען, וואָס לויט די יעצ-טיגע ענטוויקלונגס-געזעצען אין דער נאַטור, וואָלטען זיי געדאַרפען האָבען אַנ'ענטוויקלונג פון מיליאָנען יאָהרען און זיי ווילען דעריבער אָבלייקענען אונזער מסורה בנוגע די עלטער פון דער וועלט. זייער טעות איז אָבער גאָר אַ גרויסער און דערנעמט זיך דערפון, וואָס זיי בערעכענען יעדער זאַך לויט זיין נאָרמאַלער ענטוויקלונג.

באמת אָבער זענען דאָך די ברואים בעשאַפען געוואָרען אין אַ פערטיג גוט ענטוויקעלטען פאָרם, קען מען דאָך בכלל נישט וויסען וואָס פאַר אַ גרויס די אָדער יענע חיה האָט געהאַט בעת איהר בעשאַפונג, אָדער וואָס פאַר אַ פאָרם דער מתכת האָט געהאַט בעת די ערד איז בעשאַפען געוואָרען.

דאָס איז פונקט אַזוי ווי איינער וועט וועלען ברענגען בעווייזען וועגען דער ענטוויקלונגס-צייט פון אַ געבוי-רען קינד, פון זיין ענטוויקלונגס-צייט אין דער מוטער'ס-בויך, בעת ס'איז קלאָהר, אַז דאָס קען גאָרנישט האָבען קיין שום צוזאַמענהאַנג, ווייל די בע-דינגונגען זענען גאַנץ אַנדערע. אַזוי קען מען לגמרי נישט פערגלייכען די ענטוויקלונגס-אופנים פון נאָך דער בריאה מיט די ענטוויקלונגס-אופנים בעת דער בריאה...

(אבני אזל)

נעשה אדם (א—כו)

אע"פ שלא סייעוהו ביצירתו לא נמנע

הכתוב מללמד דרך ארץ ומדת ענוה,

שיהא הגדול נמלך ונוטל רשות מן הקטן (רש"י)

דערמיט איז צו פערשטעהן דעם מאמר חז"ל: כל המתגאה כאילו עובד עבודה־זרה (סוטה ד)—וואָרום אויב ער האַלט זיך גרויס, איז דאָך לויט זיין שיטה נישט דער טייטש פון „נעשה־ה" אַז השי"ת האָט געהיידען אַ וועג פון עניוות. דער גרעסערער זאָל זיך אָני־פרעגען ביים קלענערען, מוז דאָך זיין אַז ער טייטשט דעם „נעשה" פראָסט פשוט אַז ס'איז חלילה פערהאַן שתי רשויות, ממילא איז ער אַנ'עובד עבודה־זרה...

(פרשת דרכים)

———

* * *

דערמיט איז אויך צו פערשטעהן אַ צווייטען מאַמר חז"ל: כל המעלים עיניו מן הצדקה כאילו עובד עבודה־זרה (כתובות ס"ח) — וואָרום ס'איז פערהאַן אין מדרש אַז „נעשה אדם" געהט אַרויף אויף צדקה, השי"ת זאָגט צום עשיר, איך און דו לאָמיר מאַכען דעם מענש. איך האָב איהם בעשאַפען און דו זאָלסט איהם מפרנס זיין (מובא בספר „אורי וישעי") איז דאָך אַלזאָ פערהאַן נאָך אַ פשט אויף דעם וואָס עס שטעהט „נעשה" בלשון רבים.

דער וואָס גיט נישט קיין צדקה, נור ער איז אָבער מפייס דעם אָרימאַן און איז איהם מקרב, קען מען נאָך זאָגען אַז ער טייטשט דעם „נעשה" אַזוי ווי רש"י זאָגט אַז ס'איז צוליב עניוות. אָבער דער וואָס איז „מעלים עיניו מן הצדקה" — נישט גענוג ער גיט נישט קיין צדקה, פאַסט איהם אפילו נישט, צוליב זיין גיאות, אנצו־קוקען דעם אָרימאַן און רעדען מיט איהם אַ גוט וואָרט, האַלט ער דאָך נישט,ביידע טייטשען אויפ'ן „נעשה", נישט מחמת צדקה און נישט מחמת עניוות, מוז דאָך זיין אַז ער טייטש פראָסט דאָס עס זענען חלילה פערהאַן שתי רשויות, דעריבער איז ער כעובד עבודה־זרה.

(חות יאיר מבעל אור חדש)

* * *

דאָס איז דער פשט אין פסוק: בגאות רשע ידלק עני יתפשו במזמות זו חשבו (תהלים יוד — ב') — אויף בלויז גאות, ווען מען גיט צדקה, קען זיין אַ תירוץ אַז „נעשה" מיינט מען צדקה (לויט'ן פשט פון מדרש), ווידער אויף בלויז נישט געבען קיין צדקה ווען מען איז אַ עניו, קען זיין אַ תירוץ אַז „נעשה" איז געמיינט עניוות (לויט'ן פשט פין רש"י), אויב אבער —

בגאות רשע—ער איז אַ בעל גאה און דערצו — ידלק עני — יאגט ער נאך אוועק מיט כעס דעם ארימאן, דאן האט ער שוין גאר קיין תירוץ נישט.

איז דעריבער יתפשו במזימות זו חשבו — וואָרום ביי עבודה-זרה ווערט מען נענש אפילו אויף דער מחשבה...

(שם)

* * *

דעריבער האט רבי מכבד געווען עשירים—ווייל רבי האט געזעהן, אז די עשירים ווילען גיכער זיין ענוים און נישט געבען קיין צדקה, דעם „נעשה" טייטשען זיי צוליב עניוות און נישט צוליב צדקה, האט ער זיי געגעבען כבוד, און דערמיט זיי אנגעוויזען אַז ס'איז שוין גלייכער זיי זאָלען יא וועלען אַ ביסעל כבוד און טייטשען דעם „נעשה" אז מען דאַרף געבען צדקה, איידער צו זיין גרויסע ענוים און נישט געבען...

(ילקוט טוב)

נמלך בפמליא שלו (רש"י)

כאָטש די גאַנצע וועלט איז שוין געווען בעשאַפען און דער תכלית פון דער בריאה, איז דאָך דער מענש, פונדעסטוועגען האט דאָס אַלץ נישט געשטערט, אַז ס'זאָל נאָך זיין ישוב-הדעת. דאָס איז אַ לימוד פאַר'ן מענש, אַז אפילו נאָכ'ן „בדיעבד" זאָל ער האָבען ישוב-הדעת איידער ער געהט עפּעס טהוען, אַזוי ווי ס'וואָלט ערשט געוועזען אַ „לכתחילה". דאָס וואָס ער האָט שוין אָבגעטהוען זאָל איהם נישט שטערען צום ישוב-הדעת אפילו ער וועט עס דאַרפען צו פערניכטען...

(אחד מגדולי המוסר)

בשעה שבא הקב"ה לבראות את האדם... חסד אמר יברא... ואמת אמר אל יברא שכולו שקרים... צדק אמר יברא... שלום אמר אל יברא שכולו קטטה מה עשה הקב"ה נטל אמת והשליכו לארץ (מדרש)

פאַרוואָס האט מען עפּעס אראָבגעוואַרפען בלויז דעם „אמת", דער „שלום" האָט דאך אויך געזאָגט „אל יברא" ? נור ווען מען וואַרפט אַוועק דעם „אמת" איז שוין דא גענוג „שלום". מחלוקת איז נור פאַרהאַן ווען יעדער קעמפט פאַרן „אמת" וואָס ער האַלט פאַר אמת. קוקט מען אַוועק פונם אמת, הערט ממילא אויף די מחלוקת און דער „שלום" האט שוין נישט וואס מקטרג צו זיין...

(בשם הה"ק מקאָצק ז"ל)

נאָך אַ תירוץ. ווען מען האָט אַראָבגעוואָרפען דעם „אמת" איז דאָך דער „שלום" געבליבען איינער געגען צוויי — דעם „חסד" מיט'ן „צדק" — וואָס האָבען געזאָגט „יברא", איז ממילא געבליבען אַ מעהרהייט אויף יאָ בעשאַפען.

איז דאָך אָבער די קשיא, פאַרוואָס האָט השי"ת נישט אַוועקגעוואָרפען דעם „שלום", וואָלט דאָך אויך דער „אמת" געבליבען איינער געגען צוויי? איז אָבער דער תירוץ, אַז אַקעגען דעם „אמת" קען נישט פועל'ן בכלל קיין רוב. ווען אַפילו דער „צדק" מיט'ן „חסד" וועלען טענה'ן אַז מען זאָל דעם מענש בעשאַפען, ווייל ער וועט טהוען צדקות מיט חסדים, וועט דער „אמת" אויפווייזען אַז אפילו די צדקות מיט די חסדים וועלען אויך בלויז שקר... דעריבער האָט מען דעם „אמת" אַוועקגעוואָרפען און אַ קעגען דעם „שלום" וואָס טענה'ט „שכולו קטטה", קען מען שוין אַ קעגען שטעללען אַ רוב פון צדק מיט'ן חסד...

(אהל תורה בשם הה"ק מקאָצק ז"ל)

בשעה שבא הקב"ה לבראות את האדם נעשו מלאכי השרת כתות כתות. מהם אומרים אל יברא ומהם אומרים יברא עד שמלה"ש מדיינים אלו עם אלו אמר להם הקב"ה מה אתם מדיינים כבר נעשה אדם (מדרש)

די עיקר מעלה פון די מלאכים איבער די מענשען, איז דאָס, וואָס בעת צווישען מענשען זענען פעראַן פערשידענע חלוקי-דעות, ווייל יעדער האָט אַ בחירה צו גוטס און שלעכטס, איז ביי די מלאכים נישט פעראַן קיין אייגענע בחירה און ממילא זענען זיי אַלע גלייך מיט איין דיעה. יעצט אָבער אַז עס האָט זיך צווישען די מלאכים אויך געמאַכט חלוקי-דעות וועגען דער בעשאַפונג פונ'ם מענש, האָט השי"ת צו זיי געזאָגט: אויב אַזוי, זענט איהר דאָך נישט בעסער ווי דער מענש, קען דאָך שוין דער מענש בעשאַפען ווערען.

מה אתם מדיינים — אויב איהר קריגט זיך, איז דאָך דאָס שוין דער מענש — כבר נעשה אדם...

(בשם החידושי הרי"ם ז"ל)

וירדו בדגת הים ובעוף השמים ובבהמה ובכל הארץ (א–כו)

יש בלשון זה לשון רדוי ולשון ירידה; זכה רודה בחיות ובבהמות, לא זכה נעשר ירוד לפניהם וחחיה מושלת בו. (רש"י)

באמת איז דאך שווער פארוואס שטעהט עפעס „וירדו" א לשון-רבים, דא געהט דאך ארויף אויפ'ן „נעשה אדם" דארף דאך שטעהן „וירדה" א לשון-יחיד?

נור די גמרא זאגט אז א חיה פאלט נישט אן אויף צוויי מענשען צוזאמען, ווייל עס שטעהט: „ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית הארץ" (ווייטער ט–ב), נור סיידען די מענשען זעהען אויס ביי די חיה אין די אויגען אזוי ווי בהמות, ווי דער פסוק זאגט „ואדם ביקר בל ילין נמשל כבהמות נדמו" (תהלים מט–יג) — ווען דער מענש זינדיגט בעקומט ער א צורה פון א בהמה, דעמאלט פאלט די חיה אן אפילו אויף צוויי מענשען (שבת קנ"א).

דעריבער זאגט השי"ת: נעשה אדם בצלמנו כדמותנו — אויב דער מענש וועט האבען דעם צלם-אלהים און וועט נישט אויסזעהען ווי א בהמה און אויך — וירדו — זיי וועלען זיין צוויי. דעמאלט וועט זיין-וירדו בדגת הים... ובכל הארץ — וועלען זיי זיין שטארקער ווי אלע בעשעפענישען און קיין שום חיה וועט זיי נישט קענען שלעכטס טהוען. אויב אבער עס וועט פעהלען איינס פון די צוויי זאכען, אדער זיי וועלען נישט האבען דעם צלם-אלהים, אדער זיי וועלען נישט זיין קיין צוויי צוזאמען, איז — נעשה ירוד לפניהם — זענען די חיות מושלים איבער די מענשען.

(כתנות אור)

ויאמר אלהים הנה נתתי לכם את כל עשב זרע זרע... ואת כל העץ... לכם יהיה לאכלה. ולכל חית הארץ... את כל ירק עשב לאכלה ויהי כן (א–כט, ל)

דער צווייטער „לכם יהיה" זעהט אויס ווי איבריג, עס שטעהט דאך שוין פריהער „נתתי לכם"? ווי פאסט זיך אויך „ויהי כן" אויף א צווי? און פארוואס שטעהט נישט ארויס קיין פערבאט צו עסען בעלי-חיים?

נור פריהער זענען די אלע זאכען נישט געווען בגדר מאכל, מען האט זיי נישט געקענט עסען. ערשט דורכ'ן דבור פון השי"ת זענען זיי געווארען א מאכל, דעריבער שטעהט: לכם יהיה לאכלה — עס זאל ווערען פאר אייך

אַ מאכל און די תורה זאָגט „ויהי כן" — אַז ס'איז טאַקי אַזוי געוואָרען, זיי זענען געוואָרען ראוי צום עסען. ממילא איז פלייש פון בעלי־חיים, וועלכעס השי"ת האָט נישט דערמאָהנט, נישט געווען בטבע ראוי צום עסען און מען האָט נישט בעדאַרפען צו געבען אַ צווי דערויף. ערשט שפּעטער ביי נח'ן ווען השי"ת האָט געזאָגט. כל רמש אשר הוא חי לכם יהיה לאכלה (ט—ג) — איז דאָס פלייש פון בעלי־חיים אויך געוואָרען אַ מאכל פאַר מענשען.

דערמיט איז אויך ריכטיג, וואָס לויט'ן פשט אין פסוק ווייזט אויס אַז פאַר בהמות איז נור מותר געוואָרען צו עסען ירק און נישט קיין פּירות (זעה רמב"ן) — אייגענטליך וואָס איז שייך אַ בעפעהל אויף בהמות? נור דער פשט איז, אַז זייער טבע איז דעמאָלט אַזוי געווען, נור צו קענען עסען ירק, די פּירות זענען פאַר די בהמות נישט געווען בגדר מאכל.

(קול שמחה)

ויברך אלהים את יום השביעי (ב—ג)

ברכו במאור פנים אינו דומה מאור פניו של אדם בחול כמאור פניו של אדם בשבת (מדרש)

דער דין איז ביי שבע־ברכות אַז נור ווען עס איז דאָ אַ פנים־חדשות — אַ נייער מענש, דאַרף מען יעדען טאָג פון די שבעת־ימי־המשתה זאָגען די שבע ברכות. דאַגעגען אָבער אין שבת דאַרף נישט זיין קיין פנים־חדשות.

דער טעם דערפון איז — האָט דער שפת אמת ז"ל געזאָגט — ווייל אין שבת בעקומט דאָך יעדער אַנ'אַנדער מאור־פנים, איז דאָך יעדער איינציגער מענש, אַ פנים־חדשות. ס'איז נישט דאָס אייגענע פנים וואָס נעכטען...

ואד יעלה מן הארץ והשקה את כל פני האדמה (ב—ו)

די חז"ל זאָגען: מה יעשה אדם ויחיה, ימית את עצמו (תמיד ל"ב) — דורכ'ן צוברעכען די גשמיות'דיגע תאוות ווערט דער מענש אַ „חי" וועלכער קען משפיע זיין גוטס אויף דער וועלט, אַזוי ווי די גמרא זאָגט: כל העולם ניזון בשביל חנינא בני וחנינא בני די לו בקב חרובין מערב שבת לערב שבת (ברכות י"ז) — ווייל ער האָט גענוג געהאַט אַ קב־חרובין, האָט ער געקענט אַראָפּברענגען שפע פון פרנסה אויף דער וועלט.

איז דאָס דער פשט: ואד יעלה מן הארץ — אויב מען צוברעכט די

ערדישע תאוות („אד" — פון לשון „שבר" אַזוי ווי „כי קרוב יום אדם") — דאַן קען זיין — והשקה את כל פני האדמה — קען מען משפיע זיין ברכה אויף דער וועלט...

(אורח חיים)

אעשה לו עזר כנגדו (ב–יח)

פאַרוואָס שטעהט נישט „נגדו" נור „כנגדו" מיט אַ „כף־הדמיון"?

נור דאָ איז געמיינט דער יצר־הרע, וואָס כאָטש ער איז אַ געגנער פונ'ם מענש, העלפט ער איהם צו צו עבודת הבורא. דורך דער בחירה וואָס דער מענש האָט, דאַרף ער דאָך כובש זיין דעם יצר־הרע, קען ער זיין אַנ'עובד השם. דאָס הייסט „עזר כנגדו", ווייל ער איז איהם כנגד איז ער דערמיט אַ עזר.

די חז"ל זאָגען דאָך „כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו" (סוכה נ"ב) — דאָס הייסט אַז יעדען גיט מען נור אַזוי פיל יצר־הרע, וויפיל ער איז בכח מנצח צו זיין. דער קלענערער מענש האָט אַ קלענערען יצר־הרע און דער גרעסערער — אַ גרעטערען.

איז דאָס דער פשט: אעשה לו עזר כנגדו — כ'וועל איהם געבען דעם יצר־הרע וועלכער זאָל זיין אַנ'עזר אין דער עבודת ד' — כנגדו — פונקט אַזוי פיל וויפיל ס'איז לויט זיינע גייסטיגע כחות איהם מנצח צו זיין.

(אורח לחיים)

---

* * *

דעריבער זאָגען די חז"ל אַז לעתיד, װעט דער יצר־הרע אויסזעהען ביי די צדיקים ווי אַ גרויסער באַרג און ביי די רשעים ווי אַ חוט־השערה. ווייל אַזוי איז עס באמת. די רשעים מיט שטאַרקע שלעכטע נייגונגען, האָבען אַ קליינעם יצר־הרע אַזוי ווי אַ האָהר, און די צדיקים, וואָס זענען „גדול מחבירם" און האָבען גרויסע גייסטיגע כחות, איז זייער יצר־הרע טאַקי ווי אַ באַרג...

(שם)

ויאמר אל האשה אף כי אמר אלהים לא תאכלו מכל עץ הגן (ג–א)

די מדה פונ'ם נחש־הקדמוני איז, אָבצוקיהלען דעם מענש פון די מצוות. זיי לייכט צו מאַכען מיט ביטול: וואָס איז דען אַז עס שטעהט אַזוי, ווידער אַנ'עסק!

דאָס איז דער פשט: אף כי אמר אלהים — וואָס איז דען אַז השי"ת האָט געזאָגט, עס מאַכט נישט אויס, אַז

מען פאַלגט נישט אַמאָהל, אַז מען איז נישט אַזוי פרום...

און אַזוי פיהרען זיך אַלע מסיתים ביז היינט, קאַלט צו מאַכען יעדע מצוה און אַבצושוואַכען איהר בעדייטונג, לויט'ן דרך פונ'ם ערשטען נחש...

(בשם החידושי הרי"ם ז"ל)

ותאמר האשה אל הנחש מפרי עץ הגן נאכל ומפרי העץ אשר בתוך הגן אמר אלהים לא תאכלו ממנו ולא תגעו בו (ג-ב, ג)

פאַרוואָס האָט זי טאַקי צוגעגעבען אַז מ'האָט איהר גע'אסר'ט נגיעה ?

נור דער דין איז אַז יום-כיפור מעג מען אָנריהרען אין עסענוואַרג, כאָטש דער איסור איז אַזוי האַרב ווי חמץ אין פסח און מען איז אויך נישט אָבגעשיידט דערפון, ווייל אין פסח, מעג מען דאָך עסען אַנדערע מאכלים, איז דאָ חושש זיין טאָמער וועט מען עסען חמץ אויך, דעריבער טאָר עס זיך בכלל נישט געפונען אין שטוב אָבער יום-כפור טאָר מען דאָך גאָרנישט עסען, איז נישט צו קלעהרען אַז מען וועט דורכ'ן אָנריהרען קומען צו אכילה אַליין.

האָט דאָס חוה געזאָגט: מפרי עץ הגן נאכל — פון אַלע בוימער די פרוכטען מעג מען דאָך יאָ עסען, איז עס דאָך נישט גלייך צו יום-כיפור, נור צו חמץ בפסח, דעריבער דאַרף דאָך מסתמא זיין אסור נגיעה אויך. ווען מען וואָלט בכלל נישט געטאָרט עסען די פירות, וואָלט מען מסיח-דעת געווען פון עסען, און ס'וואָלט נישט געווען קיין חשש אַז פון נגיעה זאָל מען קומען צו אכילה, ווען אָבער מען מעג יאָ עסען אַלע אַנדערע פרוכטען מוז זיין אַז — אמר אלהים, לא תאכלו ולא תגעו — צוליב דעם איסור אכילה דאַרף זיין אויך אַן איסור אויף דער נגיעה.

(כתנות אור בשם גדול א')

הוסיפה על הצווי לפיכך בא לידי גרעון (רש"י)

וואָס פאַר אַן עולה האָט זי געטהוען ווען זי האָט זיך געמאַכט אַ סייג און אַ גדר צו דער צווי ד' ? אדרבה מען דאַרף זיך דאָך מאַכען סייגים, אַזוי ווי די משנה זאָגט „ועשו סייג לתורה" (אבות פ"א מ"א) ?

נור אויב מען מאַכט זיך אַ סייג צו אַ מצוה, דאַרף מען זאָגען אַז ס'איז אַן אייגענער סייג, נישט זאָגען אַז „אמר אלהים לא תאכלו ולא תגעו" און — מאַכען — דעם סייג פאַר אַ צווי ד' — אויף דעם איז שוין דאָ דער איסור „לא תוסיף על דבריו".

(פוסקים ומפרשים)

* * *

פאר'ן חדושי הרי"ם ז"ל זאגט מען נאך א תירוץ דערויף, אז דער ענין פון מאכען א סייג, איז נור נאכ'ן חטא פון אדם-הראשון, ווען דער יצר-הרע איז געווארען שטארק און שלעפט דעם מענש פון א לייכטע זאך צו דער עבירה אליין, אבער פאר'ן חטא האט מען טאקי קיין סייגים נישט געדארפט, דעריבער האט דער סייג פון חוה'ן טאקי געהייסען אַ הוספה...

ויאמר הנחש אל האשה לא מות תמתון (ג—ד)

דחפה לאילן עד שנגעה בו אמר לה כשם שאין מיתה בנגיעה כך אין מיתה באכילה (מדרש)

פונדאנען איז אראיה אז ס'איז נישטא קיין מיתה בנגיעה, דערפון וואס זי איז נישט באלד געשטארבען, השי"ת האט דאך געזאגט „ביום אכלך ממנו" און דער טאג איז דאך נאך גענוג גרויס? נור דער נחש האט איהר געזאגט: ממה-נפשך דארפסטו עסען, וועט נישט זיין קיין מיתה אויף דער נגיעה, וועט מסתמא אויך נישט זיין קיין מיתה אויף די אכילה, אויב אבער דו וועסט יא שטאַרבען פאר'ן אנריהרען, מעגסטו דאך געוויס שוין עסען, ווארום — לא מות תמותון — צוויי מאל שטאַרבט מען נישט, אז סייווי וועסטו שטאַרבען, עס כאטש...

אזוי איז דער דרך פון יצר-הרע, ווען ער האט שוין געמאכט אביסעל זינדיגען דעם מענש, זאָגט ער איהם: סיי ווי ביזטו שוין אַ פערפאַלענער, לעב כאָטש אַ גוטען טאָג...

(פנינים יקרים בשם בני לוי)

———

ותרא האשה... ותתן גם לאישה עמה ויאכל (ג—ו)

מפני מה חטא אדם הראשון מפני שראה שתים ולא ראה שלש.

(מדרש פליאה)

מ'קען זאָגען, אַז דאָ איז געמיינט די דריי זאַכען וואָס עקביא בן מהללאל זאָגט: הסתכל בשלשה דברים ואי-אתה בא לידי עבירה, דע מאין באת ולאן אתה הולך ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון (אבות פ"ג מ"א).

אדם הראשון איז דאָך געוועזען „יציר כפיו של הקדוש ברוך הוא",

האָט ער נאָר געזעהען צחיי זאַכען און נישט דאָס דריטע, דעם „מאין באת — מטפה סרוחה" — דעריבער איז ער געקומען צום חטא.

(קול דודי בשם הגר"א ז"ל)

ויאמר לו איכה (ג—יוד)

„אַיכה" האָט די זעלבע אותיות װי „אֵיכה".

זייט דער מענש האָט געזינדיגט, זוכט מען אַרום דעם מענש און מען פרעגט: אַיכה! אָבער מען געפונט איהם נישט, ער איז נאָך נישטאָ. ס'איז נור געבליבען אַ „אֵיכה"...

(בשם גדול אחד)

שטענדיג רופט די געטליכע שטימע דעם מענש און שרייט צו איהם: אַיכה! — װאו ביזטו? קוק דיך נאָר אום, װאו דו ביזט פערקראָכען אין בלאָטע! מ'האָט דיך בעשאַפען צו זיין שטענדיג אין גן-עדן, און דו זינדיגסט און ברענגסט מיט דיינע מעשים אַז מען זאָל דיך אַרויסטרייבען פון גן-עדן און איבערגעבען צו די מלאכי-חבלה. װאו ביזטו אין דער װעלט!..

(אבני אזל)

המן העץ אשר צויתיך לבלתי אכל ממנו אכלת (ג—יא)

פערהאַן אַ תאוה צו אַ זאַך, װייל ס'איז בעצם געשמאַק און זיס. פערהאַן אָבער אַ תאוה, נישט װייל די זאַך איז גוט, נור װייל מען טאָר עס נישט, רעדט דער יצר-הרע אָן אַז מען זאָל עס דװקא טהון, אַ שטייגער װי: „מים גנובים ימתקו" (משלי ט—י"ז).

דאָס האָט השי"ת געזאָגט: דו האָסט געגעסען פון עץ-הדעת נישט װייל די פרוכט איז אַזוי גוט, נור װייל — אשר צויתיך לבלתי אכול ממנו — װייל איך האָב דיך נישט געהייסען.

האָט אדם הראשון שפּעטער געענטפערט: היא נתנה לי מן העץ ואכל — זאָגט דערויף דער מדרש „אכלתי ואכל עוד" — איך האָב עס געגעסען נישט װייל דו האָסט נישט געהייסען, נור װייל די פרי איז טאַקי גוט און איך װאָלט באמת געהאַט חשק נאָך צו עסען...

(תפארת שלמה וכן בכתב סופר)

היא נתנה לי מן העץ ואכל (ג–יב)

אכלתי ואוכל עוד (רש"י)

השי"ת האט איהם געפרעגט: „איכה" — אין וואס פאר א מצב געפונסט דו זיך יעצט, צי האט דער חטא כאטש געברענגט ביי דיר א פערשטארקט זהירות, אז על־כל־פנים פון יעצט אן און ווייטער זאלסטו זיך קענען מתגבר זיין איבער'ן יצר־הרע. דערויף האט זיך אדם הראשון מתנצל געווען, אז ליידער פיהלט ער נאך ביי זיך נישט קיין שום אויסגעליי־טערטקייט און ער איז עלול נאך ווייטער צו עסען, ווען דער יצר הרע וועט זיך מתגבר זיין.

און דאס איז גאר א גרויסע חכמה צו קענען זיך געבוי און וויסען ביי וואס פאר א מצב מען האלט...

(אהל תורה בשם הה"ק מקאצק זצ"ל)

דער נחש האט דאך, ביים אנרעדען זיי צום חטא, געזאגט: ונפקחו עיניכם והייתם כאלהים — בוראי עולמות (רש"י). איז אויב זיי וואלטען טאקי געגעסען צוליב דעם וואלט דאך דער חטא געווען פיל גרעסער, ווייל דאס איז דאך כפירה. באמת אבער שטעהט „ותרא האשה כי טוב העץ למאכל" — זי האט נור געזינדיגט צוליב תאוה צו א גוטע זאך.

דאס האט אדם הראשון געזאגט: אכלתי ואוכל עוד — איך האב געגעסען פשוט צוליב תאוה, ווייל ס'איז גוט און ס'וואלט זיך געגרן נאכאמאל געגעסען, ווארום צוליב דעם „והייתם כאלהים — בוראי עולמות", דארף מען דאך נישט עסען נאכאמאל...

(החרה"צ ממאגעלניצא זצ"ל)

ויאמר ד' אלהים לאשה מה זאת עשית ותאמר האשה הנחש השיאני ואכל (ג–יג)

פארוואס האט איהר השי"ת נישט געפרעגט דערויף, פארוואס זי האט נאך געגעבען דעם מאן צו עסען?

ווייל אויב זי האט נור אליין געזינדיגט און געגעסען פון עץ־הדעת, איז שוין נישט קיין פראגע פארוואס זי האט מעהר געזינדיגט. זי איז שוין געווען עלול דערצו...

(קול שמחה)

ועפר תאכל כל ימי חייך (ג—יד)

די חז"ל זאָגען אַז דורך דער קללה, דאָס דער נחש זאָל נור עסען עפר, איז שטענדיג זיין עסען גרייט. „עולה לגג מזונותיו עמו". אַזוי זאָגען אויך די חז"ל „הרואה נחש בחלום פרנסתו מזומנת לו" (ברכות נז).

איז דאָך שווער, וואָס איז ווידער די קללה?

נור די קללה איז, וואָס ער איז אַזוי דערווייטערט געוואָרען פון דער קדושה, דאָס מען וויל נישט אַז ער זאָל אַ מאָהל דאַרפען ווענדען זיך צום הימעל אַז ער דאַרף עסען, אַזוי ווי אַנדערע ברואים, וואָס מוזען זוכען עסען און הויבען אַמאָהל אויף די אויגען צו השי"ת (ווי: הכפירים שואגים לטרף ולבקש מאל אכלם (תהלים קד—כא). איהם וויל מען כלל נישט הערען. „נאַ דיר דאָס דייניגע און גייה, לאָמיר דיך נישט מעהר אַנקוקען"...

(החידושי הרי"ם ז"ל)

לויט'ן מדרש האָט דער נחש פריהער געקענט רעדען און יעצט ביים חטא, האָט מען איהם צוגענומען דעם כח הדיבור.

וואו איז דאָס מרומז אין דער תורה?

ווייל עס שטעהט אין פסוק „ואיבה אשית בינך ובין האשה" און די גמרא זאָגט: איזהו שונא כל שלא דבר עמו שלשה ימים מחמת א י ב ה" (סנהדרין כז) — זעהט מען דאָך אַז דער בעגריף „איבה" הייסט, נישט צו רעדען מיט'ן צווייטען...

(פרדס יוסף בשם הגאון מהר"ח מוואָלאָזין ז"ל)

ואיבה אשית בינך ובין האשה (ג—טו)

היא (הסוטה) נתנה עיניה במה שאינו שלה, מה שבקשה לא נתן לה ומה שבידה נטלו הימנה וכן מצינו אצל נחש הקדמוני... אמר אהרוג את אדם ואשא את חוה לפיכך ואיבה אשית. (סוטה ט')

פרעגען די מפרשים, ער האָט דאָך אָנגערעדט חוה'ן צום ערשטען, וואָלט זי דאָך פריהער געשטאָרבען?

נור די גמרא זאָגט: שאול באחת ועלתה לו דוד בשתים ולא עלתה לו (יומא כב) — שאול איז נענש געוואָ-

רען צו פערלירען דאָס מלכות אויף איין חטא וואָס ער האָט געזינדיגט און דוד'ן זענען אפילו צוויי חטאים נישט פערערכענט געוואָרען צו פערלי־רען דורך זיי די מלוכה.

פאַרוואָס טאַקי אזוי?

ווייל — זאָגט דער „אגרת הטיול"— יעדע מצוה מוז האָבען ווער עס זאָל איהר מקיים זיין, אַז זי זאָל נישט אינגאַנצען בטל ווערען. דעריבער האָט דוד'ן גע'פועל'ט תשובה ווייל זיינע חטאים זענען געווען אַלגעמיינע, וואָס אַנדערע קענען יאָ אָבהיטען. אָבער דער חטא פון שאול'ן איז דאָך געווען וואָס ער האָט נישט מוחה געווען עמלק'ן. די דאָזיגע מצוה איז דאָך נור מוטל אויף אַ מלך און אויב ער האָט איהר נישט מקיים געווען, ווערט זי אינגאַנצען בטל, דעריבער האָט נישט גע'פועל'ט קיין תשובה.

דער נחש האָט געוואוסט אַז אדם וחוה זענען צדיקים און אפילו זיי וועלען זינדיגען, וועלען זיי באַלד תשובה טהוען (תשובה איז דאָך נאָך געווען פאַר בריאת העולם). ממילא ביי חוה'ן וועט פועל'ן תשובה ווייל אויסער איהר איז דאָך נאָך פערהאַן אדם, וועלכער קען מקיים זיין די מצוה. ווען אָבער אדם וועט אויך עובר זיין און עסען פון עץ־הדעת, וועט דאָך די מצוה אינגאַנצען בטל ווערען, וואָרום די דאָזיגע מצוה איז דאָך נור געגע־בען געוואָרען צו זיי אַליין, ממילא וועט קיין תשובה נישט פועל'ן, וועט ער שטאַרבען און חוה וועט בלייבען לעבען, ווייל ביי איהר האָט נאָך די תשובה גע'פועל'ט, דאַן וועט איהר דער נחש קענען נעמען.

(בשם הגאון בעל שערי משפט)

הוא ישופך ראש ואתה תשופנו עקב (ג—טו)

דער יצר־הרע פאַנגט דעם מענש, דערמיט וואָס ער ברענגט אין איהם אריין תאוה צו כבוד און גאוה'ת אַז דער מענש זאָל וועלען זיין אַ „ראש".

דער מענש קען אַלזאָ איהם צוריק מנצח זיין דורך ענוה, וואָס הייסט „עקב" — עקב ענוה יראת ד' (משלי).

(אמרי יואב)

הרבה ארבה עצבונך והרנך (ג—טז)

עצבונך — זה צער גידול בנים

והרונך — זה צער העיבור (רש"י)

דער צער העיבור איז דאָך פאַר'ן צער גידול־בנים, דאַרף עס דאָך שטע־הען פריהער אין פסוק?

נור דאָ ליגט נאָך אַ קללה, אַז בעת זי וועט נאָך זיין בעשעפטיגט מיט'ן צער פון גידול־בנים, וועט זי

ווידער ווערען מעוברת, איז די טירחא גאָר אַ גרויסע. דאָס הייסט: הרבה ארבה — דער צער וועט זיין אַ גרויסער, אַ דאָפּעלטער, אַז בעת עס וועט נאָך זיין — עצבונך — פון גידול־בנים, וועט צוקומען—והרונך—צער־העיבור...

(הגאון ר׳ חיים מוואלאזין זצ״ל)

ואל אישך תשוקתך והוא ימשל בך (ג—טז)

הכל ממנו ולא ממך (רש״י)

וואָס מיינט דאָ רש״י מיט די ווערטער?

נור השי״ת האָט געזאָגט צו דער אשה, באמת דאַרף זיין „והוא ימשל בך״, נור אויב דו זעהסט אַמאָהל אַז דו ביזט מושל איבער׳ן מאַן, איז עס „ממנו״ ער איז שולדיג דערין, ער איז נישט ווי עס דאַרף צו זיין. דעריבער קענסטו הערשען איבער איהם—ולא ממך — נישט פון דיינע כחות, ווייל דו דאַרפסט הערשען איבער איהם, נור ער איז זיך אַליין שולדיג...

(בשם הרו״ב ז״ל מפשיסכא)

• • •

חסידים פלעגען זאָגען:

אויב ס׳איז „אל אישך תשוקתך״ איז „והוא ימשל בך״ ווען אָבער פערקעהרט „ואל אשה תשוקתו״, דאַן איז זי מושל איבער איהם...

ויעש ד׳ אלהים לאדם ולאשתו כתנות עור וילבשם (ג—כא

ווען השי״ת וואלט זיי פערטריבען נאקעטערהייט און זיי אליין וואלטען זיך געמאכט מלבושים, וואלטען זיי געמיינט אז זיי זענען טאקי, דורכ׳ן חטא געוואָרען ענטוויקעלטער און קלוגער, דעריבער האט זיי השי״ת אליין אנגעקליידעט מלבושים...

(ספורני)

• • •

אזוי איז שוין דער שטייגער פון מענש. מעג ער זיין פול מיט חסרונות, אבער ווען ער דערזעהט נור ביי זיך איין מעלה, פערגעסט ער שוין אלע חסרונות און זיי זענען איהם שוין כדאי, צוליב די איינע מעלה וואס ער האט, מעג עס זיין אפילו אזא מעלה, מישטיינסגעזאגט, אז ער קען זיך אנטהוען...

(בשם גדול אחד)

וישכן מקדם לגן עדן את הכרבים (ג—כד)

כרובים — מלאכי חבלה (רש"י)

ביים משכן שטעהט: והיו הכרובים פורשי כנפים למעלה סוככים בכנפיהם על הכפרת (שמות כה—כו) זאגען דערויף די חז"ל כרובים — כרביא, דמות פרצוף תינוק הי' להם.

אויב מען גיט דעם קינד א גוטע ער־ציהונג, קען ער ווערען ווי די כרובים וואס בעשיצען דעם ארון הקודש. אויב אבער מען ערציהט עס נישט ווי געהעריג, ווערט ער ווי די כרובים —מלאכי חבלה...

(הגאון ר' משה מרדכי עפשטיין ז"ל)

לשמר את דרך עץ החיים (ג—כד)

דרך — זו דרך־ארץ, עץ החיים — זו תורה מלמד שדרך־ארץ קדמה לתורה (תנא דבי אליהו)

דרך־ארץ איז די הקדמה צו דער תורה. פונקט ווי דורך דער הקדמה פון א ספר ווייסט מען וואס דאס ספר איז, אזוי דערקענט מען פון דער התנהגות פונ'ם מענש אין דרך־ארץ, זיין מהות אין תורה...

(אהל תורה בשם הה"ק מקאצק ז"ל)

ויהי הבל רעה צאן וקין היה עבד אדמה (ד—ב)

אייגענטליך איז דער מענש בעשאפען געווארען בלויז צו דינען השי"ת מיט תורה און תפלה, נור כדי ער זאל זיך קענען דערנעהרען מוז ער אויך עוסק זיין אין מסחר אדער א מלאכה, ווי די חז"ל זאגען „יפה תלמוד תורה עם דרך־ארץ" (אבות פ"ב מ"ב).

דער צדיק טהוט דעריבער עוסק זיין אין די וועלטליכע ענינים מיט צער, אזוי ווי ער וואלט געווען געצוואונגען דערצו, ווייל בעיקר וויל ער נור עוסק זיין און עבודת־השם. דאגעגען דער רשע וואס יאגט זיך נאך די תאוות פון דער וועלט, איז ביי איהם דער האנדעל דער עיקר ציעל פון זיין לעבען און ער פרעהט זיך ווען ער האט וואס מעהר וועלטליכע בעשעפ־טיגונג.

דאס איז די תורה מרמז: ויהי הבל רועה צאן — הבל האט זיך בע־שעפטיגט מיט'ן פאשען די שעפסען מיט צער (אין „ויהי" אלא לשון צער) — וקין היה עובד אדמה — קין האט זיין ערדישע ארבייט געטהוען

מיט שמחה (אין „והיה" אלא לשון שמחה).- דעריבער איז געווען—וישע ד' אל הבל ואל מנחתו ואל קין ואל מנחתו לא שעה...

(תפארת שלמה)

ויהי מקץ ימים ויבא קין... והבל הביא גם הוא (ד—ג, ד)

„ויהי" איז לשון • צער. קין האט געברענגט די מנחה ווייל ער האט געזעהען דעם „מקץ ימים" אז עס נעמט א סוף צו די יאהרען, עס דער־נעהענטערט זיך דער טויט און ער האט זיך מצער געווען דערפון, דעריבער האט ער געברענגט א קרבן. אבער — והבל הביא גם הוא—הבל האט געברענגט זיין קרבן מיט לעבעדיגקייט און מיט שמחה, ער האט געמיינט צו דינען דעם אויבערשטען, נישט ווייל ער געהט שוין שטארבען. דעריבער איז געווען — וישע ד' אל הבל ואל מנחתו...

(קול שמחה)

והבל הביא גם הוא... וישע ד' אל הבל ואל מנחתו (ד—ד)

הבל האט זיך אליין אויך מיטגעברענגט אלס קרבן, ער האט זיין אייגענעם „איך" מקריב געווען דעריבער „וישע ד' אל הבל ואל מנחתו".

(שפת אמת)

הבל האט געברענגט זיין קרבן, נאכדעם ווי קין האט שוין געהאט געברענגט א קרבן, האט ער אויך געברענגט. דעריבער איז ער גע'הרג'עט געווארען, ווייל ער האט זיך נישט אליין מעורר געווען צו ברענגען פאר קינ'ען.

(מהר"ל מפראג ז"ל)

למה חרה לך ולמה נפלו פניך (ד—ו)

ס'ווייזט אויס, אז דא איז געווען צו קינ'ען צוויי טענות: למה חרה לך — פארוואס פערדריסט דיך אינערליך און אויב עס פערדריסט דיך שוין יא — למה נפלו פניך — פארוואס ווייזט נאך ארויס אפען אויפ'ן פנים אז עס פערדריסט דיך. דארפסט זיך כאטש שעמען ארויסצווייזען דיין שלעכטע מחשבה...

(שמעתי)

למה חרה לך – ווען דו ביזט נישט צופרידען, מקבל צו זיין באהבה אַט דעם קליינעם שטראָף, וועסטו ברענגען דערצו אַז – ולמה נפלו פניך – דו וועסט מוזען פערליב נעמען נאָך ערגערע זאַכען ווי דאָס.

אַזוי ווי ס'איז פערהאַן אַ מאמר החכם: סבול ולא תצטרך לסבול עוד יותר – פאַרלייד אַ ביסעל כדי דו זאָלסט נישט דאַרפען מעהר צו ליידען.

(בשם גדול אחד)

ויאמר ד' אל קין למה חרה לך... ואם לא תיטיב לפתח חטאת רובץ (ד־ו, ז)

השי"ת זאָגט צו קין'ען: וואָס פערדריסט דיך אַזוי? דער יצר־הרע לאַקערט נור אויף ד יי ן פתח! אַז דו עפענסט איהם אַ טהיר, מיט דיין התרשלות, מיט דיין קאַלטקייט און ספיקות, דעמאָלט איז ער דאָ – פירצה קוראה לגנב! און ברענגט דיך צום ערגסטען אפילו צו רציחה. וויין איהם דו נור נישט קיין פתח, וועסטו זע־ הען אַז ער וועט איבער דיר קיין שליטה נישט האָבען, נור פערקעהרט – ואתה תמשל בו.

(אהל יעקב בשם הגר"א ז"ל)

הלא אם תיטיב שאת ואם לא תיטיב לפתח חטאת רבץ (ד־ז)

די חז"ל זאָגען אַז דאָס וואָרט „שאת" איז פון די ווערטער וואָס האָבען נישט קיין הכרעה, צי זיי גע־ הערען צו די פריהערדיגע ווערטער אָדער צו די שפעטערדיגע. וואָרום מען קען זאָגען „הלא אם תיטיב שאת" און מען קען אויך זאָגען „שאת ואם לא תיטיב (יומא נ"ב).

דאָס איז אַ רמז אויף דעם וואָס די חז"ל זאָגען אַז אַ תלמיד־חכם מעג האָבען אַ שמינית שבשמינית פון גאות (סוטה ד). איז דאָס דער פשט אין פסוק: הלא אם תיטיב שאת – אויב דו וועסט זיין גוט, מעגסטו אַביסעל זיין דערהויבען. אָבער – שאת ואם לא תיטיב – ווען דו וועסט האָבען גאות און דו וועסט נישט זיין גוט, דעמאָלט איז – לפתח חטאת רובץ...

(תוספות חיים)

דער רבי ר' מאיר'ל פרעמישלאַנער ז"ל האָט אַמאָהל געזאָגט: רבונו של עולם! הלא אם תיטיב — ווען יודען זענען גוט — שאת — דאַרפסטו דאָך זיי געווים פערגעבען די זינד, נור — שאת אם לא תיטיב — אַפילו ווען יודען זענען נישט גוט דאַרפסטו זיי אויך מוחל זיין, ווייל — לפתח חטאת רובץ — וואָס זאָלען זיי נעביך טהוען אז דער יצר־הרע ליגט זיי אויפ'ן וועג און צוואונגט זיי צו זינדיגען, וואָרום באמת — ואליך תשוקתו — אינערליך גלוסט יעדער יוד נור צו דיר, צו טהוען דיין ווילען און — ואתה תמשל בו — יעדער יוד וויל אַז נור דו זאָלסט איבער איהם הערשען נישט דער יצר־הרע, דעריבער דאַרפסטו זיי מוחל זיין אפילו ווען זיי זענען נישט אַזוי גוט...

(פרגניתא דר"מ)

• • •

ווען דער מענש איז אין דער היים, פיהרט ער זיך שוין לויט זיין סדר און זיין דרך. טאָמער אָבער געהט ער נור אַרויס איבער דער טהיר, ער געהט אין וועג אַריין, דעמאָלט שטאַרקט זיך דער יצר־הרע גאָר שטאַרק, ווייל עס זענען שוין פערהאַן פערשי־דענע מניעות און מכשולים זיך צו קענען אָבהיטען אין יודישקייט.

לפתח — ביי דער טהיר — חטאת רובץ — דאָרט ליגט דער יצר־הרע און וואַרט אויף דיין אַרויסגעהן...

(כתב סופר)

———

• • •

די פערלאַנגען פונ'ם מענש זענען לויט זיין מצב. אַן'אָרימאַן פערלאַנגט נור אַ פרוטה אָדער אַ שטיקעל ברויט און ער שטעהט ביי דער טהיר; אַ בכבודער מענש, פערלאַנגט שוין מעהר און ער געהט שוין אַריין נעהנטער אין שטוב אַריין; אַ בעל־חוב וועלכער קומט מיט אַ וועקסעל, געהט שוין אַריין גאָר דרייסט און פאָדערט זיין חוב שטאַרק. די אַלע קומען אָבער וועגען געלד־ענינים. ס'איז אָבער פער־האַן אַ רוצח וועלכער קומט צונעמען דאָס לעבען, אַזעלכער היט זיך צו קומען אין שטוב אַריין, נור ער שטעהט אויף די וועגען און אין די וועלדער.

זאָגט דער פסוק אויפ'ן יצר־הרע: לפתח חטאת רובץ—אמת טאַקי, ער שטעהט ביי דער טהיר ווי אַן'אָרימאַן און בעט זיך ביי דיר, דו זאָלסט איהם צוליב טהוען, אָבער — ואליך תשוקתו — ער איז ווי אַ רוצח וואָס מיינט דיך אינ־גאַנצען, ער געהט אויף דיין לעבען...

(תפארת שלמה)

———

אויב דו וועסט דיינע מעשים אויסבעסערען, שאַת—וועסטו דערהויבען ווערען צו אַ העכערער מדרגה ווי דו ביזט געװעזען ביז יעצט, וואָרום „במקום שבעלי תשובה עומדין אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד". אויב אָבער דו וועסט נישט בעסער ווערען — לפתח חטאת רבץ — איז די טהיר פון זינד פאַר דיר אָפען, אַריינצופאַלען וואָס מעהר אין דער טומאה, וואָרום „הבא לטמא פותחין לו".

(מלא העומר)

ואליך תשוקתו ואתה תמשל בו (ד—ז)

די חז״ל זאָגען „כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו" (סוכה נ״ב) איז דאָס דער פשט אין פסוק: ואליך תשוקתו— דער יצר-הרע גלוסט נור דיך צו מאַכען זינדיגען, בפרט ווען — ואתה תמשל בו — ווען ער זעהט אַז דו האָסט כחות און ביזט זיך מתגבר צו הערשען איבער איהם, דעמאָלט האָט ער גאָר שטאַרק חשק דיך צו מאַכען זינדיגען...

(כתב סופר)

* * *

אַזוי שרייבט דער חובת הלבבות. ווי וואונדערבאַר דאָס איז! אַז אַ מענש האָט אַפילו אַ שונא, ווען ער זעהט אָבער אַז ער האָט איהם איין מאָהל, צוויי מאָהל מנצח געוועזען, לאָזט ער איהם אָב און טשעפעט שוין נישט מיט איהם. אָבער דער יצר-הרע איז אַזאַ ביטערער שונא, אַז אַפילו דו וועסט איהם הונדערט מאָהל מנצח זיין, לאָזט ער דיך נישט אָב און טשאַטעוועט אויף דיר. דעריבער זאָגען די חז״ל „אל תאמין בעצמך עד יום מותך" (אבות).

ואליך תשוקתו — ער וויל דיך מכשיל זיין, אַפילו ווען ער זעהט אַז— ואתה תמשל בו—זיצט ער אויך נישט אָב.

דאָס וואָס דער מענש איז אַ מושל אין דער גאַנצער בריאה — תמשילהו במעשי ידיך כל שתה תחת רגליו (תהלים ח—ז) — און שטעהט העכער אַפילו פון די מלאכים, איז נור — בו— דורך איהם, דעם יצר-הרע. ווייל אַדאַנק דעם וואָס ער האָט אַ יצר-הרע האָט ער אַ בחירה, בעת די מלאכים האָבען נישט קיין מלחמת היצר און ממילא נישט קיין בחירה.

(מלא העומר)

ויאמר קין אל הבל אחיו ויהי בהיותם בשדה ויקם קין על הבל אחיו ויהרגהו (ד—ח)

עס שטעהט נישט וואס קין האט געזאגט צו הבל'ען?

נור די חז"ל זאגען אז הבל איז געווען א גרויסער גבור, מעהר ווי קין (במד"ר פכ"ב). קומט אויס אז אין אנ'אפענעם קאמף וואלט קין קיין מאהל נישט געקענט גובר זיין הבל'ען, האט ער זיך דעריבער פארשטעלט מיט רמאות, איהם גע'חנפ'עט און זיך אנגעגעבען אלס זיין פריינד, כדי הבל זאל זיך פאר איהם נישט היטען און אזוי ארום האט ער איהם אומגעריכט דער'הרג'עט.

דאס איז דער טייטש: „ויאמר קין אל הבל — א ח י ו" — קין האט שטענדיג גערעדט מיט הבל'ען גוטע רייד און איהם נור גערופען: „ברודער", אזוי ארום האט עס געקענט קומען דערצו אז — ויהי בהיותם בשדה ויקם קין על הבל אחיו — ווייל ער האט זיך נישט געהיטען פאר איהם...

(הגר"א ז"ל מווילנא)

ויאמר ד' אל קין אי הבל אחיך ויאמר לא ידעתי השמר אחי אנכי (ד—ט)

וואס איז געווען די שאלה און וואס איז די תשובה? עס זעהט עפעס אויס ווי השי"ת האט געוואלט קינ'ען פארבארען און קין האט געוואלט צוריק אפגעבארען? האט דען קין נישט געוואוסט אז „הכל גלוי וידוע לפניו"?

נור השי"ת האט געזאגט צו קינ'ען: אי הבל אחיך? — דו ביזט פאראנטווארטליך פאר זיין טויט, דו ביזט א בעל-בחירה און ממילא קומט דיר א שטראף. קין איז אבער ארומגעגאנגען מיט א טעות'דיגע שיטה אז אויב ער איז געווען בכח, הבל'ען צו הרג'ענען איז מסתמא אזוי נגזר געווארען מן השמים, אז הבל זאל אומקומען און ממילא איז ער נישט פאראנטווארטליך דערפאר, ווייל ער איז געווען א מוכרח דערצו צוליב די גזירה העליונה. דעריבער האט ער געזאגט: השומר אחי אנכי? דו ג—ט, ביזט דאך דער שומר פון דער וועלט מיט אלע איהרע ברואים און „אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה" (חולין ז) איז דאך מסתמא אזוי נגזר געווארען דורך דיר, אז איך זאל איהם הרג'ענען, קומט דאך מיר נישט קיין עונש דערפאר.

דאס איז אבער א מורא'דיגער טעות, ווייל טהוען גוטס אדער שלעכטס איז אינגאנצען אבהענגיג אין דער פרייער מענשליכער בחירה און די געטליכע גזירה שטערט גאר נישט די דאזיגע בחירה, ממילא איז דער מענש מיט גארנישט געצוואונגען און איז פאראנטווארטליך פאר זיינע מעשים.

(בשם הרבי ר"ב ז"ל מפשיסחא)

ויאמר קין אל ד׳ גדול עוני מנשוא (ד—יג)

וואָס האָט זיך קין אַזוי געוואונדערט? איז עס דען אַ קליינער חטא צו הרג׳ענען אַ מענש, דערצו נאָך אַ ברודער און בפרט צו זיין דער ערשטער רוצח אויף דער וועלט?

נור קין האָט זיך געקלאָגט פאַר השי״ת: גדול עוני מנשוא (בניחותא) דורך דיין גזירה אַז איך זאָל זיין נע-ונד, ווערט ערשט מיין זינד שווער צו קענען איהר פערטראָגען. וואָלסטו מיך כאָטש געלאָזט זיצען אויף אַן אָרט במנוחה, וואָלט איך נאָך געקענט תשובה טהוען און דינען השי״ת, יעצט אָבער אַז דו האָסט אויף מיר גוזר געוועזען צו זיין נע-ונד און איך האָב נישט מעהר קיין ישוב-הדעת צו תשובה און עבודת-השם, זיינדיג איך דאָך ערשט אויפסגיי דערמיט וואָס איך טהו נישט קיין תשובה, און דער דאָזיגער נייער חטא איז ווירקליך נישט מעהר צו פערטראָגען — גדול עוני מנשוא!..

(בשם הה״ק מקאצק זצ״ל)

לכן כל הרג קין (ד—טו)

הרי זה מקרא קצר (רש״י)

מען קען זאָגען אַז דער פשט איז אין פסוק: לכן כל הרג — קין! — ווייל קין איז דאָך געוועזען דער ערשטער רוצח אויף דער וועלט, דעריבער וועט יעדער רוצח וואָס וועט ווערען הרג׳ענען, וועט אָנגערופען ווערען: „קין״.

(אמרי כהן)

ויהיו כל ימי אדם אשר חי תשע מאות שנה ושלשים שנה וימת (ה—ה)

די ווערטער „אשר חי״ זעהען אויס ווי איבריג?

נור די חז״ל זאָגען אַז אדם הראשון האָט געדאַרפען לעבען טויזענד יאָהר, ווייל השי״ת האָט איהם געזאָגט „ביום אכלך ממנו מות תמות״ און ביי השי״ת איז טויזענד יאָהר ווי איין טאָג — כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול (תהלים צ—ד) — נור ער האָט אוועקגעשאָנקען זיבציג יאָהר פאַר דוד-המלך, וועלכער האָט בעצם נישט געהאַט קיין יאָהרען צום לעבען. (מדרש ופרקי דר״א).

דעריבער זאָגט דער פסוק: ויהיו כל ימי אדם אשר חי — דאָס זענען די יאָהרען וואָס אדם הראשון האָט פאַקטיש געלעבט, ווייל געדאַרפען צו לעבען האָט ער מיט זיבציג יאָהר מעהר...

(הכתב והקבלה)

• • •

דעריבער שטעהט אויך ביי אברהם אבינו: ואלה ימי שני חיי אברהם אשר חי מאת שנה ושבעים שנה וחמש שנים (בראשית כה—ז) — ווייל באמת האָט ער אויך געדאַרפט לעבען נאָך פינף יאָהר, נור די יאָה־ען זענען איהם פערקירצט געוואָרען כדי ער זאָל נישט זעהען ווי עשו געהט אַרויס לתרבות-רעה (רש״י)...

(שם)

• • •

די ספרים טייטשען דעמיט דעם פסוק: „ואנכי תולעת ולא איש חרפת אדם ובזוי עם" (תהלים כב—ז) — דוד המלך האָט זיך געקלאָגט אַז ער איז גאָרנישט, אַזוי ווי אַ תולעת, ממילא איז דאָך „חרפת-אדם", אַ חרפה פאַר אדם הראשון. ער האָט מיר געשאָנקען זיבציג יאָהר כדי איך זאָל עפּעס אויפטהוען אויף דער וועלט, לבסוף טהו איך גאָרנישט אויף, שעם איך מיך פאַר איהם...

———

ויתהלך חנוך את האלהים
ואיננו כי לקח אותו אלהים (ה־כד)

צדיק היה וקל בדעתו לשוב להרשיע לכן נלקח קודם זמנו (רש״י)

חנוך האָט זיך מתבודד געווען און דערווייטערט פון מענשען, ער האָט נישט משפיע געווען פון זיין צדקות אויף'ן דור, דעריבער האָט השי״ת מורא געהאַט אַז דאָס דור זאָל נישט משפיע זיין אויף איהם און איהם שלעכט מאַכען. וואָרום „כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו" (אבות פ״ה), דער וואָס איז אָבער נישט קיין מזכה את הרבים נור געהט פאַר זיך, קען דאָס שלעכטע דור משפיע זיין אויף איהם און ברענגען איהם צו אַ חטא.

ווייל — ויתהלך חנוך את האלהים —ער האָט זיך אָבגעזונדערט פון מענשען נור אַליין צו דינען השי״ת, דעריבער — ואיננו כי לקח אותו אלהים — האָט איהם השי״ת צוגענומען פאַר דער צייט, אויס מורא אַז דאָס שלעכטעס פון דור זאָל צו איהם נישט דער-גרייכען.

(בשם החתם סופר ז״ל)

אויב ער איז געווען „קל בדעתו לשוב להרשיע" פארוואס דען איז ער געווארען א מלאך?

נור דער פשט איז, חנוך איז געוועזען אזא גרויסער צדיק אז ס'איז געווען לייכט דורך זיין צדקות, צו מאכען דאס גאנצע דור פאר רשעים, ווארום לויט זייערע מעשים וואלטען זיי בעטראכט געווארען פאר רשעים, אזוי ווי די חז"ל זאגען: „הלל מחייב את העניים" (יומא ל"ה) — דעריבער האט מען איהם צוגענומען פאר דער צייט אין הימעל אריין, כדי נישט צו פערשולדיגען דאס דור...

(הה"ק מהר"מ מפרעמישלאן ז"ל)

אז חנוך איז צוגעגאנגען צו א רשע, האט ער איהם באלד געמאכט פאר א בעל-תשובה און ביי איהם צוגענומען די בחירה, אז ער האט שוין נישט געקענט מעהר קיין שלעכטס טהוען.

דאס הייסט: וקל בדעתו לשוב להרשיע — סאיז ביי איהם לייכט געווען צו ברענגען א מענש צו תשובה, אזוי אז ער זאל שוין נישט מעהר קענען זיין קיין רשע (אזוי ווי ס'וואלט געשטאנען: לשוב מלהרשיע) דעריבער האט מען איהם געמוזט צונעמען פאר דער צייט, ווארום ער האט צוגענומען די בחירה פון מענשען...

(הה"ק מהר"ש מקארלין ז"ל)

ויהי נח בן חמש מאות שנה ויולד נח (ה—לב)

די חז"ל זאגען: כיון שיצאו רוב שנותיו של אדם ולא חטא שוב אינו חוטא (יומא ל"ח) דעריבער האט השי"ת געווארט ביז נח איז אלט געווארען פינף הונדערט יאהר — רוב שנותיו — און ערשט דעמאלט, ווען ס'איז שוין געווען בטוח אז ער בלייבט א צדיק, האט ער איהם ערשט געגעבען קינדער. פונקט ווי השי"ת האט געווארט מיט לידת-יצחק ביז אברהם האט זיך מל'ה געווען, כדי ער זאל געבוירען ווערען בקדושה...

(משך חכמה)

הפטרת בראשית (ישעי׳ מב. מג.)

החרשים שמעו והעורים הביטו לראות מי עור כי אם עבדי וחרש כמלאכי אשלח מי עור כמשלם ועור כעבד ד׳ (מב—יח, יט)

דער נביא מיינט דאָ צו שטראָפען די צדיקים וואָס זענען אַליין דבוק אין הש״ס און אין דער תורה, אָבער זיי מאַכען זיך טויב, נישט צו הערען וואָס עס קומט פאָר אויף דער גאַס צווישען די מאַסען און מאַכען זיך בלינד נישט צו זעה׳ען וואָס די מענשען פון דור טה׳וען, כדי זיי צו שטראָפען און זוכען עצות זיי אויסצובעסערען.

צו אַזאַ צדיק זאָגט דער נביא: אמת טאַקי דו ביזט אַ „משולם״ — דו אַרבייט׳סט אויף דיין אייגענער השלמה; אמת טאַקי דו אַליין ביזט אַן׳עבד ד׳, ביזט אפילו אַ מלאך, אויב אָבער דו זעהסט נישט און הערסט נישט וואָס עס טהוט זיך אַרום דיר, ווי אַזוי עס זעהט אויס דאָס יודישקייט ביי די יודישע מאַסען, ביזסטו אַן׳„עור״ און אַ „חרש״. און דער נביא ווענדעט זיך צו זיי: החרשים שמעו והעורים הביטו לראות! — ס׳איז נישט גענוג וואָס איהר זענט צדיקים פאַר זיך, נור איהר מוזט אויך הערען און זעהען וואָס עס טהוט זיך דרויסען און זוכען עצות אויסצובעסערען דעם מצב.

(צוארי שלל)

ד׳ חפץ למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר (מב־כ)

דער נביא זאָגט אויף לעתיד: „כי מלאה הארץ דעה את ד׳ כמים לים מכסים״ (ישעי׳ יב—ט). טייטשען די ראשונים אַז נישט מען מיינט דאָס אַלע וועלען גלייך וויסען און גלייך קענען, וואָרום ווי קען דען זיין אַז דער תלמיד־חכם, וואָס האָט דאָ אויף דער וועלט זיך אַזוי פיל מייגע געוועזען אין דער תורה, זאָל זיין גלייך צום עם־הארץ, נור — כמים לים מכסים — פונקט ווי דאָס וואַסער אין ים זעהט אויס אויבערפלעכליך אומעטום גלייך, אָבער באמת איז פעראַן אין ים טיפערע ערטער און פלאַכערע, אַזוי וועט אויך זיין לעתיד, אַלע וועלען פערמאָגען דעת ד׳, אָבער די חכמים וואָס האָבען געאַרבייט אויף תורה, וועלען דאַן נאָך טיפער און גרעסער ווערען אין זייער דעת, כאָטש פון אויבען אויף וועט זיך דוכטען אַז אַלע זענען גלייך.

דאָס זאָגט אויך דאָ דער פסוק:

ד׳ חפץ למען צדקו — ווען השי״ת וועט וועלען לעתיד מצדיק זיין די וועלט און ער וועט אראפגעבען דעת אלע מענשען, וועט דאן זיין — יגדיל תורה — ער וועט פערגרעסערען די תורה, אלע זאלען איהר וויסען און — וויאדיר — ער וועט איהר פער־שטארקען און פערטיפען, ביי די וואס האבען נאך פריהער געלערענט, די תלמידי חכמים וועלען ווערען שטאר־קער אין דער תורה.

(הרמיד״א ז״ל)

מי בכם יאזין זאת יקשיב וישמע לאחור מי נתן למשסה יעקב וישראל לבוזזים הלא ד׳ זו חטאנו לו ולא אבו בדרכיו הלוך (מב—כג, כד)

אויב א דאקטאר ווארענט איינעם נישט צו עסען קיין שארפע זאכען ווייל ער וועט דערפון קראנק ווערען און דער מענש פאלגט איהם הייסט ער א „שומע לפנים" — ער האט געהערט פריהער די ווארנונג פונ׳ם דאקטאר און האט זיך נישט געברענגט צו דער קרענק. אויב אבער דער מענש האט נישט געפאלגט, ער האט יא געגעסען שארפע זאכען און טאקי קראנק געווארען, דאן ערשט זאגט ער, פון יעצט אן וועל איך שוין וויסען צו גלויבען דעם דאקטאר און איהם צו פאלגען, דער הייסט א „שומע לאחור" — ער הערט ערשט דערנאך ווען ער האט שוין געזעהען אז די ווארנונג פונ׳ם דאקטאר איז אמת.

זאגט דעריבער דער נביא: מי בכב יאזין זאת יקשיב וישמע לאחור — אויב פריהער האט איהר נישט געוואלט הערען די ווארנונגען פון השי״ת, הערט כאטש יעצט, זייט כאטש א „שומע לאחור" ווען איהר זעהט שוין די צרות — מי נתן למשסה יעקב וישראל לבוזזים — אז דאס וואס מען האט אייך פריהער געווארענט איז מקויים געווארען זייט זשע כאטש יעצט מודה, דאס דער דאקטאר איז גערעכט געוועזען, גלויבט זשע על־כל־פנים יעצט אין השי״ת — הלא ד׳ זו חטאנו לו — אז צוליב די זינד איז געקומען די שטראף און היט אייך אויף ווייטער...

(כוכב מיעקב)

פרשת נח

אלה תולדות נח נח איש צדיק (ו—ט)

תולדותיהן של צדיקים מעשים טובים (רש״י)

דער יוד הקדוש ז״ל פון פשיסכא פלעגט זאָגען: יעדער איינער זאָגט אַז זיין גאַנצע מיה און מאַטערניש איז פאַר די קינדער, אַז זיי זאָלען אויפוואַקסען גוטע יודען, בני־תורה. ווען די קינדער ווערען גרויס, פער־געסען זיי ווידער אין זיך און זאָגען אויך אַז זיי אַרבייטען פאַר זייערע קינ־דער. כ׳וואָלט שוין געוואָלט זעהען דאָס רעכטע קינד...

זאָגט דעריבער דער פסוק: אלה תולדות נח, נח — נח האָט נישט פערלאָזט זיך אַליין צו אַרבייטען בלויז פאַר די קינדער, נור ער האָט זיך אַליין אויך בעטראַכט פאַר אַ קינד און געאַרבייט פאַר דער אייגענער עליה. ער איז עס געווען דאָס רעכטע קינד וואָס האָט פערשטאַנען אַז מען מוז אויך אַליין דינען השי״ת. דאָס הייסט: תולדותיהן של צדיקים מעשים טובים — די אייגענע מעשים טובים בעטראַכטען זיי אויך ווי אַ קינד...

(בית יעקב מהה״צ ר׳ יעקב אהרן ז״ל מאלכסנדר)

* * *

הגאון ר׳ יאָשע בער בריסקער ז״ל פלעגט זאָגען: דאָס גאַנצע לעבען האָב איך געשטרעבט אַז איך זאָל נישט דאַרפען אָנקומען צו די זכות־ים פון „ברא מזכה אבא״ — אַז מיינע קינדער זאָלען מיך דאַרפען מזכה זיין...

(חיי המוסר)

———

נח איש צדיק תמים היה בדרתיו (ו—ט)

חייטער שטעהט נור „כי אתך ראיתי צדיק לפני בדור הזה״ (ז—א) און ס׳שטעהט נישט מעהר „תמים״? נור ווי בעוואוסט האָט נח געלעבט אין די צייטען פון דור־המבול און דור־הפלגה. דאָס דור־המבול איז גע־ווען פערדאָרבען מאָראַליש — כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ

— איז דער געגענזאץ דערפון דער בעגריף „צדיק" (אזוי ווי יוסף האט בעקומען דעם טיטול „צדיק" ווייל ער איז געווען אבגעהיטען אין דעם ענין). דאס דור-הפלגה אבער, איז געווען פערדארבען אין דער אמונה. ווי די חז"ל זאגען אז זיי האבען גע, זאגט: „נעשה קרדומות ונעלה לשמים ונלחם עמו". דער געגענזאץ פון דעם איז „תמים" — תמים תהיה עם ד' אלהיך.

דעריבער ווען דא ווערט גערעדט וועגען דער גאנצער לעבענס-געשיכטע פון נח'ן — תולדות נח — דערצעהלט די תורה אז איןביידע דורות איז ער געווען צדיק ומאמין בי יעקב...

די תורה אז אין ביידע דורות אין וועלכע ער האט געלעבט — בדורותיו — סיי ביים דור המבול און סיי ביים דור-הפלגה, איז ער געווען אנ'אויסנאהם. אין דור-המבול איז ער געווען „צדיק" און אין דור הפלגה איז ער געווען „תמים".

ווייטער אבער רעדט זיך דאך נור „בדור הזה" — פון דור-המבול אליין, ווערט ער נור בעטיטעלט מיט „צדיק" אלס קאנטראסט צו אט דעם דור, וואס איז געווען פערדארבען מאראליש, דער הפך פון „צדיק"...

(בשם רבינו מהר"י קארי ז"ל)

די גמרא וויל פערטייטשען דאס ווארט „תמים" — תמים בדרכיו (עבודה זרה ו:), טייטשט דארט רש"י „עניו ושפל-רוח.

פארוואס מיינט דער בעגריף „תמים" דווקא די מדה פון ענוה?

נור די חז"ל זאגען „האי מאן דיהיר בעל מום הוא" (מגילה כ"ט). אויב אלוא גאות איז א מום, איז דאך דער שפל א „תמים"..

(שמעתי מהרב מעיר חדש בורשה שליט"א)

תמים היה בדרתיו — נח איז געבליבען אנ'עניו ביי זיך. כאטש ער איז געווען איין צדיק אין א דור פון בלויז רשעים, ווייל — את האלהים התהלך נח — ער האט שטענדיג גע- דענקט אין גדלות-הבורא, זענען ממילא זיינע מעשים ביי איהם געווען גארנישט. כאטש לגבי די מענשען איז ער געווען א צדיק, האט ער אבער שטענדיג אקעגען געשטעלט זיין צדקות צום „אלהים" און דעריבער איז ער געבליבען ביי זיך „תמים" — עניו ושפל...

(נועם מגדים)

צדיק תמים היה בדרתיו (ו-ט)

יש מרבותינו דורשים אתו לשבח

וי"ש שדורשים אותו לגנאי לפי דורו היה צדיק ואלו היה בדורו של אברהם לא היה נחשב לכלום (רש"י)

אויב די תורה זאָגט אויף איהם שבחים, פאַרוואָס האָבען זיי גע'דרש'נט לגנאי?

נור דער פשט איז, זיי האָבען גע־זאָגט, אַז די שבחים וואָס די תורה זאָגט אויף איהם „צדיק תמים" זענען געקומען מצד דעם גנאי און פערדאָר־בענקייט פונ'ם דור, ווייל זעהענדיג ווי דאָס דור איז שלעכט האָט ער זיך געמוזט מתגבר זיין און דערווייטערען זיך עד קצה האחרון פון זייערע דרכים, ביז ער איז געוואָרען אַ צדיק־תמים. וואָלט ער אָבער געווען „בדורו של אברהם" וואָלט נישט גע־ווען דער שטויס־קראַפט וואָס זאָל איהם בעווענען צו ווערען אַ צדיק־תמים.

דחקא דאָס רשעות פון דור, דאַרף דעם מענש שטופען און צוואונגען צו ווערען אַ צדיק...

(הרה"צ מה"ר יחיל הורוויץ ז"ל)

את האלהים התהלך נח (ו—ט)

ווי די חז"ל זאָגען אין מדרש, האָט נח נישט געשטראָפט די מענשען פון זיין דור. די גמרא זאָגט דאָך אַז „האי צורבא מרבנן דמרחמי ליי בני מתא משום דלא מוכח להו במילי דשמיא" (כתובות ק"ה) — דעריבער איז נח געוועזען אַ „צדיק תמים בדרתיו", אַלע האָבען פון איהם געהאַלטען אַלס צדיק און איהם ליב געהאַט, ווייל — את האלהים התהלך נח — ער האָט זיך שטענדיג מתבודד געווען מיט ג—ט און זיך נישט אָבגעגעבען מיט די מענשען ווי צו שטראָפען...

(ילקוט חדרוש)

בדורותיו — יש דורשין לשבח ויש דורשין לגנאי (רש"י)

מיט אַ ספעציעלע כוונה האָבען טייל פון די חכמים גע'דרשנ'ט לגנאי. וואָרום זיי האָבען געזעהען ברוח־הקודש אַז כמעט אַלע צדיקים וועלען האָבען התנגדות, אַפילו משה רבינו האָט געהאַט געגנער, האָבען זיי דע־ריבער געוויזען אַז אויף דעם ערשטען צדיק וואָס ווערט דערמאָהנט אין דער תורה, איז אויך געווען צו דרש'נען לגנאי און דאָך האָט השי"ת געזאָגט „כי אותך ראיתי צ ד י ק לפני", זאָל מען דעריבער נישט נתפעל ווערען,

ווען מען זעהט אז א צדיק האט געגע-
נער וואס רעדען אויף איהם. אויב
ס'איז נור „יש דורשין לשבח" קען
ער שוין זיין א צדיק...

(פרדס יוסף)

ביידע דרשות זענען אמת. געוויס
אויב ער וואלט אין אברהם'ס צייטען
געווען אין דער זעלבער מדרגה
וואס יעצט בימי דור המבול, וואלט
טאקי געווען „לא נחשב לכלום" און
ס'וואלט געווען „לגנאי". באמת אבער
וואלט געווען פערקעהרט, אויב ער
איז יעצט ביים דור המבול א צדיק,
וואלט ער זיכער אין אברהם'ס דור
געשטיגען אין דער קדושה און געווע-
זען פיל מעהר צדיק ווי יעצט, ממילא
איז עס דאך „לשבח"...

(תורת משה)

ובאברהם הוא אומר אשר התהלכתי
לפניו (רש"י)

ביי נח'ן שטעהט דאך אויך ווי-
טער „כי אותך ראיתי צדיק לפני:
נור דער דרך פון אברהם אבינו
איז געווען צו געהן צווישען די
מענשען און פראקלאמירען די אמונה
אין השי"ת. דאס הייסט „אשר התהלכתי
לפניו" — אברהם איז געגאנגען פאר-
אויס ווי א העראלד און מכריז געווע-
זען די אמונת ד', אזוי אז נאך איהם
איז שטענדיג נאכגעקומען התגלות-
אלקות און אמונה. דאגעגען נח, האט
זיך נישט פעראינטערעסירט מיט'ן
דור, דעריבער שטעהט ביי איהם נישט
„לפני האלהים התהלך נח" נור „את
האלהים".
דאס איז אבער נור געווען איי-
דער ער האט געמאכט די תיבה אבער
שפעטער ביים בויען די תיבה האט
ער דאך אין משך פון הונדערט און
צוואנציג יאהר, כסדר געזאגט די
מענשען, אז ס'וועט קומען א מבול
און געווארענט זיי אז זיי זאלען
תשובה טהוען (רש"י פסוק יד) —
האט ער דאך דאן יא געטהוען אזוי
ווי אברהם אבינו, פאסט שוין אויף
איהם אויך צו זאגען „כי אותך ראיתי
צדיק לפני בדור הזה"..

(תולדות נח)

אלה תולדת נח... ויולד נח שלשה בנים את שם את חם ואת יפת (ו—ט, יוד)

דאס זענען די מעשים - טובים — תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים:

(רש"י) — פון נח'ן, וואָס ער האָט איינגעוואָרצעלט ביי זיך און ביי אַנ־דערע די דריי זאַכען: את „שם" — צו געדענקען שטענדיג דעם אויבער־שטענס נאָמען — את „חם" — צו האָ־בען חמימות און התלהבות צו אַ דבר־מצוה — ואת „יפת" — צו טהוען נור אַזעלכעס וואָס איז „תפארת לעושיה ותפארת לו מן האדם" — וואָס איז שעהן פאַר השי"ת און פאַר מענשען..

(בשם הה"ק מפשיסכא ז"ל)

ותשחת הארץ לפני האלהים ותמלא הארץ חמס (ו־יא)

אויב מען איז פערדאָרבען „לפני האלהים" אין די ענינים פון בין־אדם־למקום, עס איז נישטאָ קיין יראת־שמים דאָן איז אויך — ותמלא הארץ חמס — ווערט מען ממילא פול מיט רויב, פעהלט אויך דער בין אדם לחבירו, אָהן יראת־שמים קען קיין מענשליכקייט אויך נישט זיין...

(שמעתי)

כי מלאה הארץ חמס מפניהם (ו־יג)

לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל (רש"י)

רש"י אַליין זאָגט דאָך פריהער אַז זייער חטא איז געוועזען ערוה וזנות, פאַרוואָס דען איז די חתימה פון גזר־דין געוועזען נור צוליב גזל?

נור די חז"ל זאָגען: אין בעל הרחמים נוגע בנפשות תחלה (ויקרא רבה פי"ז)—פריהער שטראָפט מען דעם מענש מיט'ן פערמעגען, ערשט ווען דאָס העלפט נישט, שטראָפט מען דעם מענש אַליין מיט זיין נפש.

איז דאָך אייגענטליך שווער, פאַר־וואָס ביים דור־המבול, האָט זיך באַלד די שטראָף אָנגעהויבען מיט „אמחה את האדם", מיט'ן צונעמען דאָס לע־בען פון די מענשען?

באמת אָבער קען דאָס געלד פונ'ם מענש, איהם מציל זיין, נור דאַן ווען ס'איז ערליך פערדינט, ס'איז באמת זיינס, איז ווען ער פערלירט דאָס געלד, הייסט עס ער פערלירט זיין אייגענטום און ער קען דערמיט אָפּקוי־מען זיין שטראָף. ווען אָבער דאָס געלד איז גאָרנישט זיין אייגענטום, ער האָט עס צוגע'גזלט פון פרעמדע אַזאַ געלד קען נישט מציל זיין דעם מענש פון שטראָף.

קומט דאָך אויס אַז ביים דור־המבול, ווען נישט דער חטא פון גזל, וואָלט אויפ'ן חטא פון זנות זיי נישט געקומען באַלד קיין פערניכטונג פון לעבען, נור מען וואָלט זיי פריהער בעשטראָפט מיט'ן פערמעגען, חייל

„אין בעל הרחמים נוגע בנפשות תחלה". דורך דעם אָבער וואָס זייער געלד איז געווען גזל, האָט באַלד געמוזט גע'חתמ'עט ווערען דער גזר-דין פון „הנני משחיתם את הארץ"...

(מלא העומר)

• • •

דאָס איז אויך די כוונה פון פסוק: עושה עושר ולא במשפט בחצי ימיו (ירמי' י"ז—י"א)—ווען ער האָט זיך ערוואָר-בען אייגענטום נישט אויף אַן עָהרליכען אופן, מוז ער פאַר זיינע עבירות בע-צאָהלען מיט'ן לעבען ווייל דאָס געלד קען נישט דינען אַלס כופר-נפש.

(שם)

אין מדרש ווערט דערצעהלט אַז אברהם האָט געפרעגט שם'ן, נח'ס זוהן, ווי אַזוי זיי זענען ניצול געוואָ-רען פון מבול. האָט ער געענטפערט, אַז אין זכות וואָס זיי האָבען זיך מרחם געווען אויף די בהמות, חיות און עופות, האָט אויך השי"ת זיך מרחם געווען אויף זיי.

איז ווען דער דור המבול וואָלטען געהאַט רחמנות איינער אויפ'ן צווייטען, וואָלטען זיי מעורר געווען אויף זיך רחמנות אין הימעל און זיי וואָלטען אויך ניצול געוואָרען, ווייל אָבער זיי האָבען איינער דעם צווייטען בע'גזל'ט און נישט געהאַט קיין רחמנות — כי מלאה הארץ חמס — ממילא איז אויף זיי אויך נישט געווען קיין רחמנות און זייער גזר - דין איז גע'חתמ'עט געוואָרען שוין אויף אַלע עבירות...

(תפארת שלמה)

צהר תעשה לתבה (ו-טז)

„תבה" מיינט מען דאָס וואָרט (אין לשון פון דער משנה איז „תבה" טייטשט אַ וואָרט) פון תורה און תפלה, דאָס איז מציל פונ'ם מבול פון גשמיות און ערדישקייט וואָס פערפלייצט דער וועלט.

איז דער טייטש „צהר תעשה לתבה" אַ ליכטיגקייט זאָלסטו מאַכען צום וואָרט. דאָס וואָרט פון תורה אָדער תפלה וואָס דו זאָגסט, זאָל זיין ליכטיג און קלאָהר...

(שפת אמת)

דער זהר הקדוש זאָגט אַז „נח״ איז מרמז אויף „שבת״ (פון לשון: מנוחה). דער שבת איז אויך אַ רעטונגס-ברעט וואָס קען מציל זיין דעם מענש פונ׳ם וועלטליכען מבול.

מערקווירדיג אַז ווען מען גיט צו דעם בעטרעף פונ׳ם וואָרט „צהר״ — 295, צום בעטרעף פונ׳ם וואָרט „תבה״ — 407, קומט אויס צוזאַמען 702 — דער בעטרעף פון וואָרט „שבת״.

צהר תעשה לתבה — ווען דו וועסט מאַכען אַ צהר צו דער תבה, וועט עס זיין דער שבת וואָס איז מציל פונ׳ם מבול...

(אבני אזל)

ובאת אל התבה אתה ובנך ואשתך ושני בניך אתך (ו—יח)

דאָס וואָרט „אתך״ זעהט אויס ווי איבריג?

נור די גמרא דערצעהלט אַז אין דער שטאָדט סורא האָט אַמאָהל געהערשט אַן עפּידעמיע, נור אין דער גאַס וואָס רב האָט געוואוינט איז קיין פּאַרפאַל נישט געווען. האָבען אַלע געמיינט, אַז דאָס איז אין זכות פון רב׳ן האָט מען געוויזען אין חלום אַז רב׳ס זכות איז צו גרויס, דאָס ער זאָל ווערען אויסגענוצט צו אַזאַ קלייניגקייט, נור דאָס איז אין זכות פון איינעם פון די איינוואוינער אין יענער גאַס, צוליב דער מצוה, וואָס ער פלעגט באָרגען זיינע כלים צו גראָבען קברים (תענית כו).

ווערט געטייטשט אין ספר „גזר הקדש״, אַז אַ גרויסער צדיק וואָס האָט פיל זכותים, אַז אפילו ווען דער משחית איז שולט אויף אַלע, קען ער אויף איהם קיין שליטה נישט האָבען, ממילא קען די סביבה נישט ניצול ווערען אין זיין זכות. דאַגעגען אַ קלענערער צדיק, וועלכער קען נישט ניצול ווערען אויב דער משחית האָט אַ שליטה אין זיין סביבה, מוז צוליב איהם אויסגעמיטען ווערען די שליטה פונ׳ם משחית אין זיין גאַנצער אומגעבונג, כדי ער זאָל ניצול ווערען.

איז ממילא ווייל נח איז דאָך נור געווען אַ צדיק „בדורותיו״ און נישט געהאַט אַזעלכע גרויסע זכותים, האָט די פאַמיליע וואָס איז געווען מיט איהם צוזאַמען אויך געמוזט ניצול ווערען צוליב איהם.

דעריבער זאָגט דער פסוק „אתך״ — ווייל זיי וועלען זיין מיט דיר צוזאַמען אין דיין סביבה, וועלען זיי מוזען ניצול ווערען. וואָרום דער משחית קען נישט צוגעלאָזט ווערען אין דיין אומגעבונג.

(מלא העומר)

ואתה קח לך מכל מאכל אשר יאכל... והיה לך ולהם לאכלה (ו-כא)

דער „אשר יאכל״ זעהט אויס ווי איבריג? און צווייטענס, וואו האָט ער

געקענט אַהינטערגעבן אַזוי פיל פּראָוויאַנט אויף אַ יאָהר צייט פאַר אַלע מענשען, בהמות חיות און עפות וואָס האָבען זיך געפונען אין דער תבה?

נור די חז״ל דרש׳נען אויפ׳ן פּסוק „מכל האוכל אשר יאכל״ — אוכל שאתה יכול לאכלו בבת אחת ואיזהו זה כביצת תרנגולת (יומא פ׳) — זעהט מען דאָך אַז דאָס וואָרט „יאכל״ ווייזט אויף אַ שיעור פון אַ כביצה וויפיל ס׳קען מיט איינמאָל אַראָבגעשלונגען ווערען.

האָט איהם השי״ת געהייסען אָנ־גרייטען בלויז אַ שיעור פון אַ כביצה אויף אַ סעודה פון אַ מענש און אַזוי אויך פאַר אַלע בעלי־חיים, נישט מעהר ווי אַ שיעור בליעה אויף אַ סעודה, דאָס מיינט דער „אשר יאכל״. נור השי״ת האָט אַריינגעגעבען זיין ברכה, אַז דערפון זענען זיי זאַט געוואָרען אַזוי ווי דער פּסוק פיהרט אויס: והיה לך ולהם לאכלה — כאָטש דו וועסט נור אַריינגעמען לויט׳ן שיעור פון „אשר יאכל״, וועט יעדער פון אייך האָבען צו עסען צו דער זעט...

(בשם הגר״א ז״ל מווילנא)

דער רמב״ן זאָגט דעם טעם, וואָס ביי נח׳ן האָבען מענשען נישט געטאָרט עסען קיין בעלי־חיים און נח׳ן איז עס מותר געוואָרען, ווייל נח האָט דאָך זיי מחיה געוועזען אין דער תיבה, האָבען זיי דאָך איהם געהאַט צו פערדאַנקען זייער עקזיסטענץ, ממילא האָט ער זיי געמעגט בענוצען צום עסען.

דאָס איז דער רמז אין פּסוק: ואתה קח לך מכל מאכל אשר יאכל — דורך דעם וואָס דו נעמסט זיי יעצט אַריין אין דער תיבה, ווערען זיי ראוי צו זיין אַ מאכל און ווערען מותר געגעסען צו ווערען דורך דיר..

(קדושת לוי)

דאָס וואָס דו וועסט זיי עסען, וועט עס אויך זיין פאַר זיי אַליין אַ מאכל. אַזוי ווי דער מענש דערהאַלט זיין עקזיסטענץ דורכ׳ן עסען, אַזוי איז דער תכלית און תיקון פון אַלע מאכלים ווען זיי ווערען געגעסען דורך אַ צדיק, דאָס איז זייער עליה און דאָס גיט זיי עקזיסטענץ בערעכטיגונג...

דורכ׳ן — „לך״ לאכלה — איז עס אויך „להם״ לאכלה...

(תפארת שלמה)

עס דאַרף דאָך שטעהן „להם ולך" וואָרום דער דין איז דאָך אַז: „אסור לאדם שיטעום קודם שיתן מאכל לבהמתו" (גטין ס"ב)?

נור דער טעם דערפון איז, ווייל דער מענש דאַרף מעלה צו זיין אַלע מאכלים, אַז אפילו דער צומח זאָל ווערען אַ מדבר. דעריבער מוז עס געהן בהדרגה, פריהער עסט די בהמה די געוואוקסען, ווערט פון צומח אַ חי, דאַן קען דער מענש מיט זיין עסען, עס מעלה זיין העכער צו דער מדרגה פון מדבר. נח אָבער האָט דאָך נאָך דאַן נישט געטאָרט עסען קיין בעלי־חיים, האָט ער ממילא נישט געדאַרפען היטען דעם סדר, האָט געקענט זיין פריהער „לך" און דערנאָך „להם".

(מלא העומר)

גם מעוף השמים שבעה... לחיות זרע (ז-ג)

בטהורים הכתוב מדבר. (רש"י)

אליך קשה, פאַרוואָס שטעהט נישט אַרויס אין פסוק אַז מען מיינט „טהורים"? נאָך איז שווער, פאַרוואָס שטעהט אין פסוק „לחיות זרע", די זיבען וואָס מען האָט געבדענגט פון טהורים, איז דאָך געוועזען כדי ער זאָל האָבען מקריב צו זיין קרבנות ביים אַרויסגעהן (רש"י), און אויב „לחיות זרע" איז דאָך גענוג צוויי?

נור די חז"ל זאָגען אַז ס'איז פערהאַן אַזאַ מין עוף „תרנגולא דאגמא" וואָס דער זכר איז אַן עוף טמא און די נקבה איז טהור (נדה נון). פון דעם מין עוף, כאָטש דער זכר איז נישט קיין טהור, האָט ער אויך געמוזט נעמען זיבען, ווייל די נקבה איז דאָך טהור, וועט ער דאָך פון איהר מקריב זיין קרבנות און דאָך אין בעצוג צום זכר איז עס נור צוליב „לחיות זרע".

דעריבער קען נישט אַרויסשטעהן אין פסוק „העוף הטהור" ווייל דער זכר איז דאָך טמא און דאָך האָט ער געמוזט נעמען זיבען אַקעגען די זיבען נקבות.

(משך חכמה)

ויבא נח ובניו... אל התבה מפני מי המבול (ז-ז)

אף נח מקטני אמנה היה. מאמין ואינו מאמין שיבא המבול ולא

נכנס לתבה עד שדחקוהו המים (רש"י)

ווי קען מען זאגען אויף נח'ן, וואס די תורה זאגט אויף איהם „צדיק תמים" אז ער איז נישט געוועזען קיין גאנצער מאמין ?

נור נח, האט אלץ געגלויבט אז די מענשען וועלען תשובה טהוען אין אין דער לעצטער מינוט וועט דער מבול ווערען אויפגעהאלטען.

איז דאס דער פשר: נח מקטני אמנה היה מאמין — נח האט געגלויבט אפילו אין די ווייניג גלויבענדיגע, אז זיי וועלען יעדע מינוט תשובה טהוען, דעריבער — ואינו מאמין שיבא המבול — האט ער נישט געגלויבט אז דער מבול וועט קומען, ער האט גערעכענט אז אט טהוען זיי תשובה און די גזירה ווערט בטל...

(הה"ק מהר"י מווארקא זצ"ל)

דער כח פון אמונה איז, אז זי איז ממשיך די זאך, עס זאל אזוי ווערען. לויט ווי שטארק עס איז די אמונה און דער בטחון פונ'ם מענש, ווערט עס טאקי אזוי. דעריבער כאטש נח איז געוועזען א מאמין אין השי"ת, האט ער מורא געהאט צו שטארק צו גלויבען אז ס'וועט קומען דער מבול, כדי ער זאל נישט דורך זיין אמונה גורם זיין דאס דער מבול זאל טאקי קומען. האט ער זיך ממילא נישט געקענט קיין עצה געבען — מאמין ואינו מאמין — כאטש ער האט געגלויבט, האט ער אבער מורא געהאט צו שטארק צו גלויבען דערין — עד שדחקוהו המים — ביז ער האט געזעהען אז דער מבול איז טיוּוי דא און זיין אמונה וועט שוין גארנישט מכריע זיין...

(אוהב ישראל)

ומן הבהמה אשר איננה טהורה (ז-ח)

עקם הכתוב שמונה אותיות כדי שלא להוציא דבר מגונה מפיו. (פסחים ג')

עס שטעהט דאך אבער פיל מאהל אין דער תורה דאס לשון טמא, „וזה לכם הטמא", „טמא יהיה לכם" א. א. וו. ?

נור דא ביים דערצעהלען אנ'ענין וואס איז נישט נוגע להלכה, דארף מען זיך היטען נישט צו רעדען קיין דבר מגונה. דארט אבער ווי מען

דארף אנווייזען להלכה אז דאס איז טמא, דעמאלט קען מען נישט פער־דעקען, נור מען מוז ארויסזאגען קלאהר און שארף: דאס איז טמא — וזה לכם הטמא!...

(לויט ראשונים)

וישאר אך נח (ז־כג)

דא שטעהט שוין נישט „נח צדיק תמים“ נור בלויז „נח“. ווייל אין די מדרשים ווערט בעטראכט פאר א חטא פון נח'ן וואס ער האט גארנישט געטהוען מתקן צו זיין דאס דור. און אויב מען טהוט גארנישט מתקן צו זיין אנדערע, פאלט מען אליין אויך אראב.

ווען ער איז געבליבען אליין, האט ער דערזעהען אז ער איז א בלויזער נח..

(הרה"ג מהר"ם שפירא ז"ל מלובלין)

ויזכר אלהים את נח ואת כל החיה ואת כל הבהמה אשר אתו (ח־א)

ווען השי"ת געדענקט אינ'ם צדיק איהם צו העלפען, געדענקט ער אויך צו העלפען די נידריגע און פראסטע מענשען, וואס זענען אין דער מדרגה פון חיות און בהמות ווייל — אשר אתו — זיי זענען מיט איהם, זיי זענען בעהאפטען און נכנע צום צדיק...

(הרבי מלובלין זצ"ל)

וישלח את הערב ויצא יצוא ושוב (ח־ז)

שהיה חושדו בבת זוגו (רש"י)

„עורב“ איז א סימבאל פון אכזריות, די מוטער ווארפט אוועק איהרע קליי־נע עורבים ווען זיי זענען יונג און ווייל זיי נישט געבען עסען (כתובות מט). ווען דער עורב האט געזעהען אז כאטש די וועלט איז פול מיט וואסער, שיקט איהם נח ארויס דרוי־סען, האט ער איהם חושד געווען אין אכזריות אז ער וויל איהם אומ־ברענגען פון דער וועלט. דאס הייסט „שהי' חשדו בבת זוגו — ער האט חושד געווען נח'ן אז ער האט איבערגענומען די מדת אכזריות מיט וועלכע זיין בת־זוג צייכענט זיך אויס...

(אבני אזל)

בעשירי באחד לחדש נראו ראשי ההרים (ח-ה)

די אבות ווערען אָנגערופען „הרים" אַזוי ווי די חז"ל זאָגען: הרים — אלה האבות - די אבות ווערען דערמאָהנט אין דער תורה, אַמאָהל אברהם דער ערשטער און אַמאָהל יעקב דער ערשטער — וזכרתי את בריתי יעקב ואת בריתי יצחק ואף בריתי אברהם (ויקרא כו — מב) — אָבער יצחק ווערט קיינמאָל נישט דער־מאָהנט דער ערשטער, ווייל זיין מדה איז „דין".

איז דער פסוק מרמז: בעשירי — אין יום כיפור וואָס געפאַלט דעם צעהנטען טאָג אין חודש און — באחד לחדש — און אין ראש - השנה וואָס געפאַלט דעם ערשטען טאָג אין חודש — נראו ראשי ההרים — ווערען נור געזעהען פאַר השי"ת די ראשים פון די אבות, אברהם און יעקב וואָס זייער מדה איז חסד און נישט דער מדת-הדין פון יצחק'ן...

(קול שמחה)

והנה עלה זית טרף בפיה (ח-יא)

אמרה יהיו מזונותיו מרורין כזית ובידו של הקב"ה ולא מתוקין כדבש בידי בשר ודם. (רש"י)

פאַרוואָס האָט עס די טויב אָבגע־ראַנקט נח'ן מיט זעלכע ווערטער, פאַר האַלטען אַ יאָהר אין דער תיבה און געבען צו עסען?

נור די טויב האָט געקלערט אַז נח וועט זאָגען, דאָס זי איז צוריקגע־קומען אין דער תיבה אַריין, נישט ווייל די וועלט איז נאָך פול מיט וואַסער, נור ווייל ס'איז איהר דאָ גוט, זי דאַרף נישט זוכען איהר עסען נח זאָרגט פאַר איהר, ווייל זי בעסער זיין ביי איהם, אָבער באמת קען זיין אַז דאָס וואַסער האָט יאָ שוין אויס־געטריקענט. דעריבער האָט זי איהם געגעבען אָנצוזעהערען אַז אויב עס וואָלט איהר נור מעגליך געוועזען זיך אַליין מתפרנס צו זיין אַפילו בדוחק און מיט ביטערניש ווי אַ זית, וואָלט זי נישט צוריק געקומען צו איהם...

(משכנות יעקב)

———

וירח ד׳ את ריח הניחח ויאמר.. לא אסיף לקלל עוד.. כי יצר לב האדם רע מנעריו.. עוד כל ימי הארץ זרע וקציר וקר וחם וקיץ וחרף ויום ולילה לא ישבתו (ח—כא, כב)

די משנה זאָגט: יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ שיגיעת שניהם משכחת עון (אבות פ״ב מ״ב)—אַרבייט מיט לערנען מאַכט פערגעסען די זינד, דאַגעגען ליידיג-געהעריי איז די מוטער פון אַלע זינד. אויך פוסטקייט פון מוח ברענגט צו שלעכטע מחשבות. אַזוי ווי דער רמב״ם זאָגט: אין מחשבת עריות מתגברת אלא בלב פנוי מדברי תורה.

דאָס דור-המבול, האָט דאָך געלעבט אין גרויסע מנוחה, זיי האָבען נישט געדאַרפען אַרבייטען מיט׳ן קערפער, ווען זיי האָבען איין מאָהל געזייהעט איז עס גענוג געוועזען אויף פערציג יאָהר אַרויס (מדרש) און קיין תורה האָבען זיי אויך נאָך נישט געהאַט צו פערנעמען דעם מח, האָט עס זיי דעריבער דערפיהרט צו צולאַזענקייט און הפקירות. דעריבער שטעהט: וירא ד׳ כי רבה רעת האדם וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום ויאמר ד׳ אמחה את האדם אשר בראתי (בראשית ו—ה, ז) — ווייל זיי האָבען נישט וואָס צו טהוען און וואָס צו טראַכטען זענען זיי ממילא פול מיט זינד, קומט זיי צו פערניכטען.

יעצט אָבער ווען השי״ת האָט אָנגענומען דעם ריח-הניחח פון נח׳ס קרבנות און ויך מתנחם געוועזען אויפ׳ן רע, האָט ער געזאָגט: לא אוסיף עוד לקלל את האדם — איך וועל שוין מעהר דעם מענש נישט גענצליך פערניכטען — כי יצר האדם רע מנעוריו — כאָטש („כי״ איז פיל מאָהל אַזוי ווי „אף״) דער יצר פון מענש איז דאָך שלעכט, האָב איך דערצו אַנ׳אַנדערע עצה, איך וועל איהם שווערער מאַכען דאָס לעבען, אַז ער זאָל מוזען מעהר אַרבייטען — עוד כל ימי הארץ זרע וקציר — ער וועט דאַרפען כסדר זייהען שניידען, האָרעווען און אַרבייטען, בעזאָרגען זיך מיט אַלע בעדערפענישען צוגעפאַסט צו די תקופות-ענדערונגען פון זומער און ווינטער — ויום ולילה לא ישבותו — טאָג און נאַכט וועט ער נישט רוהען, וועט ער ממילא שוין נישט קענען אַזוי פיל זינדיגען.

(קומץ המנחה)

———

ווען מ׳זעהט אַז די צייטען זענען נישט נאָרמאַל, ווען ס׳דאַרף זיין קאַלט איז וואַרעם אָדער פערקעהרט: ווען עס דאַרף זיין זומער איז ווינטער

אָדער פּעריקאָהרט, דער „קר" מיט'ן „חום" און דער „קיץ" מיט'ן „חרף" זענען צוזאַמען — איז עס ווייל „לא ישבתו" — ווייל מען היט נישט שבת ווי עס דאַרף צו זיין, קומט דעריבער די שטראָף אַז די צייטען זענען נישט נאָרמאַל.

(בשם המגיד הק' מקאָזניץ ז"ל)

ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית הארץ (ט—ב)

לויט די מורא וואָס איהר וועט האָבען פאַר השי"ת וועט איהר אויך אַראָבציהען אַ מורא אויף די חיות פאַר אייך. דאָס הייסט: ומוראכם וחתכם — אייער יראה פאַר השי"ת — יהיה על כל חית הארץ — אָט די מורא וועט אָנוואַרפען אַ פחד אויף די חיות אַז זיי זאָלען אייך נישט קענען קיין שלעכטס טהוען.

(תפארת שלמה)

אך בשר בנפשו דמו לא תאכלו... מיד כל חיה אדרשנו (ט—ד, ה)

בשר בנפשו—אסר להם אבר מן החי (רש"י)

וואָס פאַר אַ שייכות האָט צום איסור אבר מן החי דער צווייטער פסוק „ואך את דמכם לנפשותיכם אדרוש מיד כל חיה אדרשנו"?

נור דער ריקאנטי זאָגט אַז איינער עסט אבר מן החי, איז זיין שטראָף, אַז ער ווערט מגולגל אין אַ בהמה און אַ חיה רעה פערצוקט איהר—מדה כנגד מדה.

איז דאָס דער פסוק מרמז: אך בשר בנפשו דמו לא תאכלו — איהר זאָלט נישט עסען קיין אבר-מן-החי. אויב אָבער איהר וועט יאָ עסען, וועט זיין — את דמכם לנפשותיכם אדרוש מיד כל חיה אדרשנו — דער עונש וועט זיין אַז אַ חיה רעה וועט אייך פער-צוקען זייענדיג מגולגל אין אַ בהמה...

(ויכתוב משה)

שפך ד"ם האדם באדם דמו ישפך (ט-יוד)

דיישוד דמא דאנשא בסהדין דיינייא מחייבין ליה קטול (תרגום יונתן)

דעריבער האָט די תורה פערבאָטען נישט צו הרג'ענען קיין שום מענש, אפילו אַ בן-נח, ווייל טאָמער וועט פון איהם אַרויסקומען אַ גוט קינד, אַ צדיק. דאָס איז דער פשט. „שופך דם האדם באדם" — ווער עס פערגיסט דאָס בלוט פון אַ מענש וואָס געפונט זיך נאָך „באדם" — אינ'ם מענש, עס

דאַרף ערשט פון איהם אַרויסקומען אַ ריכטיגער מענש, איז – דמו ישפך.

ווען אָבער עס ווערט נישט אַרויס-קומען פון איהם קיין גוט קינד, איז השי"ת מסבב, אַז עס זאָלען נישט זיין קיין עדות, כדי עס זאָל נישט קומען קיין מיתה דעם וואָס האָט איהם דער'הרג'עט.

דעריבער פערטייטשט דער תרגום יונתן די ווערטער „באדם" – בסהדין – אויב ס'איז „באדם", עס איז אין איהם פערהאַן אַ גוטער מענש אַרויסצוקומען, דעמאָלט זענען פערהאַן עדות, ווען אָבער ס'וועט פון איהם סיי ווי קיין גוט'ס נישט אַרויסקומען, זענען ממילא קיין עדות נישטאָ..

(בשם הקדוש מהר"ח וויטאל ז"ל)

פערהאַן חסידים, וואָס כדי יענעם צו טהוען אַ טובה, אַבצוגעוואוינען פון אַ שלעכטע מדה, טשעפּען זיי איהם ברבים און טיילמאָל אויך ביז הלבנת-פנים.

דאָס קען זיך אָבער נור ערלויבען צו טהוען אַזעלכער וואָס איז יענעם באמת אַ גוטער פריינד, אַז ער וואָלט אויך פאַר יענעם'ס קערפּערליכע טובה געטהוען אַלעס און אַפילו גרייט גע-ווען דאָס אייגענע בלוט אַוועקצוגע-בען פאַר איהם, אַזעלכער מעג זיך אַמאָהל ערלויבען פאַר יענעם'ס טובה איהם מבייש צו זיין ברבים. אָבער דער וואָס איז נישט אַזאַ שטאַרקער פריינד צו קענען אַוועקגעבען פאַר יענעם זיין בלוט, דער טאָר אויך איהם נישט מבייש זיין ברבים, וואָס ס'איז „כאילו שופך דמים".

דאָס איז דער פּסוק מרמז: שופך דם האדם – דער מענש וואָס קען פערגיסען זיין אייגען בלוט – באדם – פאַר אַ צווייטען מענש'ס וועגען, – דמו ישפך – דער, קען זיך אַמאָהל ערלויבען יענעם מבייש צו זיין אַפילו ווען דאַדורך ווערט יענעם'ס בלוט פערגאָסען...

(הה"ק מהר"ח מקאזמיר ז"ל)

הפטרת נח

(ישעי' נד)

אל תיראי כי לא תבושי ואל תכלמי כי לא תחפירי כי בשת עלומיך תשכחי וחרפת אלמנותיך לא תזכרי עוד (כד—ד)

די חז"ל זאָגען אַז דעריבער האָ-בען די יודען נישט געקענט זעהען דעם ארון, נישט אין דער מדבר -- ולא יבואו לראות כבלע את הקודש

ומתו – און נישט ביים בית-שני, ווען דער ארון איז נגנז געווארען—היי״ל אין דער מדבר האבען זיי געהאט דעם דין ווי א „כלה בבית אביה" וועלכע שעמט זיך נאך און איז נישט דרייסט אנצוקוקען דעם מאן און ביים בית-שני האבען זיי ווידער געהאט דעם דין פון א גרושה וואס קען אויך נישט זיין היימיש מיט'ן מאן (יומא —נד).

דעריבער איז דער נביא מבשר יודען אז לעתיד וועלען יודען יא זיין נאהנט צו דער שכינה, זיי וועלען זיך נישט שעמען ווי א כלה און נישט זיין דערווייטערט ווי א גרושה.

אל תיראי – דו זאלסט נישט מורא האבען אז דו וועסט זיך שעמען ווי א כלה – כי לא תבושי – דו וועסט זיך מעהר נישט שעמען — ואל תכלמי כי לא תחפירי – דו וועסט נישט האבען דעם בזיון פון א גרושה — כי בושת עלומיך – וואס דו האסט געהאט אין דער יוגענד, אין דער מדבר – תשכחי – וועסטו פער-געסען – וחרפת אלמנותיך – די חרפה וואס דו האסט געהאט ביים בית-שני, אלס פערלאזענע פון מאן – לא תזכרי עוד – וועסטו מעהר נישט געדענקען, נור דו וועסט קענען זע-הען די התגלות השכינה אהן שום שטערונג...

(אהבת יהונתן)

דער קאצקער רבי ז״ל פלעגט טייט-שען דעם פסוק: אל תיראי – דאס וואס דו האסט נישט קיין מורא פאר השי״ת, איז ווייל – כי לא תבשי – דו האסט נישט קיין בושה, דו שעמסט זיך נישט פאר דיינע מעשים — ואל תכלמי – פארוואס שעמסטו זיך טאקי נישט, ווייל – כי לא תחפירי – דו גראבסט נישט אין דיר אריין (פון לשון: ויחפור באר אחרת), דו פער-טיפסט זיך נישט, צו בעטראכטען ווי דו האלטסט אין דער וועלט – כי בשת עלומיך תשכחי – די בושה פאר דעם וואס דו האסט געטהוען אין דער יוגענד, דאס פערגעסטו — וחרפת אלמנותיך לא תזכרי עוד – און די חרפה פון דיין לײדיג-געהן, הויבסטו נישט אן צו געדענקען – ממילא איז קיין וואונדער נישט וואס דו האסט נישט קיין יראת-שמים...

פרשת לך לך

לך לך מארצך (יב־א)

להנאתך ולטובתך (רש״י)

אויב ס׳איז געווען אַ נסיון, פאַרוואָס האָט מען איהם געזאָגט „להנאתך ולטובתך״ וואָס האָט גאָר דעם נסיון פארקלענערט?

נור אין דעם אַליין איז טאַקי בעשטאַנען דער נסיון, צי אברהם וועט עס טהוען צוליב „הנאתו וטובתו״ צי צוליב די צווי ד׳. אברהם איז אָבער בייגעשטאַנען דעם נסיון און „וילך אברם כאשר דבר אליו ד׳״ (פסוק ד) — ער איז געגאַנגען נור וויל השי״ת האָט אַזוי געהייסען און נישט וויל ס׳וועט איהם אַרויסקומען הנאות און טובות...

(ספרים)

מארצך וממולדתך ומבית אביך (יב—א)

דאָ זענען מרומז די דריי זאַכען וואָס זענען געזאָגט אין דער משנה: הסתכל בשלשה דברים ואי אתה באה לידי עבירה, דע מאין באת, ולאן אתה הולך ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון (אבות פ״ג מ״א).

געדענק אַלזאָ אין „מארצך״ — פון די ערד, אין וועלכע דו וועסט פערוואַנדעלט ווערען בעת דו וועסט געהן „למקום עפר רמה ותולעה״.

געדענק אין „מולדתך״ — פון וואַנען דו ביזט געבוירען געוואָרען — „מטפה סרוחה״.

געדענק אינ׳ם „בית אביך״ — אַז דו וועסט דאַרפען אַרויפקומען צום פאָטער אין הימעל און אָבגעבען דין וחשבון אויף דיינע מעשים „לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא״..

(חשבה לטובה)

כתיב „לך לך״ כאן ובפרשת העקידה ואין אנו יודעין איזו חביבה יותר

וויפיל דער מענש זאָל האָבען גע-אַרבייט אויף זיין אייגענער השלמה האָט ער אָבער נאָך נישט ערפילט זיין אויפגאַבע אין לעבען, כל זמן ער האָט אויך נישט געזאָרגט פאַר דער ערציהונג פון זיינע קינדער, אַז זיי זאָלען אויך זיין גאַנצע גלויביגע יודען און קענען פאָרטזעצען זיין אַרבייט, נאָך איהם.

דעריבער, כאָטש דער יעצטיגער נסיון פון אברהם אבינו צו פערלאָזען זיין עלטערען-הויז און זיין געבורטס-אָרט איז געווען גאַר אַ גרויסער — איז ער אָבער דאָך נור געווען פאַר אייגענער פערפאָלקאָמונג, כדי צו דערווייטערען זיך פון דער שלעכטער סביבה און קענען זיך אָבגעבען צו עבודת השי"ת. דאַגעגען דער צווייטער נסיון פון דער עקידה, ווייזט דאָך, אַז אברהם האָט אויך געאַרבייט פאַר דער

ממה דכתיב „אל ארץ המוריה" הוי השניה חביבה מן הראשונה (מדרש רבה)

שלמות'דיגער ערציהונג פון זיין קינד, זייענדיג גרייט אַליין מקריב צו זיין דעם בן-יחיד פאַר ג-ט, און אַריינברענגענדיג אויך אין זיין קינד אַזוי פיל אהבת-ד', אַז ער זאָל אַליין אויך געהן בשמחה אַלס קרבן — אַט דאָס ווייזט אויף דער פולער שלימות און גרויסקייט פון אברהם אבינו.

דעריבער איז דער צווייטער „לך לך" אין וועלכען עס רעדט זיך פון „הר המוריה" — פון ברענגען אַ קינד אַלס קרבן פאַר השי"ת — פיל ליבער און שטאַרקער פון ערשטען „לך לך", אין וועלכען עס רעדט זיך נור פון אייגענער שלימות, ווייל ס'איז נישט פערהאַן קיין פולע שלימות אויב מען אַרבייט נישט צו ערציהען די קינדער אַלס יודען מאמינים.

(הדרש והעיון)

---

* * *

דאָס איז די כוונה פון די חז"ל: „מטבע של אברהם אבינו זקן וזקנה מצד אחד ובחור ובתולה מצד אחר" (ב"ק צ"ז).

„מטבע" אין גייסטיגען זין הייסט אַ לעהרע, אַ לאָזונג, אַ שיטה (אַזוי ווי: מטבע שטבעו חכמים בברכות ובגטין). די לעהרע פון אברהם אבינו איז געווען אַז גלייכצייטיג מיט דער אַרבייט פאַר אייגענער השלמה צו שטייגען אין תורה און אין חכמה (אין זקן אלא שקנה חכמה) דאַרף מיטגעהן די אַרבייט פאַר דער ערציהונג פון די יונגע קינדער, די זאָרג פאַר'ן „בחור ובתולה"...

אַט דאָס האָט אברהם געוויזען מיט די צוויי נסיונות פון „לך לך מארצך" און „לך לך אל ארץ המוריה"...

(שם)

וארעשד לגוי גדול (יב—ב)

א פלאַדיגער מאמר איז פערד־אַן ביי די חז״ל האדם הגדול בענקים זה אברהם אבינו שאכילתו ושתייתו הי׳ כנגד שבעים וארבעה אנשים (מסכת סופרים פרק כ״א).

וואָס איז די כוונה דערפון?

נור ביים מעמד ד׳הר סיני ווערט געזאָגט אין פסוק: ויעל משה ואהרן נדב ואביהו ושבעים מזקני ישראל.. ויחזו את האלהים ויאכלו וישתו (שמות כד—ט)—זענען דאָך דאָרט געווען פיער און זיבציג מאַן, וועלכע האָבען משיג געווען די גרעסטע געטליכע השגות און דאָס ווערט אָנגערופען אין דער תורה „ויאכלו וישתו".

זאָגען דאָ די חז״ל אַז די השגות פון אברהם אבינו, זיין „אכילה ושתיה", איז געווען גלייך ווי די השגות פון יענע פיער און זיבציג מענשען ביים הר סיני...

(הגר״א ז״ל מווילנא)

דער גערער רבי שליט״א האָט דערויף אָנגעוויזען אַז אין דער תורה ווערען אויסגערעכענט פון נח׳ן ביז אברהם׳ען, פיער און זיבציג מענשען*). אברהם אבינו, אויף וועלכען די משנה זאָגט: „עשרה דורות מנח עד אברהם... עד שבא אברהם וקבל שכר כולם" (אבות פ״ה מ״ג) האָט אַלזאָ גענאָסען דעם שכר פון די אַלע דורות וואָס זענען געווען פון נח׳ן ביז איהם. דאָס הייסט פשוט: „אכילתו ושתייתו כנגד ע״ד איש"...

---

*) נח, שם, חם, יפת, גמר, מגוג, מדי, יון, תבל, משך, תירס, אשכנז, ריפת, תגרמה, אלישה, תרשיש, כוש, מצרים, פוט, כנען, סבא, חוילה, סבתא, רעמה, סבתכא, שבא, דדן, נמרד, אשור, צידן, חת, יבוסי, אמורי, גרגשי, חוי, ערקי, סיני, ארודי, צמרי, חמתי, עילם, אשור, ארפכשד, לוד, ארם, עוץ, חול, גתר, מש, שלח, עבר, פלג, יקטן, אלמודד, שלף, חצרמות, ירח, הדורם, אוזל, דקלה, עובל, אבימאל, שבא, אופיר, חלילה, יובב, רעו, שרוג, נחור, תרח, נחור, הרן, לוט, אברם. — אָט דאָס זענען די פיער און זיבעציג נעמען פון איינצעלנע פערזאָנען (אויסער פון פעלקער ווי: פלשתים פתרוסים כסלוחים) וואָס זענען דערמאָהנט אין דער תורה פון נח׳ן ביז אברהם׳ען.

ואעשך לגוי גדול ואברכך ואגדלה שמך (יב—ב)

הבטיחו על הבנים ועל הממון ועל השם... דבר אחר ואעשך לגוי גדול זה שאומרים אלהי יצחק ואגדלה שמך זה שאומרים אלהי יעקב. (רש״י)

דיביידע פשטים פון רש״י זענען אנ׳אויסשמועס פון אברהם־אבינו מיט׳ן יצר־הרע. דער יצר־הרע האט געוואלט אין איהם אריינברענגען נגיעות פון קערפערליכע הנאות ביים מקיים זיין דעם צווי ד׳, כדי עס זאל נישט זיין לשם שמים. האט ער עס איהם אויס־געטייטשט אז „ואעשך לגוי גדול״ — מיינט מען ער וועט בעקומען א גרויסען נאמען; „ואברכך״ — מיינט מען בממון; „ואגדלה״ שמך — מיינט מען בבנים. האט איהם אברהם אבינו אפ־געענטפערט: דבר אחר — ס׳איז גאר אנ׳אנדערער פשט אין די ווערטער פון השי״ת, נישט מען מיינט דא שם, ממון און בנים, נור „ואעשך לגוי גדול״ — מיינט מען גאר — זה שאומרים אלהי אברהם; „ואברכך״ — מיינט מען גאר — זה שאומרים אלהי יצחק; „ואגדלה שמך״ — מיינט מען גאר — זה שאומרים אלהי יעקב״. דאס אלץ איז נור א הבטחה אז דורך געהן וועט נתגדל ווערען דער שם שמים און צוליב דעם וועל איך עס טהוען אבער נישט צוליב גשמיות׳דיגע הנאות.

(אוהב ישראל)

ואגדלה שמך — זה שאומרים אלהי יעקב. (רש״י)

די גמרא זאגט אז ווען מען רופט צו אברהם „אברם״ איז מען עובר בעשה, אבער יעקב׳ן מעג מען רופען יעקב כאטש השי״ת האט איהם גע־הייסען רופען ישראל (ברכות יג)

פארוואס טאקי אזוי?

ווייל די נעמען פון די אבות „אברהם יצחק יעקב״ האבען אין זיך דרייצעהן אותיות אזוי ווי עס בע־טרעפט דאס ווארט „אחד״ — זיי הא־בען פראקלאמירט אחדות ד׳ אויף דער וועלט. אויך די נעמען פון די אמהות „שרה, רבקה, רחל, לאה״ הא־בען אין זיך דרייצעהן אותיות. צוזא־מען זענען עס זעקס און צוואנציג אותיות אזוי ווי דער בעטרעף פונ׳ם שם „הויה״.

ווען זשע מען זאל מוזען יעקב׳ן

רופען „ישראל", וועט דאָך זיין פער־צעהן אותיות, וועט עס דאָך נישט זיין לויט די צאָהל פון „אחד" און פון שם הוי"ה, דעריבער מוז זיין אַז דער נאָמען יעקב איז געבליבען אַזוי ווי פריהער.

דאָס איז אַלץ נור ווייל ס'איז פערגרעסערט געוואָרען דער נאָמען „אברם" אויף „אברהם" — פינף אותיות, מוז מען זאָגען „יעקב". ווען אָבער עס וואָלט געבליבען „אברם" וואָלט מען דאָך געמוזט יעקב'ס נאָמען פערגרעסערען און זאָגען „ישראל" כדי משלים צו זיין די צאָהל אותיות פונ'ם שם.

איז דאָס דער פשט: ואגדלה שמך — איך וועל גרויס מאַכען דיין נאָמען פון אברם אויף אברהם — זה שאומרים אלהי יעקב — וואָרום ווען מען וואָלט געזאָגט ישראל וואָלט דיין נאָמען נישט געקענט פערגרעסערט ווערען און וואָלט געמוזט בלייבען „אברם"...

(הה"ק מהר"ש מאוסטרופולי ז"ל)

והיה ברכה (יב—ב)

בך חותמין ולא בהם (רש"י)

די משנה זאָגט: על שלשה דברים העולם עומד, על התורה על העבודה ועל גמילת חסדים. (אבות פ"א מ"ב).

די דאָזיגע דריי עמודים פון דער וועלט, זענען אָקעגען די דריי אבות. אברהם איז געוועזען גמילות־חסדים; יצחק — עבודה, ער האָט זיך געבערענגט פאַר אַ קרבן צו ג—ט; יעקב — תורה ער איז דאָך געוועזען „איש תם יושב אהלים" — של תורה.

אין די לעצטע דורות פאַר משיח'ן וועלען נתמעט ווערען תורה און עבודה, וועלען יודען נור אויסגעלייזט ווערען אין זכות פון צדקה און גמילות־חסדים אַזוי ווי דער פסוק זאָגט: ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה (ישעי' א—כז)

דאָס איז דער רמז „בך חותמין", די חתימה פון גלות, דער אויסלאָז, וועט נור זיין „בך" — צוליב דיין מדה פון גמילות־חסדים. וואָרום תורה און עבודה וועלען ליידער זיין גאָר ווייניג...

(אהל תורה)

דער שטייגער איז, אַז ווען אַ פשוטער מענש ווערט גרויס און רייך, דערווייטערט ער זיך פון זיינע אָרימע משפחה און בעקאַנטע, עס פאַסט איהם שוין נישט מיט זיי זיך אָבצוגעבען און זיי צו העלפען. ממילא בעקומט אַ זעלכער שונאים און פיל שלעכטן איהם צוליב קנאה א. ד. ג. זאָגט דעריבער

השי״ת צו אברהם׳ען, אז אפילו נאכ׳ן — „ואגדלה שמך״ וועסטו נישט זיין פון די וואס דאס גרויסקייט ברענגט איהם שונאים און מקללים נור — והיה ברכה — דו וועסט ווייטער טהוען בלויז גוטס און אלע וועלען דיר בענשען...

(הדרש והעיון)

ואברכה מברכיך ומקללך אאר (יב—ג)

פארוואס ביי ברכה שטעהט פריהער „ואברכה״ און דערנאך „מברכיך״ און ביי קללה פערקעהרט, עס האט דאך אויך געדארפען שטעהן „ואאר מקללך״? ווייל „מחשבה טובה הקב״ה מצרפה למעשה״ און „מחשבה רעה אין הקב״ה מצרפת למעשה״. איז דעריבער די מברכים וועלען געבענשט ווערען נאך איידער זיי וועלען עס טהוען בפועל, בלויז פאר דער מחשבה. די מקללים אבער וועלען נור געשאלטען ווערען, ווען זיי וועלען האבען פאקטיש גע־טהוען, נישט פאר דער מחשבה.

(כלי יקר)

לויט די חוקי ־ ההגיון, קומט אין יעדען זאך צו דערמאהנען פריהער די סבה און דאן ערשט די קאנסעק־ווענץ, דעם מסובב.

ביי דער השפעה פון גוטס אויף דער וועלט, איז השי״ת אליין דער בעל־הסבה, ווייל זיין רצון איז נור צו טהוען גוטס מיט מענשען, גיט ער ברכה און גליק דער וועלט. אויב די דאזיגע השפעה ווערט אויפגעהאלטען, אדער חלילה זי ווערט איבערגעקעהרט אויף שלעכט, איז דער מענש די סבה דערצו, ווייל ער מיט זיינע מעשים איז זיך גורם דאס שלעכטס.

דעריבער שטעהט ביי ברכה „ואברכה מברכך״. ווארום די ערשטע סיבה צו געבען ברכה איז השי״ת דער „טוב ומטיב״. ביי קללה אבער שטעהט „ומקללך״ פריהער, ווייל דער שלעכ־טער מענש, דער מקלל, איז עס די סבה אז עס זאל חלילה קומען פון הימעל קללה...

(בשם הרב מוהר״ב מאניש הלוי ז״ל)

* * *

לויט דעם דערמאהנטען כלל האט דער ווילנער גאון ז״ל אנגעוויזען אויף דעם וואונדערבארען דקדוק־הלשון אין דער משנה: רבן גמליאל קרא (קריאת שמע) בלילה הראשון שנשא אשה... רחץ לילה הראשון שמתה אשתו... וכשמת טבי עבדו קבל עליו תנחומין (ברכות טז) — ביי די ערשטע

צוויי דינים איז דערמאָהנט פריהער רבן גמליאל אוןביים דריטען איז פריהער דערמאָהנט די עצם מעשה און עס שטעהט נישט אַזוי ווי פריהער: קבל תנחומין כשמת טבי עבדו?

ווייל ביי די ערשטע צוויי ענינים, איז די פערזאָן און די מעלה פון רבן גמליאל געוועזען די סבה צום דין. ביים ערשטען דין האָט ער געענטפערט די תלמידים: „לא כל הרוצה ליטול את השם יבוא ויטול" — אַז נור ער קען זיך ערלויבען צו זאָגען קריאת-שמע אַלס חתן און ביים צווייטען דין האָט ער געענטפערט „איסטניס אני"— אַלזאָ אויך נור זיין פערזאָן איז געוועזען די סבה צום פאַקט. דאַגעגען ביים דריטען דין איז דאָך געוועזען זיין ענטפער: „אין טבי עבדי כשאר העבדים כשר היה" — איז דאָך די סבה צום דין געוועזען די פערזאָן פון טבי, דעריבער הויבט זיך אָן דער מאמר „וכשמת טבי עבדו" — ווייל שטענדיג דאַרף די סבה דערמאָהנט ווערען אין אָנהויב.

פאַרוואָס שטעהט ביי די מברכים אַ לשון-רבים — „מברכיך" און ביי די מקללים אַ לשון-יחיד — „ומקללך"?

השי"ת האָט איהם מרמז געוועזען, אַז בענשער'ס וועט ער האָבען אַ סך, אָבער שעלטער'ס גאָר ווייניג, עס וועט זיך געפונען איין מקלל, אָבער דער רוב וועלען זיין מברכים..

(מפרשים)

ווען מענשען וועלען זעהען אַז די מברכים ווערען געבענשט און די מקללים ווערען געשאָלטען, וועלען ממילא צוקומען אַ סך מברכים, וועלענדיג געבענשט ווערען און מקללים וועלען זיין גאָר ווייניג מורא האָבענדיג נישט געשאָלטען צו ווערען.

(משך חכמה)

ומקללך אאר ונברכו בך כל משפחת האדמה (יב—ג)

כאָטש אַלע וועלען זיך אין דיר בענשען, וועט זיך דאָך געפונען אויך אַזעלכער וואָס וועט שעלטען. נישטאָ קיין ליכט אָהן שאָטען, אָבער דאָס ליכט בלייבט ליכט...

(שמעתי)

ואת הנפש אשר עשו בחרן (יב—ה)

שהכניסן תחת כנפי השכינה, אברהם מגייר את האנשים. (רש״י)

וואס איז געווארען מיט די דאזיגע גרים? מיר געפינען דאך נישט אין ערגיץ זיי דערמאהנען?

נור נאך די פטירה פון אברהם־אבינו, האבען זיי נישט געוואלט צושטעהן צום נייעם רבי׳ן — צו יצחק׳ן. ווייל ביי אברהם אבינו האבען זיי געזעהען צדקה, גמילות־חסדים, הכנסת־אורחים — בלויז חסד. האבען זיי זיך נישט געקענט צוגעוועהנען צו דער מדה פון יצחק׳ן, וואס איז געוועזען פחד און גבורות און זיי האבען געזאגט אז נאך אברהם׳ען איז שוין מעהר נישטא פאר זיי קיין רבי. דעריבער זענען זיי אינגאנצען צוריק אבגעפאלען און זענען געווארען אזוי ווי פריהער...

(בשם הה״ק רח״ה ז״ל מאלכסנדר)

———

• • •

פונוואנען דערנעמט זיך דאס טאקי וואס יצחק האט זיך בוחר געוועזען א נייעם דרך פון פחד און האט נישט אנגענומען די מדה פון חסד אזוי ווי זיין פאטער?

ווייל יצחק איז שטענדיג ארומגעגאנגען פול מיט מורא: טאמער בין איך נאך נישט אזוי ווי דער טאטע! ווי ווייט בין איך נאך פון טאטענ׳ס מדות! — און דערפון אליין איז ער געווארען „פחד יצחק״, טאקי ווייל ער האט יא געוואלט זיין אזוי ווי דער פאטער...

(שמעתי)

ויתק משם ההרה מקדם לבית אל ויט אהלה בית אל מים (יב—ח)

געוויס אז דער בארג איז אין מזרח פון בית־אל, איז בית־אל פון מערב?

נור פריהער האט מען פון דעם בארג גארנישט געוואוסט, דאגעגען בית אל איז געוועזען א בעקאנטע שטאדט, אזוי אז מען האט געמוזט געבען א סימן דאס דער בארג געפונט זיך אין מזרח פון בית־אל. שפעטער אבער ווען אברהם האט זיך געהאט בעזעצט אויפ׳ן בארג, איז דער בארג געווארען פיל מעהר מפורסם ווי בית־אל, אזוי אז אויב מען האט געוואלט זאגען וואו בית־אל געפונט זיך, האט מען געגעבען א סימן אז — בית אל מים — בית־אל געפונט זיך אין מערב זייט פון דעם בעוואוסטען בארג...

(בשם גדול אחד)

———

הנה נא ידעתי כי אשה יפת מראה את (יב—יא)

רש״י פרעגט: צו האָט ער דען ביז יעצט עס נישט געוואוסט?

נור די חז״ל זאָגען: אסתר ירקרוקת היתה אלא חוט של חסד משוך עליה (מגילה יג) — אסתר איז באמת נישט געוועזען קיין שעהנע, נור דורך איהר צדקות האָט זי אויסגעזעהן שעהן, צוליב דעם חסד פון הימעל.

דער חילוק צווישען אַ נאַטירליך שעהנהייט און צווישען אַ „חוט של חסד״ דערקענט מען בשעת דאָס שעהנקייט קען ברענגען אַנ׳אומגליק. אויב ס׳איז נאַטירליך בלייבט עס דעמאָלט אויך, אויב אָבער ס׳איז נור מצד חסד, איז דאָך דאָן דער חסד, אַז זי זאָל נישט אויסזעהען שעהן, כדי איהר מציל צו זיין פון דער צרה.

ווען אברהם האָט געזעהען, אַז אפילו יעצט ווען עס דראָהט איהר אַ געפאַהר מצד די מצריים, איז זי דאָך ווייטער געבליבען ביי איהר שעהנקייט, האָט ער געזאָגט: הנה נא ידעתי כי אשה יפת מראה את — אָט יעצט זעה איך אַז דו ביזט בעצם פון דער נאַטור אַ יפת־מראה, נישט צוליב אַ „חוט של חסד״. וואָרום ווען עס וואָלט נור געוועזען מחמת חסד, וואָלסטו יעצט נישט געדאַרפען זיין שעהן, ממילא מוז מען זאָרגען דערפאַר.

(הגר״א ז״ל מווילנא)

אמרי נא אחתי את (יב—יג)

וואָס וועט אייגענטליך העלפען דאָס זאָגען „אחותי״ ווען זי איז באמת אַנ׳ אשת־איש?

נור ביי בני־נח איז דאָך נישט פעראַן די מצוה פון גירושין. דאָס ווערען אויס אשת־איש, איז אַלזאָ אָבהענגיג אין בעשלוס פון פאָר־פאָלק זיך צו שיידען און פונאַנדערצוגעהן. אַזוי ווי זיי בעשליסען זיך נישט מעהר צו לעבען ווי מאַן און ווייב ווערט זי שוין אויס אשת־איש (רמב״ם).

האָט אברהם אבינו געזאָגט: אמרי נא אחותי את — בעשליס זיך און זאָג, אַז פון יעצט אָן זענען מיר נור ווי ברודער און שוועסטער נישט ווי מאַן און ווייב, ממילא וועסטו שוין טאַקי ווערען אויס אשת־איש...

(הכתב והקבלה)

למען ייטב לי בעבורך (יב—יג)

יתנו לי מתנות (רש״י)

צי איז טאַקי אברהם אבינו אַזוי געוועזען גיריג נאָך מתנות? ווען נאָך די מלחמת־סדום, האָט ער נישט געוואָלט נעמען דאָס וואָס ער האָט זיך עהרליך פערדינט, טאָ ווי קען עס זיין אַז דאָ זאָל ער גאָר זוכען עצות כדי

צו בעקומען מתנות ?

נור אין מדרש שטעהט אז דאס גאנצע געהן פון אברהם'ען קיין מצרים איז געווען כדי אויסצואַרבייטען א וועג פאר די יודען שפעטער — צא וכבוש הדרך לפני בניך — אז זייענדיג אין מצרים זאָלען זיי נישט פערפאַלען ווערען, נור פרעה זאָל זיי מוזען בעפרייען דורך מכות וואס ער וועט בעקומען, פונקט ווי יעצט ער האָט בעפרייט אברהם מיט שרה'ן דורך די נגעים.

האָט אברהם געוואָלט יעצט אויך צוגרייטען דעם „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול" — אז פרעה זאָל שפעטער מוזען יודען מיטגעבען מתנות אין וועג אריין. דעריבער האָט ער דורכאויס געוואָלט נעמען מתנות פון פרעה'ן, כדי ס'זאָל זיין א סימבאָלישער צייכען (פועל-דמיון) פאר דער שפעטערדיגער יציאת מצרים, זי זאָל זיין „ברכוש גדול"...

(שם משמואל)

וילך למסעיו (יג—ג)

בחזרתו פרע הקפותיו (רש"י)

פשוט איז עס זעהר שווער צו פערשטעהן, ווי אזוי האָט זיך עס אברהם אבינו ארויסגעלאָזט אין וועג אריין אָהן געלד און שפייז, אַזוי אַז ער זאָל זיך מוזען באָרגען? און ווער האָט עס געבאָרגט א פרעמדען דורכרייזענדען?

נור די כוונה איז דאָ אַנ'אַנדערע.

בעת אברהם אבינו איז געגאַנגען אונטערוועגס, האָט ער אומעטום מפרסם געווען דעם שם-שמים, אַז ס'איז פערהאַן א איין-און-איינציגער ג—ט אויף דער וועלט וועמען מען דאַרף דינען און אַזוי אַרום מכניס געווען מענשען תחת כנפי-השכינה. אָבער נישט אַלע האָבען איהם געגלויבט, ווייל זיי האָבען געפרעגט : אויב ס'איז טאַקי אמת אַלץ וואָס אברהם דערצעהלט זיי, טאָ פאַרוואָס לאָזט עס השי"ת זיין געטרייען דינער אַברהם, אַרומוואַנדערען אויף דער וועלט, נע ונד, און ער גיט איהם נישט זיין שכר צו זיצען במנוחה ושלוה? אויף דער שאלה, פערשטעהט זיך, איז אברהם זיי שולדיג געבליבען א ענטפער... (וואָרום ס'איז דאָך טאַקי געווען בלויז נסיונות) — אָט דאָס זענען געווען די חובות, די „הקפות" וואָס אברהם איז שולדיג געבליבען ביי זיין וואַנדערונג. ערשט יעצט צוריקוועגס, ווען עס איז מפורסם געוואָרען דאָס נס וואָס השי"ת האָט געטהון מיט אברהם'ען אין מצרים, ווי פרעה איז געשלאָגען געוואָרען מיט „נגעים גדולים" און ער איז צוריקגעגאַנגען בעלאָדענט מיט א גרויס פערמעגען — ואברם כבד מאד במקנה בכסף ובזהב — ערשט יעצט האָט ער בעצאָהלט דאָס וואָס ער איז פריהער שולדיג געבליבען... ער האָט אַלעמען שוין געקענט געבען א תשובה אויף זייער פריהערדיגע שאלה...

(ה"הק ר"י זצ"ל מקאזמיר)

———

אל מקום המזבח אשר עשה שם בראשונה (יג—ד)

פאַרוואָס שטעהט נישט „אל המזבח", וואָס עפּעס „מקום"?

נור די חז"ל זאָגען אויפ'ן פּסוק „אל מקום דם האשם" — אפילו נתקנח הדם (מנחות יוד). דאָס וואָרט „מקום" ווייזט אַלזאָ, אַז די זאַך איז שוין נישטאָ נור זיין אָרט איז געבליבען.

ווען אברהם איז צוריקגעקומען האָט ער נישט מקריב געוועזען אויפ'ן זעלבען מזבח, ווייל ער האָט געקלערט אַז די גויים האָבען איהם פּעראומרייניגט און מקריב געוועזען אויף איהם קרבנות צו דער עבודה-זרה (אַזוי ווי די „אבני מזבח ששקצו מלכי יון" האָבען געמוזט האָבען גניזה). האָט ער דעריבער דעם מזבח אָוועקגענומען און נור מקריב געוועזען אויפ'ן אָרט פון מזבח, וואָרום דאָס אָרט ווערט דאָך נישט געאַסרט — אלהיהם על ההרים ולא ההרים אלהיהם — איז דאָס אָרט געבליבען ביי דער פריהערדיגער קדושה.

(משך חכמה)

כי היה רכושם רב (יג—ו)

דער רמב"ן טייטשט אַז דאָס איז אַ טעם דערויף וואָס די פּאַסטוכער פון לוט האָבען געפּאַשעט אין פרעמדע פעלדער (זעה רש"י פּסוק ז') ווייל זיי האָבען געהאַט פיל בהמות אין נישט גענוג געוועזען די פּאַשע פון די אייגענע פעלדער.

איז דאָך שווער, ווי אַזוי האָבען די פּאַסטוכער פון אברהם יאָ גענוג געהאַט, אברהם האָט דאָך געהאַט נאָך מעהר פערמעגען?

נור די חז"ל זאָגען אַז ארץ ישראל ווערט אָנגערופען „ארץ - צבי" ווייל איהר ערד ווערט אויסגעצויגען און ברייטער ווען יודען וואוינען אין איהר, פונקט ווי דער הירש וואָס זיין פעל איז גרעסער ווען זי איז אויף איהם און ווען מען ציהט איר אָב ווערט זי איינגעשרומפּען. (גטין נ"ז)

קומט אויס אַז ווען אברהם'ס פּאַסטוכער זענען געקומען אויף אַן אָרט, איז עס געוואָרען אויסגעצויגען און ברייט אַז ס'איז גענוג געוועזען צו פּאַשען די בהמות און זיי האָבען נישט געדאַרפט געהן אויף פרעמדע פעלדער. דאָס זעלבע שטיקעל אָרט איז אָבער געוואָרען צוריק איינגעשרומפּען ווען לוט'ס פּאַסטוכער זענען דערויף אַרויף און עס האָט נישט געגוגענט צו פּאַשען די בהמות, וואָרום ארץ-ישראל האָט נור געהערט צו אברהם'ען און נישט צו לוט'ן.

(דגלי יהודה)

ויהי ריב בין רעי מקנה אברם ובין רעי מקנה לוט והכנעני והפריזי אז ישב בארץ (יג—ז)

די חז״ל זאָגען: לא חרבה ירושלים אלא על שביטלו בה תינוקות של בית רבן (שבת קי״ט) און אַזוי ווערט אויך געזאָגט אין מדרש איכה „עולליה הלכו שבי לפני צר ויצא מבת ציון כל הדרה״ — כיון שגלו תינוקות של בית רבן מיד ויצא מבת ציון כל הדרה.

זעהען מיר דאָך אַז צוליב דעם וואָס מען ערציהט נישט די קינדער צו תורה און יודישקייט, פערלירען יודען ארץ-ישראל און פרעמדע זענען שולט אויפ׳ן לאַנד.

דאָס איז דער פסוק מרמז: ויהי ריב בין רועי מקנה אַברם ובין רועי מקנה לוט — כל זמן ס׳איז פערהאַן חלוקי-דעות צווישען יודען ווי אַזוי צו פאַשען און ערציהען די קינדער (אַזוי ווי דאָס לשון פון פסוק: „ורעי את גדיותיך״ — שיר השירים א׳—ח׳), צי לויט׳ן סיסטעם פון אברהם, ביי וועמען עס ווערט געזאָגט „למען אשר יצוה את ביתו ואת בניו אחריו ושמרו דרך ד׳ לעשות צדקה ומשפט״ (בראשית יח—יט), צי לויט׳ן סיסטעם פון לוט וועמען ס׳איז געפעלען געוואָרען די „אנשי סדום רעים וחטאים״ און ס׳האָט איהם געצויגען צו זיי; כל זמן אַלע פערשטעהען נישט אַז מען מוז ערציהען די יודישע קינדער אינ׳ם וועג פון אברהם אבינו צום „ושמרו דרך ד׳״ און צו אמונת-ד׳ — דאַן איז — והכנעני והפריזי אז יושב בארץ — איז ארץ-ישראל בעהערשט פון פרעמדע פעלקער און יודען קענען אין איהר נישט זוכה זיין.

און מכל-שכן, אַז ארץ ישראל קען זיך נישט דערהאַלטען ביי יודען, אויב אין איהר אַליין גיט מען די קינדער אַ גאטלאזע ערציהונג אָהן תורה און אָהן אמונה און די ערציהער זענען „רועי מקנה לוט״...

(אבני אזל)

———

ויהי ריב בין רעי מקנה אברם ובין רעי מקנה לוט... ויאמר אברם אל נא תהי מריבה ביני ובינך (יג—ז. ח)

אָנגעהויבען האָט עס זיך ביי די פאַסטוכער אָבער ענדיגען וועט עס זיך „ביני ובינך״ — צווישען מיר און דיר.

אַזוי איז דער דרך פון יעדער מחלוקה, זי הויבט זיך אָן ביי די אָנ-העגגער, ביי דער סביבה און כאַפט זיך דערנאָך צו די אָנפיהרער אַליין...

(בשם גדול אחד)

———

פאַרוואָס שטעהט פריהער „ריב" אַ לשון זכר און דערנאָך שטעהט „מריבה" אַ לשון נקיבה ?

נור אברהם האָט געוואָרענט לוט'ן, אַז ס'זאָל אָבגעשטעלט ווערען די קריגערייען, ווייל דער קלענסטער „ריב" ווערט דערנאָך פערוואַנדעלט אין אַ נקבה, אַ מוטער וואָס טהוט געבוירען כסדר ווייטערדיגע מחלוקת. מוז מען איהם תיכף לאָקאַליזירען אַז עס זאָל בלייבען אַ „ריב" — לשון-זכר וואָס איז נישט מוליד — און ס'זאָל נישט ווערען דערפון אַ „מריבה" — לשון נקבה, וואָס זאָל כסדר מוליד זיין נייע קריגערייען — אַל נא תהי מריבה...

(של"ה אק' בדרך צחות)

כי אנשים אחים אנחנו.. הפרד נא מעלי (יג-ח, ט)

וואָס עפעס „אנשים אחים" ? און פאַרוואָס רופט איהם אַברהם אָן „ברודער" דווקא דעמאָלט ווען ער וויל זיך שיידען מיט איהם ?

נור דער מדרש זאָגט אַז די צורה פון לוט'ן איז געווען עהנליך צו אברהם.

זאָגט דעריבער אברהם : הלא אנשים אחים אנחנו — מיר זענען נור „מענשליכע ברודער", מענשען מיינען נור אַזוי אַז מיר זענען ברידער, ווייל מיר זעהען גלייך אויס, אָבער באמת איז נישטאָ קיין אינערליכע פערבינדונג צווישען אונז, אונזערע דרכים זענען גאַנץ פערשידענאַרטיג, דעריבער — הפרד נא מעלי...

(לשון צ"ח)

הפרד נא מעלי (יג-ט)

אברהם דער איש-החסד, וואָס האָט מקרב געווען אַפילו ערביים און זיי געגעבען צו עסען און צו טרינקען, ווערט אָבער אַ געוואַלדיגער קנאי, ווען ער זעהט אַז זיין אייגענער לוט, בויגט זיך אַביסעל אַוועק פון זיין שיטה און עס ציהט איהם צו סדום און ער שרייט אויס : הפרד נא מעלי...

חסד און אהבת-הבריות איז לגמרי נישט אין סתירה צו קנאות פאַר יודישקייט און צום אָבשיידען זיך פון שלעכטען...

(אבני אזל)

ויסע לוט מקדם (יג—יא)

הסיע עצמו מקדמונו של עולם (רש״י)

ער האָט זיך אָוועקגעריקט פונ׳ם ערשטען יוד פון דער וועלט – פון אברהם אבינו...

(בשם החי׳ הרי״ם ז״ל)

וד׳ אמר אל אברם אחרי הפרד לוט מעמו (יג־יד)

כל זמן שהרשע עמו היה הדבור פורש ממנו ולעיל שהיה לוט אצלו וכתיב וירא ד׳ אל אברם, אותה שעה כשר היה (רש״י)

פאַרוואָס נאָר איז טאַקי לוט געוואָרען שלעכט ?

קען מען דאָס מסביר זיין. וואָרום די גמרא זאָגט אַז דער וואָס איז עולה פון חוץ־לארץ קיין ארץ ישראל, בעקומט אַ גרעסערע מעלה — וחד מינן כי סליק להתם עדיף כתרי מינייהו (כתובות ה) — און דאָס איז דאָך בעוואוסט אַז „כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו״, בעקומט מען ממילא אַ גרעסערען יצר-הרע און מען מוז מעהר אַרבייטען איהם בייצוקומען. דעריבער ווען זיי זענען יעצט גע־קומען קיין ארץ־ישראל, איז אברהם אבינו, וועלכער האָט כובש געווען דעם יצר־הרע, געוואָרען נאָך גרעסער אין דער קדושה. לוט אָבער, האָט נישט כובש געווען דעם פערגרעסערטען יצר־הרע, ממילא איז ער ערגער גע־וואָרען.

אַזוי איז שטענדיג אין ארץ־ישראל. אָדער מען שטייגט אין דער קדושה, אויב חלילה נישט, ווערט מען ערגער ווייל דער יצר־הרע ווערט גרעסער...

(מלא העומר)

———

שא נא עיניך וראה... כי את כל הארץ אשר אתה ראה לך אתננה ולזרעך עד עולם (יג—יד, טו)

ארץ־ישראל איז הייליגער פון אַלע לענדער, אַפילו בעת זי איז חרוב און אַנדערע פעלקער וואוינען אין איהר, פערלירט זי נישט איהר קדושה און ס׳איז „עיני ד׳ אלהיך בה מראשית השנה עד אחרית שנה״ (דברים יא—יב).

ווען אברהם זעהט דאַן אַז דער כנעני געפונט זיך אין ארץ ישראל זאָגט איהם השי״ת: אמת טאַקי אַז דאָ אונטען זעהסטו אַ געוועהנליך לאַנד

מיט כנעניים, אָבער — שאַ נאַ עיניך — הויב אויף די אויגען אין דער הויך, זיי דיך מתבונן אויף דער רוחניות'דיגער הימלישער הנהגה פון דער וועלט, וועסטו דאַן זעהען — כי כל הארץ אשר אתה רואה לך אתננה — אַז שוין יעצט, האָט דאָס לאַנד אַ ספעציעלע קדושה און איז בעשטימט פאַר דיר מיט דיינע קינדער...

(משך חכמה)

ויבא הפליט ויגד לאברם (יד—יג)

זה עוג... ומתכוין שיהרג אברהם וישא את שרה (רש"י)

ביי דער מלחמה פון משה רבינו מיט עוג'ן האָט איהם השי"ת געזאָגט: „אל תירא אותו" (במדבר כא—לד) — זאָגען די חז"ל אַז משה רבינו האָט מורא געהאַט טאָמער וועט איהם ביי־שטעהן דער זכות וואָס ער האָט דער־צעהלט אברהם'ען אַז לוט איז אין סכנה און דורך איהם איז ער ניצול געוואָרען.

איז דאָך אַ געוואַלדיגער קל־וחומר. משה רבינו מיט אַלע יודען האָבען מורא פאַר אַ זכות וואָס עוג האָט אַמאָהל מיט פיל יאָהרען צוריק דערצעהלט אברהם'ען וועגען לוט'ן, געמיינט האָט עוג גאָר זיך — לישא את שרה — און אַ טובה איז גאָר אַרויסגעקומען לוט'ן, נישט אברהם'ן — ווי איז נאָך ווען איינער טהוט אַ גוטע זאַך און איז טאַקי מתכוין לטובה, און די טובה קומט אַרויס פאַר אַ ערליכען יוד, ווי גרויס דאַרף שוין זיין אַט אַזאַ זכות און אויף וויפיל דורות אַרויס...

(הרה"צ ר' יוסף זינדל סאלאַנטער ז"ל)

וירק את חניכיו (יד—יד)

זה אליעזר שחנכו למצוות והוא לשון התחלת כניסת האדם או כלי לאומנות שהוא עתיד לעמוד בה כמו חנוך לנער (רש"י)

איז דאָך מפורש אין די הייליגע ווערטער פון רש"י אַז חינוך פון קינדער הייסט נור דאַן אַ חינוך, ווען זיי בלייבען דערביי — שהוא עתיד לעמוד בה — דאָס לערנען מיט'ן קינד קליינערהייט און נישט זאָרגען אַז ער זאָל אויך שפעטער בלייבען אַ יוד, אַ בן־תורה, הייסט לגמרי נישט קיין חינוך...

(הגאון מהר"ם שפירא ז"ל מלובלין)

ומלכי צדק מלך שלם הוציא לחם ויין והוא כהן לאל עליון (יד—יח)

ווען צוויי צדיקים קומען זיך צוזאמען, לערענט איינער פון צווייטען און נעמט איבער זיינע מידות טובות.

שם בן נח, האט דאך שטענדיג עוסק געווען אין תורה ועבודה און זיין בית-המדרש (בית מדרשו של שם ועבר) און האט זיך לגמרי נישט אפגעגעבען מיט וועלטליכע ענינים. אברהם אבינו איז זיין הויפט מדה געווען הכנסת־אורחים, ער האט געעפענט זיין הויז פאר פרעמדע, זיי מאכיל ומשקה געווען און אזוי ארום זיי מקרב געווען תחת כנפי השכינה.

יעצט ווען זיי זענען זיך צוזאמענגעקומען איז — ומלכי צדק מלך שלם — שם בן נח (רש"י) — הוציא לחם ויין — האט ארויסגעצויגען פון אברהם'ען די מידה פון הכנסת אורחים, צו געבען מענשען צו עסען און צו טרינקען פון בעסטען — והוא — און ער, אברהם האט ווידער ארויסגעלערענט פון שם'ען — כהן לאל עליון — צו ארבייטען נאך מעהר אין תורה ועבודה, אזוי ווי א כהן אין בית המקדש.

(שיחות צדיקים)

דער רבי ר' מאיר'ל פרעמישלאנער ז"ל פלעגט אזוי זאגען: שם בן נח איז געווען א גרויסער צדיק און מפורסם'דיגער רבי, איז אויפגעשטאנען א נייער רבי ר' אברהם'עלע און איז באלד געווארען א מפורסם, האבען אלע פערלאזט דעם אלטען רבין און געלאפען צום נייעם רבין. האט זיך שם אנגעהויבען נאכצופרעגען וועגען אברהם'ען, האט מען איהם געזאגט אז ער איז א גרויסער מכניס-אורח, א געוואלדיגער בעל-צדקה. האט שם זיך געוואונדערט: ווי קומט דאס אלץ צום ענין „רבי"? איך מוז אליין געהן איהם זעהען.

ווי נור ער האט איהם געזעהען, האט ער געזאגט: ער איז טאקי א „רבי" אויך, אויסער בעל מכניס-אורח און בעל צדקה.

דאס הייסט: הוציא לחם ויין — ער האט אהעקגענומען די מעלה פון געבען אורחים לחם ויין, דאס האט ער געשטעלט פון דער זייט, אבער ער האט געזעהען אז — והוא כהן לאל עליון — ער איז טאקי „רבי" אויך....

הוציא לחם ויין (יד—יח)

רמז לו על המנחות ועל הנסכים (רש"י)

פארוואס האט ער נישט מרמז געווען אויף סתם קרבנות פון בעלי־

חיים נור דווקא אויף מנחות מיט נסכים ?

נור קרבנות פון בעלי־חיים האָבען די בני נח אויך מקריב געווען, אָבער פון געוואוקסען האָט מען נאָך ביז דאַן נישט געברענגט קיין קרבן. (קין האָט יאָ געברענגט „מפרי האדמה״, איז עס דאָך נישט געוואָרען אָנגענומען...) דעריבער האָט מלכי צדק איהם יעצט מבשר געווען אַז זיינע קינדער וועלען אויך ברענגען קרבנות פון צמחים.

דער טעם דערפון איז, ווייל אַ בעל־חי האָט דאָך אַ נפש־חיונית, קען עס מכפר זיין אויפ׳ן נפש־החיוני׳ת פונ׳ם מענש אָבער א צומח האָט דאָך נישט קיין נפש חיונית, קען עס בעצם נישט מכפר זיין אויפ׳ן מענש, נאָכדעם אָבער ווי אברהם אבינו האָט זיך מוסר־נפש געווען אויף קדוש־השם ביי דער מלחמה, אַזוי ווי דער מדרש זאָגט: „אמר אצא ואפול על קדושת שמו של מקום״ — האָט ער דאָך דאָס נפש־החיונית, אַליין מקריב געווען פאַר השי״ת, קען שוין אַ צומח אויך זיין אַ קרבן...

(הגה״ק בעל אפני נזר ז״ל מסאכטשוב)

הרימותי ידי... ולא תאמר אני העשרתי את אברם (יד־כב,כג)

כאָטש אברהם האָט דאָך גענומען פון פרעה׳ן מתנות, אָבער דאָ, ווייל דאָס האָט דאָך געזאָלט זיין אַ בעצאָהלונג פאַר דעם נצחון און די גבורות וואָס ער האָט בעוויזען, האָט ער נישט געוואָלט נעמען, כדי עס זאָל איהם נישט איינפאַלען אַ געדאַנק, אַז ער האָט מיט זיין אייגענער מאַכט דאָס פערדינט.

ולא תאמר — און זי, די האַנד, זאָל נישט זאָגען — אני העשרתי את אברם...

(יד המלך)

ווען דער מלך סדום וויל בעצאָהלען אברהם׳ען פאַר זיינע פערדינסטען אין דער מלחמה, זאָגט צו איהם אברהם: ווען דער נצחון אין דער מלחמה וואָלט געווען מיט מיינע אייגענע כוחות, קומט מיר צו בעצאָהלען דערפאַר, אָבער — הרימותי ידי אל ד׳ אל עליון — איך הויב אויף מיין כח און בין איתם מייחס צו השי״ת, דער שעפער פון הימעל און ערד, ער האָט עס מיר געגעבען כח צום זיג אין דער מלחמה, קומט דאָך מיר גאָרנישט דערפאַר — ואם אקח — איז אויב איך וועל פון דיר נעמען געלד — מכל אשר לך — נעם איך דאָך פון דיינס, נישט וואָס עס

קומט מיר, וויל איך נישט נעמען גלאט קיין מתנות פון דיר — ולא תאמר אני העשרתי את אברם...

(מלבי"ם)

אין מדרש ווערט געזאגט אז אברהם האט נור צוריקגעגעבען דעם מלך-סדום, די גרויסע מענשען וואס ער האט מציל געוועזען, אבער די קליינע קינדער האט ער איהם נישט געוואלט צוריקגעבען.

דהאט דער מלך סדום געפאדערט: תן לי הנפש — אז ער זאל איהם צוריקגעבען די קליינע קינדער. דערויף האט אברהם געענטפערט: הרימותי ידי אל ד׳ אל עליון — מיין גאנצע ארבייט אויף דער וועלט איז דאך צו צוציהען נפשות און זיי מכניס זיין תחת כנפי השכינה, צוליב דעם בין איך אויך געגאנגען אין דער מלחמה אריין, צו ווייזען אז „ד׳ גבור מלחמה", טא ווי אזוי קען איך דיר צוריקגעבען די קליינע קינדער וועלכע איך וויל ער-ציהען אלס מאמינים. דאס וואלט דאך געוועזען דער גאנצער היפוך פון מיין טעטיגקייט...

(אבני אזל)

שכרך הרבה מאד... מה תתן לי ואנכי הולך ערירי (טו-א,ב)

פארוואס האט ער ערשט יעצט אנגעהויבען בעטען אויף קינדער?

נור די חז"ל זאגען „אין מזל לישראל" (שבת קנג), פרעגט דארט תוספות פון א צווייטען מאמר חז"ל: „בני חיי ומזונא לאו בזכותא תליא מילתא אלא במזלא"? איז דער תירוץ דערויף אז א „זכות גדול" קען ענדע-רען דעם מזל.

אברהם האט דאך געוואוסט אז לויט זיין מזל קען ער קיין קינדער נישט האבען, דעריבער האט ער ביז יעצט נישט געוואגט צו בעטען, ווארום „לאו בזכותא תליא אלא במזלא". ווען אבער השי"ת האט איהם געזאגט „שכרך הרבה מאד" — האט ער דאך געהערט אז ער האט גרויסע זכותים, קען דאך שוין דאס מזל געענדערט ווערען, האט ער זיך ערשט אוועק-געשטעלט בעטען אויף קינדער.

און השי"ת האט טאקי איהם גע-ענדערט דאס מזל ווי רש"י זאגט ווייטער (פסוק ה׳) ויוצא אותו החוצה — „צא מאצטגנינות שלך שראית במזלות שאינך עתיד להעמיד בן"...

(מלא העומר)

ובן משק ביתי הוא דמשק אליעזר (טו—ב)

דמשק — דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים (רש"י בשם גמרא)

אברהם האט דאך דא גערעדט וועגן אליעזר'ן מיט גרינגשעצונג, אז ער וויל זיך מיט איהם נישט בעגנוגנען, ער איז „ערירי", טא וואס פאר א זין האט עס איהם צו ריהמען?

נור מיט דעם האט אברהם געמיינט טאקי אנצווייזען אויפ'ן חסרון פון אליעזר'ן. ער האט נישט קיין אייגענע תורה, קיין אייגענעם דרך, נור מיינע, טא וואס דארף איך א צווייטען, בין איך דאך אליין דא. יעדער צדיק דארף אליין עפעס אויפטהוען א נייעם דרך. אברהם איז געוועזען „חסד", יצחק — פחד; יעקב — אמת. ער אבער, אליעזר, איז נור דולה ומשקה מתורה רבו לאחרים — אליין איז ער גאר נישט מחדש, קען ער מיין ממלא-מקום נישט זיין...

(הה"צ מהר"ם ז"ל מפילץ)

ויוצא אתו החוצה ויאמר הבט נא השמימה וספר הכוכבים... כה יהיה זרעך (טו—ה)

פונקט ווי די שטערען זעהען זיך אויס דא אויף דער ערד ווי גאנץ קלייניטשקע פינטעלעך, בעת זיי זענען באמת גאר גרויסע וועלטען (טייל זענען פיל גרעסער ווי אונזער ערדקוגעל) — אזוי וועלען אויך זיין די יודען. דא אויף דער וועלט וועלען זיי אויסזעהען קליין און שפל'דיג, אבער דארט אין הימעל וועלען זיי זיין גאר גרויס און וועלען בילדען דעם יסוד פון דער גאנצער בריאה...

(הבעש"ט ז"ל)

הגביהו למעלה מהכוכבים (רש"י)

השי"ת האט אויפגעהויבען אברהם'ען העכער פונ'ם מזל און פון דער טבע. כאטש לויט זיין נאטור איז ער נישט געוועזען ראוי צו געבוירען קינדער, האט השי"ת איהם ארויסגעפיהרט פון דער טבע און איהם געשטעלט העכער פונ'ם מזל. זאגט איהם השי"ת באלד דערויף: „כה יהיה זרעך" — דיינע קינדער וועלען אויך אזוי זיין. זיי וועלען אויך געשטעלט ווערען העכער פונ'ם מזל און די הנהגה מיט זיי וועט זיין חוץ-לדרך-הטבע נור מי-

השגחה פרטית, בדרך נס. אַזוי ווי די חז״ל זאָגען: אין מזל לישראל (שבת קנו)...

(בשם החידושי הרי״ם ז״ל)

ערשט ווייטער (אין פסוק יב) שטעהט דאָך „ויהי השמש לבוא" — אַז די זון איז אונטערגעגאַנגען, איז דאָך יעצט נאָך געווען טאָג, טאָ ווי קומט .עס בייטאָג צו זעהען שטערען?

נור השי״ת האָט נישט געמיינט מבטיח צו זיין אברהם׳ען וועגען דער גרויסער צאָהל פון יודען אין קוואַנטום (כמות) וואָרום באמת זענען דאָך יודען דאָס קלענסטע פאָלק אין דער צאָהל, צווישען די פעלקער — (כי אתם המעט מכל העמים) נור פערקעהרט גאָר, השי״ת האָט איהם צוגעזאָגט אַז כאָטש יודען וועלען זיין ווייניג אין קוואנטום לגבי אַנדערע פעלקער וועט אָבער זייער איכות זיין אַזוי חשוב, אַז זיי וועלען זיין די משפיעים און די וועגווייזער פאַר דער גאַנצער מענשהייט. אַלע פעלקער וועלען פון זיי לערנען, אַזוי אַז אָהן דעם ליכט וואָס יודען וועלען פערשפרייטען אויף דער וועלט, וואָלט די וועלט געווען געזונקען אין פינסטערניש.

דעריבער האָט השי״ת געזאָגט צו אברהם׳ען: הבט נא השמימה — אָט קוק יעצט אין הימעל אַריין, ווען ס׳איז טאָג און די זון שיינט — וספור הכוכבים — און פרוב איבערצעהלען די שטערען — אם תוכל לספור אותם — צי ווייסטו זיי קענען יעצט צעהלען? כאָטש די שטערען זענען דאָך פערהאַן בייטאָג אויך, פונדעסטוועגען קען מען זיי נישט זעהען און אַוודאי נישט איבערצעהלען, ווייל די גרויסע ליכטיגקייט פון דער זון, כאָטש זי איז נור איינע, פערדונקעלט און פערפינסטערט דאָס ליכט פון די שטערען, כאָטש זיי זענען מיליאָנען און מיליאַרדען. זעהסטו דאָך אַז נישט די צאָהל, דער קוואַנטום איז דער עיקר, נור דער איכות, די קוואַליטעט. איין גרויסע ליכטיגע זון איז שטאַרקער פון מיליאַרדען שטערען — ויאמר לו כה יהיה זרעך — אָט אַזוי וועלען אויך זיין דיינע קינדער, זיי וועלען אמת זיין זעהר ווייניג און די פעלקער וועלען זיין פיל פיל מאָהל גרעסער אין דער צאָהל פון יודען, וועט אָבער דאָך קומען די יודישע ליכטיגע זון און פערדונקלען די ליכטיגקייט פון די מיליאָנען־גרויסע פעלקער. דער יודישער גייסט, דאָס ליכט פון זיין תורה, וועט שטעהן פיל העכער, זיין אונבעזיגבאַרער און אייביגער פון די שטאַרקע פעלקער מיט זייערע ריזיגע אַרמעען.

אַקעגען דער זון ווערען די שטערען פערדונקעלט...

(קול אומר קרא)

ויאמר לו כה יהיה זרעך והאמין בד׳ ויחשבה לו צדקה (טו—ח, ו)

אברהם האט דאך מורא געהאט, וואס וועט ווערען פון יודען בעת זיי וועלען זינדיגען. האט איהם השי״ת געזאגט: כה יהיה זרעך — דיינע קינדער וועלען שטענדיג זיין סיי בכמות סיי באיכות אזוי ווי די שטע־רען — והאמין בד׳ — און ער, דיין זרע, וועט מוזען גלויבען אין ג—ט, (די „ויו״ פון „והאמין״ איז אלזא א מהפך מעבר לעתיד), איך וועל טהוען פעולות דערצו, אז דיינע קינ־דער זאלען בלייבען שטענדיג ביי דער אמונה און זאלען נישט אינגאנצען אבגעריסען ווערען פון זייער שורש. אויף דעם זאגט דער פסוק: ויחשבה לו צדקה — דאס האט אברהם שוין בעטראכט אלס צדקה פון השי״ת. ווארום ווען א מלך זאגט צו אז אויב די בירגער וועלען גוט זיין וועט ער מיט זיי טהוען גוט׳ס, הייסט עס „משפט״. אויב אבער דער מלך זאגט צו זיך צו בעמיהען אז זיי זאלען מוזען גוט זיין כדי צו געניסען פון גוטען — דאס איז שוין „צדקה״...

(חסדי ד׳ להחסיד יעב״ץ)

והאמין בד׳ ויחשבה לו צדקה (טו—ו)

אברהם אבינו האט דאס אליין וואס ער האט אמונה, אויך בעטראכט פאר א צדקה וואס השי״ת טהוט מיט איהם און גיט איהם דעת צו גלויבען אין ג—ט...

(עבודת ישראל)

* * *

דעריבער שטעהט: „לך ד׳ הממלכה״ — נישט „המלוכה״ — חייל מיר מיי־נען דערמיט צו זאגען, אז אויך דאס וואס מיר האבען דעת ממליך צו זיין השי״ת, און מקבל צו זיין דעם מלכות שמים אויף זיך, אויך דאס אליין, איז א מתנה פון השי״ת...

(שם)

ואת הצפור לא בתר (טו—יוד)

הראה לו שמבדילין בחטאת העוף ואין מבדילין בעולת העוף. (מדרש)

ס׳איז אנ׳אנגענומענער כלל אין דער וועלט, אז א פאלק אדער א ציבור קען נישט זיין פעראנטווארטליך פאר די מעשים פון א יחיד. דער

יחיד וואס האט געטהוען שלעכט'ס ווערט בעשטראפט, אבער אנדערע בלייבען ריין. דער כלל גילט אבער נור ביי אלע פעלקער אויסערביים יודישען פאלק. לגבי יודען ווערט גאר אנגעווענדעט דער פרינציפ פון קאלעקטיווער פעראנטווארטליכקייט, ווען איין יוד בעגעהט עפעס אן־עולה, זעגען באלד אלע יודען שולדיג. דא שלאגט מען יודען, ווייל צווישען זיי זענען פערהאן קאמוניסטען און דארט שלאגט מען זיי ווייל צווישען זיי זענען פערהאן געלד־גייציגע קאפיטאליסטען א. א. וו.

וואלט מען דאך אבער געדארפען אויך צום גוטען אנווענדען דעם דאזיגען פרינציפ און עהרען דאס גאנצע יודישע פאלק צוליב די גרויסע אויפטהוען און ערפינדונגען לטובת דער מענשהייט וואס פיל איינצעלנע יודען האבען אויפגעטהוען און ערפינדען — איז עס ווידער נישט אזוי. ביי גוטע מעשים קען מען נור דעם פערדינסטפולען יחיד נישט דעם כלל פון וועלכען ער שטאמט, ביי שלעכטע מעשים אבער, בעשולדיגט מען דעם גאנצען כלל.

דאס איז די מליצה פון מדרש: שמבדילין בעולת העוף — אויב א יוד ברענגט קרבנות און אפפערט זיך לטובת דעם לאנד אדער לטובת דער געזעלשאפט, טיילט מען איהם אב פונ'ם גאנצען יודישען ארגאניזם (פונקט ווי ביי אן־עולת־העוף האט מען אבגעטיילט דער קאפ פונם גוף) ואין מבדילין בחטאת העוף — טהוט אבער א יוד נור עפעס אחטא, דאן טיילט מען שוין נישט אב צווישען איהם אין דעם כלל, נור אלע יודען ווערען בעשולדיגט.

אט דאס איז דער צער הגלות וועלכען מען האט פריהעראויס געוויזען צו אברהם אבינו...

(ילקוט הדרוש)

כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם (טו—יג)

ווען יוסף איז געווען משנה־למלך אין מצרים, שטעהט: „ואת העם העביר אותו לערים מקצה גבול מצרים ועד קצהו" (בראשית מז—כא) — ער האט איבערגעפיהרט די מצריים פון איין עק לאנד צום צווייטען, כדי — זאגען די חז"ל — די מצריים זאלען נישט מבזה זיין די יודען אז זיי זענען גרים, בעת זיי וועלען אויך זיין פרעמדע אין זייערע וואוין־ערטער.

ווען השי"ת זאגט אברהם'ען „כי גר יהיה זרעך" — זאגט ער איהם באלד, מיין נישט אז דאס וועט זיין פאר זיי א חרפה, ווייל — בארץ לא להם — די איינוואוינער פון לאנד אליין וועלען זיך אויך פיהלען ווי פרעמד, דאס לאנד וועט נישט זיין זייערס, ממילא וועלען זיי נישט קענען מבזה זיין די יודען...

(מדרש שמואל אבות)

דן אנכי (טו—יד)

אויב אויף די צווי ווערטער פון השי"ת „דן אנכי", זענען געשעהען אזוי פיל נסים און מכות ביי יציאת-מצרים, וויפיל נסים דארפען געשהען ווערען ביי די גאולה העתידה, וועגען וועלכער עס זענען פארהאן אזוי פיל הבטחות און יעודים וואס השי"ת האט געגעבען דורך די נביאים?

(רבינו סעדיה גאון ז"ל)

ויהי השמש באה ועלטה היה והנה תנור עשן ולפיד אש אשר עבר בין הגזרים האלה (טו—יז)

דער פסוק דערצעהלט דאך וואס עס איז געווען, דארף דאך שטעהן „והנה תנור עשן ולפיד אש עבר בין הגזרים האלה", דאסווארט „אשר" פאסט זיך דאך גארנישט דא אריין?

נור רש"י זאגט פריהער (אין פסוק יוד) אז דער „תנור עשן ולפיד אש" איז געווען דער שליח פון דער שכינה כורת-ברית צו זיין מיט אברהם'ען.

האט השי"ת מרמז געווען צו אברהם אבינו, אז פונקט ווי ביים יעצטיגען פינסטערניש און נעפעל, איז פערהאן די שכינה אין פארם פון א „תנור עשן ולפיד אש", אזוי אין אלע פינסטערנישען און ענגשאפטען פון די גלות'ן, אין וועלכע יודען וועלען זיך געפונען, וועט די שכינה זיין מיט זיי.

ווען ס'וועט נור זיין „השמש לבוא ועלטה", וועט זיך דארט געפונען דער זעלבער „תנור עשן ולפיד אש"—אשר עבר בין הגזרים האלה — וואס איז יעצט אדורכגעגאנגען צווישען די שטיקער. די שכינה וועט שטענדיג זיין מיט זיי אין גלות.

(קדושת לוי)

הפטרת לך (ישעי' מ, מא)

למה תאמר יעקב ותדבר ישראל נסתרה דרכי מד' ומאלהי משפטי יעבור. הלוא ידעת אם לא שמעת אלהי עולם ד' בורא קצות הארץ... אין חקר לתבונתו (מ—כז, כח)

עס איז בעוואוסט די קשיא פונ'ם רמב"ם ז"ל: ווי אזוי קענען מעגליך זיין דיביידע זאכען, ידיעה און „בחירה"? אויב השי"ת ווייסט שוין

פון פריהער נאָך איידער דער מענש איז בעשאַפען געוואָרען, צי ער וועט זיין אַ צדיק אָדער אַ רשע — טאָ ווי אַזוי קען נאָך דערנאָך זיין די בחירה אין מענשענ׳ס האַנד, זיך אויסצוקלויבען פריי צו פיהרען זיך לויט ווי ער וויל? ער קען דאָך נישט אַנדערש זיין ווי עס איז די פריהערדיגע ידיעה פון השי״ת, ממילא איז ער דאָך שוין אָבהענגיג און געצוואונגען אין אַלע זיינע מעשים?

דער תירוץ וואָס דער רמב״ם ענטפערט אויף דער קשיא איז: די ידיעה פון השי״ת איז גאָר פון אַ גאַנץ אַנדערען מין און אַנדערען כאַראַקטער ווי אַ מענשליכע ידיעה, אַזוי אַז מיר האָבען גאָרנישט קיין שום השגה און בעגריף אין דער דאָזיגער „ידיעה״, פונקט ווי מיר האָבען נישט קיין שום בעגריף אינ׳ם מהות פון השי״ת. איז עס דעריבער מעגליך — כאָטש מיר פערשטעהען עס נישט — אַז אפילו נאָך דער ידיעה פון השי״ת, צו וויסען פאָראויס אַלע מעשים פונ׳ם מענש, זאָל נאָך בלייבען די פולשטענדיגע פרייע בחירה אינ׳ם מענשענ׳ס האַנד. און דערויף זאָגט דער נביא: „כי גבהו שמים מארץ כן גבהו דרכי מדרכיכם ומחשבותי ממחשבותיכם״ (ישעי׳ נה—ט). (היד החזקה פ״ה מהל׳ תשובה הלכה ה).

דער דאָזיגער ענין, סיי די קשיא און סיי דער תירוץ, ווערט בולט אויסגעדרוקט אין אַט דעם פסוק: למה תאמר יעקב... נסתרה דרכי מד׳ ומאלהי משפטי יעבור — דו זאָגסט אַז אָדער חלילה עס איז פערהוילען מיין וועג פון ג—ט, עס איז נישט פערהאַן קיין פריהערדיגע ידיעה חלילה, אָדער—מאלהי משפטי יעבור — עס איז נישט פערהאַן קיין משפטים אויף די מענשליכע מעשים ווייל דורך דער געטליכער ידיעה, איז ער אַ מוכרח, ער האָט נישט קיין פרייען אויסוואַהל, ממילא קען מען דאָך איהם נישט בעשטראָפען. וואָרוםביידע צוזאַמען זענען דאָך נישט מעגליך, ענטוועדער — אָדער! אָדער: „נסתרה דרכי מד׳״ אָדער: „מאלהי משפטי יעבור״...

דערויף קומט דער ענטפער: הלא ידעת אם לא שמעת אלהי עולם ד׳, בורא קצות הארץ... א י ן ח ק ר ל ת ב ו נ ת ו — מיר קענען נישט דערפאָרשען זיין פערשטאַנד, ממילא קענען מיר נישט האָבען קיין השגה אין זיין „ידיעה״, וועלכע איז אָבער פאַקטיש אַזעלכע, וואָס ערמעגליכט דאָך נאָך זיך די פרייע בחירה פונ׳ם מענש — אַזוי ווי ס׳איז דער תירוץ פונ׳ם רמב״ם.

(בשם הגר״א ז״ל מווילנא)

פרשת וירא

וירא אליו ד׳ באלוני ממרא והוא ישב פתח האהל (יח—א)

אברהם אבינו איז געווען ביי זיך אזוי שפל, אז ער האט געהאלטען דאס ער אליין איז נישט ראוי צו השראת־השכינה, נור צוליב דעם „צדיק" ממרא (ער האט איהם געהאלטען פאר א צדיק ווייל ער האט איהם געראטען זיך מל׳א צו זיין עפענטליך) האט זיך עס השי״ת באוויזען, אבער – והוא יושב פתח האהל — ער אליין זיצט נאך ביי דער טהיר פון דער קדושה, ער האט נאך אפילו נישט אנגעהויבען אריינצוגעהן אינוועיניג...

(אוהב ישראל)

והוא ישב פתח האהל כחם היום (יח—א)

די חז״ל זאגען אז אברהם אבינו זיצט שטענדיג ביי דער טהיר פון׳ם גיהנם און לאזט נישט אריין דעם וואס איז געמלה׳עט (עירובין י״ט ובראשית רבה פמ״ח)

דאס איז דא מרומז אין פסוק: והוא יושב פתח האהל — ער זיצט כסדר ביי דער טהיר פון דעם געצעלט, וואס דארט קומט פאר דער משפט פון די רשעים, וועלכעס ווערט אנגערופען „כחום היום", אזוי ווי דער נביא זאגט: הנה היום בא בוער כתנור והיו כל זדים וכל עשה־רשעה קש ולהט אותם היום הבא (מלאכי ג–יט)

(ספרים)

וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו (יח–ב)

אחר לבשר את שרה ואחר להפוך את סדום ואחר לרפאות את אברהם שאין מלאך אחד עושה שתי שליחות... ורפאל שרפא את אברהם הלך משם להציל את לוט (רש״י)

פרעגען אלע מפרשים, אויב „אין מלאך אחד עושה שתי שליחות" פאר־

וואס האט מען נישט געשיקט א ספעציעלען מלאך כדי מציל צו זיין לוט'ן ?

נור באמת איז לוט ניצול געווא-רען אינ'ם זכות פון דוד-המלך וואס האט געדארפען פון איהם ארויסצוקו-מען. דאס וואס דוד-המלך איז געווע-זען מותר לבוא בקהל, כאטש ער איז ארויסגעקומען פון מואב, איז דאך צוליב דער הלכה „לא יבוא עמוני ומואבי—עמוני ולא עמונית מואבי ולא מואבית". דער טעם פון דער דאזיגער הלכה, זאגען די חז"ל ווייל דער טעם וואס די תורה זאגט אויף „לא יבוא עמוני ומואבי" — על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים — איז נישט שייך ביי די נקיבות, ווארום „דרכו של איש לקדם ואין דרכה של אשה לקדם", א'אשה דארף זיין א צנועה: — כל כבודה בת מלך פנימה — און דארף נישט אקעגען טראגען עסען צו פרעמדע מענשען (יבמות עו).

דאס איז דאך בעוואוסט אז אין הימעל פסק'ענט מען דעם דין לויט'ן פסק פון בית-דין של מטה, קומט אויס אז דעמאלט ווען די מלאכים האבען געפרעגט אברהם'ען „איה שרה אשתך" און ער האט זיי געענטפערט: הנה באהל — צנועה היא (ווייטער פסוק ט', רש"י דארט) — איז דעמאלט נתחדש געווארען דער דין אז „אין דרכה של אשה לקדם" און ממילא אויך די הלכה אז „מואבי ולא מואבית".

איז דאך ממילא ריכטיג, וואס בעת די מלאכים זענען געשיקט געווארען, האט נאך נישט געקענט געשיקט ווע-רען א בעזונדערער מלאך מציל צו זיין לוט'ן, ווייל דאן האט מען נאך נישט געוואוסט צו עס קומט איהם מציל צו זיין, ווארום דער זכות פון דוד'ן איז נאך נישט געווען קיין זיכערער, כל זמן מען האט נישט געוואוסט, צו ער וועט זיין כשר לבוא בקהל אויב ער וועט ארויסקומען פון לוט'ן. נור שפע-טער ווען אברהם האט זיי געענטפערט „הנה באהל" און ס'איז נתברר געווא-רען די הלכה אז „עמוני ולא עמונית" איז ממילא קלאהר געווארען אז מען דארף לוט'ן מציל זיין צוליב דעם זכות פון דוד'ן, איז ערשט דעמאלט איבערגעגעבען געווארען דעם מלאך די שליחות מציל צו זיין לוט'ן...

(בשם החידושי הרי"ם ז"ל)

ווען דער בעוואוסטער גאון ר' שלמה קלוגער ז"ל איז געווארען רב אין בראד, האט מען איהם באלד אין ער-שטען טאג מכבד געווען מיט א סנדקאות. קומענדיג אויפ'ן ברית האט ער געהערט אז דער פאטער פונ'ם קינד איז ר"ל א גוסס און אין בראד איז געווען א תקנה אז אין אזא פאל האט מען געווארט מיט'ן מל'ה זיין דאס קינד ביז דער גוסס וועט אפ-שטארבען כדי צו געבען דעם קינד א נאמען נאכ'ן פאטער. רבי שלמה

קלוגער האָט אָבער געהייסען גאַנץ שנעל צוזאַמען רופען אַ מנין יודען און תיכף מל'ה זיין דאָס קינד. מען האָט אַזוי געטהוען און דער פּאָטער פוּנ'ם קינד איז געזונד געוואָרען. עס פערשטעהט זיך אַז די גאַנצע שטאָדט האָט געקאָכט פוּנ'ם דאָזיגען מופת.

האָט רבי שלמה קלוגער ז"ל געזאָגט, אַז ער האָט עס זיך אַרויסגענומען פון דער דערמאָהנטער רש"י. וואָרום, עס איז דאָך שווער, האָט דען אין הימעל געפעהלט מלאכים, צו שיקען אַ ספּעציעלען מלאך מציל צו זיין לוט'ן, אַז מען האָט עס איבערגעגעבען דעם וואָס האָט געהיילט אברהמ'ען? נור מוז דאָך זיין אַז לוט'ס זכות איז נישט געוועזען אַזוי גרויס, דאָס מען זאָל פאַר זיין רעטונג שיקען אַ ספּעציעלען מלאך, דעריבער האָט עס געמוזט געשעהען דרך-אגב. ווייל סיי ווי איז דאָך געשיקט געוואָרען דער מלאך רפאל צו היילען אברהמ'ען, האָט ער שוין אויך אין איינוועגס געקענט מציל זיין לוט'ן.

איך — האָט ר"ש קלוגער געזאָגט— האָב אויך אַזוי געטראַכט. מסתמא איז מען דאָך יעצט אין הימעל דן דעם פּאָטער פוּנ'ם קינד און אפשר האָט ער נישט גענוג זכותים, אַז אליהו הנביא זאָל איהם ספּעציעל ברענגען די רפואה, האָב איך בכוונה געהייסען שנעל מל'ה זיין דאָס קינד, כדי אַז ווען אלידהו וועט קומען צום ברית-מילה, וועט ער ממילא אין איינוועגס אויך מיטברענגען אַ הילף פאַר דעם קראַנקען פּאָטער...

———

אחד בא בדמות טעיא (סוחר מדברי)
ואחד בדמות סדקי (סוחר תבואות)
ואחד בדמות חובל (מנהיג ספינה)
(מדרש)

דער שטייגער איז אַז אַ גרויסער סוחר וואָס פיהרט גרויסע געשעפטען, האָט אין יעדען מסחר פערשידענע אָנגעשטעלטע מענשען, וועלכע האָבען פון איהם פרנסה און ווען דער סוחר ווערט קראַנק, קומען ס'ערשטע די דאָזיגע מענשען איהם מבקר-חולה זיין, וואָרום ער איז דאָך זייער מפרנס.

די חז"ל זאָגען דאָך אַז די גאַנצע וועלט איז בעשאַפען געוואָרען אין זכות פון אברהם — „אלה תולדות השמים והארץ בהבראם — באברהם". די וועלט בעשטעהט דאָך פון אַ דריטעל מדבר, אַ דריטעל ים און אַ דריטעל ישוב, און אויף יעדען דריטעל איז ממונה אַ ספּעציעלער מלאך — „וגויתו כתרשיש כתרי אלפי פרסה" (חולין צ"א) — דעריבער זענען געקומען יעצט די דאָזיגע דריי מלאכים מבקר-חולה זיין אברהמ'ען, אין נעמענס

זכות זיי זענען בעשאפען געוואָרען. איז דער מלאך פון דריטעל מדבר געווען אין געשטאַלט פון „סוחר-מדברי"; דער מלאך פון דריטעל ישוב, אין געשטאַלט פון „סוחר-תבואות" — וואָס איז נור פערהאַן אין מענשליכען ישוב; און דער מלאך פונ'ם דריטעל ים, אין געשטאַלט פון אַ שיפס-קאַפּיטאַן...

(זרע ברך)

ויאמר... אל נא תעבר מעל עבדך (יח-ג)

מכאן שגדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה (שבת קכ"ז)

פרעגט די וועלט: פונוואַנען האָט אברהם אַליין געוואוסט דעם דין אַז הכנסת-אורחים איז גרעסער פון „קבלת פני השכינה", וואָס ער האָט געלאָזט שטעהן די שכינה און אַקעגען געלאָפען די אורחים?

נור אברהם האָט עס געלערענט דערפון וואָס „הוציא הקב"ה חמה מנרתיקה כדי שלא להטריחו באורחין" (רש"י פסוק א) — איז דאָך דערפון אַ ראיה, אַז ווען עס ווצלען קומען אורחים, ווצט ער נישט דאַרפען קוקען אויף דעם וואָס השי"ת געפונט זיך ביי איהם און זיי מוזען אויפנעמען...

(הה"ק משעפּיטיתקע ז"ל)

דער גוף פון אברהם אבינו איז געוועזען אַזוי געהייליגט, אַז די אברים זענען אַליין געלאָפען און געשטוינען דאָס וואָס ס'איז געוועזען דער געטלי-בער רצון. ווען אַלזאָ אברהם אבינו האָט געפיהלט, אַז די פיס הויבען זיך אַליין און לויפען אַקעגען די אורחים האָט ער דערפון פערשטאַנען אַז דער דין איז אַזוי, אַז גדולה הכנסת-אורחים יותר מקבלת פני השכינה...

הגה"ק מהר"ן אדלער ז"ל וכן בשם הה"ק מהר"ם מפרעמישלאַן ז"ל)

וואָס איז אַ נפקא-מינה להלכה פאַר אונז, דאָס וואָס „גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה"?

ווייל דערפון לערנען מיר, אַז כאָטש טיילמאָל איז די הכנסת-אורחים פער-בונדען מיט ביטול-תורה, אָדער מיט הערען אַ ביסעל לשון הרע. דאָך זאָל מען נישט קוקען דערויף און מקיים זיין הכנסת-אורחים, ווייל ס'איז גרע-סער „מקבלת פני השכינה"...

(בשם הבעש"ט ז"ל)

ווען אברהם אבינו וואָלט זיך אָבגעשיידט פון מענשען און זיך מתבודד געוועזען בלויז צו אייגענער עבודת־השם וואָלט ער זיכער דערגרייכט העכערע מדריגות אין השגת־אלקות, דאָך האָט ער אָבגעלאָזט זיין אייגענע שטייגערונג אין מדרגות און זיך בעשעפטיגט מיט מענשען, זיי אויפצונעמען און מקרב זיין תחת כנפי־השכינה. וואָרום דאָס איז דאָך געוועזען דער זין פון דער הכנסת־אורחים וואָס אברהם אבינו האָט מקיים געוועזען, אַזוי ווי די חז״ל זאָגען אַז נאָכ׳ן עסען, האָט ער זיי געהייסען לויבען און בענשען צו השי״ת וואָס האָט דאָס עסען בעשאַפען. קומט דאָך אויס אַז אברהם אבינו האָט בעטראַכט דאָס פערשפרייטען די אמונה צווישען מענשען אַלס אַ גרעסערע עבודה ווי די אַרבייט פאַר אייגענער שלימות און אייגענער עליה.

דאָס איז די כוונה: גדולה הכנסת אורחים מקבלת פני השכינה — ס׳איז גרעסער די עבודה פון מכניס זיין פרעמדע תחת כנפי השכינה, ווי די אַרבייט פאַר אייגענער שטייגערונג אין השגת־אלקות. אברהם האָט דעריבער מקריב געוועזען זיין אייגענער „קבלת פני השכינה" פאַר דער מצוה פון „הכנסת־אורחים"...

(אבני אזל)

ורחצו רגליכם (יח—ד)

כסבור שהם ערביים שמשתחוים לאבק רגליהם והקפיד שלא להכניס ע״ז לתוך ביתו אבל לוט שלא הקפיד הקדים לינה לרחיצה שנאמר ולינו ורחצו רגליכם (רש״י)

ווייטער אָבער (יט—ב) זאָגט רש״י, אַז דעריבער האָט לוט זיי געהייסען פריהער נעכטיגען און דערנאָך אָבוואַשען די פיס כדי די אנשי־סדום זאָלען נישט מאַכען אויף איהם קיין בלבול, אַז די אורחים זענען שוין ביי איהם אייניגע טעג. איז דאָך שווער פאַרוואָס דען זאָגט דאָ רש״י, אַז דאָס איז געוועזען צוליב דעם וואָס לוט האָט נישט מקפיד געוועזען אויף „הכנסת עבודה־זרה לתוך ביתו"?

ווייזט אויס, אַז אויב לוט וואָלט מקפיד געוועזען אויף דעם איסור, וואָלט ער נישט געדאַרפען קוקען אויף דעם וואָס די אנשי־סדום, וועלען זאָגען, וואָרום ביי עבודה־זרה איז דער

דין „יהרג ואל יעבור" אפילו ביים קלענסטען איסור וואס איז נור בכלל „אביזרייהו דעבודה זרה". האט ער זיך ממילא געדארפען מוסר נפש זיין אויפ'ן איסור פון „ולא תביא תועבה אל ביתך"...

* * *

עס קען אויך זיין, אז ווען די אנשי־סדום וואלטען געוואוסט, אז לוט איז אבגעהיטען פון עבודה־זרה, וואל־טען זיי ממילא אזא בלבול נישט געמאכט. ווייל ער וואלט זיך דאך געקאנט פערענטפערען, אז דאס וואס זיי האבען זיך באלד אבגעוואשען די פיס, איז כדי נישט אריינצוברענגען עבודה־זרה לתוך ביתו. ווען ער האט אבער יא מורא געהאט פאר'ן בלבול, מוז זיין, אז זיי האבען איהם געקענט דאס ער איז קיינמאל נישט מקפיד אויף אזעלכע זאכען...

(אבני אזל)

ואקחה פת לחם וסעדו לבכם אחר תעברו (יח–א)

די חז"ל דערצעהלען אז טורנוסרופוס האט אמאהל געפרעגט רבי עקיבא'ן: אויב השי"ת האט בעשאפען דעם מענש מיט אן ערלה, פארוואס שניידט איהר זי אב, צי דארף דען א מענש אויסבעסערען דאס וואס השי"ת האט בעשאפען? האט איהם רבי עקיבא געענטפערט: זעה, השי"ת האט בעשא־פען ווייץ, דאך קען מען נישט עסען און הנאה האבען פון די ווייץ, ביז דער מענש רייניגט זיי אויס, מאהלט זיי און באקט פון זיי ברויט, אזוי דארף אויך דער מענש צו האבען א תיקון דורכ'ן אראבנעמען די ערלה.

אברהם אבינו האט געמיינט, אז דאס זענען געקומען ערביים, אויס איהם אבשפעטען פארוואס ער האט זיך מל'ה געווען און געענדערט די בריאה פון השי"ת, אזוי ווי די סברא פון טורנוסרופוס, דעריבער האט ער זיי געזאגט: ואקחה פת לחם — איך וועל נעמען אייך א בעווייז פונ'ם „פת לחם", וואס קען נור אונטערלעהנען דאס הארץ, דאן ווען מען מאכט פון די בעשאפענע ווייץ א ברויט — ואחר תעבורו — וועט איהר דאדורך אוועק־געהן פון אייער ביז יעצטיגע מיינונג און איהר וועט פערשטעהן דעם ענין פון מילה, אז דער מענש דארף טאקי צורעכט מאכען דאס בעשאפענע...

(מדרש התמרי)

לבבכם אין כתיב כאן אלא לבכם מגיד שאין יצר־הרע שולט במלאכים

(רש"י)

איז דאָך אָבער שווער, אברהם האָט דאָך נישט געוואוסט אַז זיי זענען מלאכים, ער האָט דאָך גאָר געמיינט אַז זיי זענען ערביים, טאָ פאַרוואָס האָט ער געזאָגט „לבכם"?

נור באמת זענען אין האַרץ פאַרהאַן צוויי כחות, אַ גייסטיגער כח — לב חכם לימינו — און אַ פשוט'ער קערפערליכער כח פון גשמיות'דיגער תאוה — ולב כסיל לשמאלו.

יעדעס מאכל ענטהאַלט אויך אין זיך אַ גשמיות'דיגען כח וואָס דערנעהרט דעם קערפער און אַ גייסטיגען כח, דעם „מוצא פי ד'" — וואָס דערנעהרט די נשמה פונ'ם מענש. דעריבער שטעהט „ולחם לבב אנוש יסעד" — דאָס ברויט לעהנט אונטער ביידע כחות פונ'ם האַרץ, אי דעם קערפערליכען, אי דעם גייסטיגען.

ביי מלאכים איז נור פערהאַן בלויז דער גייסטיגער כח, שטעהט דעריבער „לבכם". אברהם אבינו ווידער, מיינענדיג אַז זיי זענען ערביים, וועלכע האָבען גאָרנישט אין זיך קיין רוחניות'דיגען כח, און ווערען געשפייזט בלויז פונ'ם גשמיות'דיגען פונ'ם מאכל, האָט אויך געזאָגט „לבכם" אויף דעם „לב כסיל לשמאלו"...

(מלא העומר)

וימהר אברהם האהלה אל שרה ויאמר מהרי שלש סאים קמח סלת (יח—ו)

די תורה לערענט אונז אַז צו דער מדה פון הכנסת־אורחים געהער אויך דאָס צואיילען זיך — וימהר, מהרי — אַז דער הונגעריגער זאָל נישט דאַרפען לאַנג וואַרטען. אַזוי ווי די חז"ל דערצעהלען אויף נחום איש גמזו אַז ער האָט געהייסען דעם אָרימאַן אַ מינוט וואַרטען ביז ער וועט אויסלאָדענען פונ'ם אייזעל, איז יענער דערווייל געשטאָרבען פון הונגער (תענית כא).

(אבני אזל)

דעמאָלט איז דאָך געווען פסח (רש"י פסוק יוד) און דער דין איז אַז אין פסח טאָר מען נישט קנעטען מעהר ווי אַ שיעור־חלה, ווייל אַ גרויס טייג איז שווער אָפצוהיטען פון חימוץ. דער ראַ"ש פרעגט אָבער פונ'ם לחם־

הפנים, וואָס האָט געמוזט זיין מצה און יעדע חלה האָט געהאַלטען צוויי עשרונים? זאָגט דערויף דער „מגן-אברהם" אַז פון לחם-הפנים איז נישט קיין ראיה, ווייל דערמיט האָבען זיך דאָך בעשעפטיגט נור כהנים וואָס זע-נען זריזים.

דעריבער ווען אברהם אבינו האָט יעצט געהייסען באַקען „שלש סאים", וועלכע האַלטען צעהן שעורי-חלה, האָט ער עס נור געקענט אָנטרויען שרה׳ן אַלס זריזה און האָט איהר נאָך מורו געווען זאָגענדיג „מהרי"...

(הגאון מהר"ל חריף ז"ל)

כתיב קמח וכתיב סלת מכאן שהאשה עיניה צרה באורחין (ב"מ פ"ז)

דער רמב"ם זאָגט אַז באמת דאַרף אַ מענש געהן אין מיטעלען וועג, נישט צו זיין צופיל קאַרג און נישט צופיל פזרן. דער וואָס האָט אָבער אַ שלעכטע מדה אין זיך און וויל איהר בעקעמפען, מוז ער דאַן אָננעמען דעם צווייטען עק, כדי ער זאָל סוף כל סוף צוקומען צום מיטעל-וועג.

דעריבער אברהם אבינו, וואָס איז געווען בעצם אַ בעל מכניס-אורח, האָט געקענט געהן אין מיטעל וועג און געבען די אורחים צו עסען קמח. שרה אָבער, וואָס אַלס פרוי איז דאָך איהר טבע געוועזען צו זיין „עיניה צרה באורחין", האָט זי דעריבער גע-מוזט אָננעמען דעם צווייטען עק און אַרויסגייען אַ סאַך פזרנות, האָט זי געזאָגט „סולת" — בעסער און שענער מעהל...

(בשם הה"ק הרבי מלובלין ז"ל)

והוא עומד עליהם תחת העץ (יח-ח)

צו דער מצוה פון הכנסת-אורחים געהערט אויך אַז דער בעל-הבית זאָל זיך נישט פיהרען העכער ווי דער מדרגה פון אורח, כדי דער אורח זאָל זיך פיהלען היימיש.

ווי בעוואוסט, הייסט אַ צדיק „הולך" — ווייל ער געהט און שטייגט וואָס אַמאָהל העכער. דאַגעגען אַ מלאך הייסט „עומד" ווייל ער שטעהט שטענדיג אויף איין מדרגה. אַזוי ווי דער פסוק זאָגט: ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה (זכריה ג-ז).

דעריבער ווען די מלאכים זענען יעצט געקומען צו אברהם׳ען, האָט ער נישט געהאַלט זיין אין אַ העכערער מדרגה פון די מלאכים, און ער האָט זיך פערקליידעט אין זייער מדרגה — והוא עומד עליהם — ער איז גע-וואָרען אַן „עומד", נעבען זיי, צוליב זיי...

(קדושת לוי)

ויאמרו אליו איה שרה אשתך (יח—ט)

כדי לשגר לה כוס של ברכה (רש״י)

רש״י אליין זאגט דאך פריהער (אין פסוק ח׳) אז קיין ברויט האט מען נישט געבראכט, ווייל ס׳איז טמא גע־ווארען, האבען זיי דאך נישט געדארפען צו בענשען, טא פונוואנען איז געוועזען א כוס של ברכה?

נור אברהם אבינו האט שטענדיג געהאט גרייט ברויט פאר אורחים, דאך האט ער זיך געפיהרט אז ווען ס׳זענען געקומען אורחים, האט ער נאך צוגע־באקען כדי זיי צו געבען פריש ברויט. ממילא ווען אפילו דאס יעצט געבא־קענע ברויט איז טמא געווארען האבען זיי אויך געגעסען דאס ערשטע ברויט, האבען זיי דאך געדארפען בענשען און געהאט א כוס של ברכה..

(נפלאות חדשות)

ותצחק שרה בקרבה לאמר אחרי בלתי היתה לי עדנה ואדני זקן. ויאמר ד׳ אל אברהם למה זה צחקה שרה לאמר האף אמנם אלד ואני זקנתי (יח—יב, יג)

די ספרים הקדושים זאגען אז „שרה״ איז מרמז אויפ׳ן גוף און „אברהם״ אויף דער „נשמה״.

דער גוף לאכט אלזא אין זיך און זאגט: אחרי בלותי — צו קען דען זיין אז נאך מיין פוילען אין דער ערד — היתה לי עדנה — זאל איך נאך ווערען פריש און אויפשטעהן צו תחיית המתים? און נאך טענה׳ט דער גוף: ואדוני זקן — דער יצר־הרע וואס הערשט איבער מיר איז דאך א „מלך־זקן״ מוז איך דאך איהם הער־כען, עס שטעהט דאך אין דער תורה „והדרת פני זקן״?

קומט דער ענטפער פון השי״ת צו דער נשמה אויף ביידע שאלות: אויף דער ערשטער שאלה, וואס דו צווייפעלסט אין תחיית־המתים, ווייל דער גוף ווערט פארפוילט, איז דער ענט־פער — האף אמנם אלד — דו זעהסט דאך אז איך מאך געבוירען נייע מענשען, איז דאך א קל־וחומר, אויב איך קען בעשאפען אזעלכע וואס זע־נען נאך גאר נישט געוועזען, וועל איך דאך געוויס קענען צוריק לעבעדיג מאכען אזעלכע וואס זענען שוין גע־וועזען. אזוי ווי די חז״ל האבען גע־ענטפערט דעם צדוקי: דלא הוי — הוי, דהוי — לא כל שכן (סנהדרין צ׳ א).

אויף דער צווייטער שאלה ווידער, אז דער יצר הרע איז א זקן, איז דער ענטפער: ואני זקנתי — איך בין עלטער... איך בין דאך דער „עתיק־יומין״ חי וקיים, ממילא דארף מען מיך גיכער הארכען...

(אור פני משה בשם הבעש״ט ז״ל)

דער פארוואורף איז געמאכט געווארען אברהם'ען, אויב שרה לאכט, איז עס א חסרון אין אברהם'ען. דער מאן איז שולדיג, אויב די פרוי איז נישט ווי עס דארף צו זיין...

(אלשיך הקדוש)

ותכחש שרה לאמר לא צחקתי (יח־טו)

ווי קומט עס אז אזא צדיקת ווי שרה זאל לייקענען?

נור זי האט דאך באמת געוואונדערט זיך און געלאכט אויף דעם „ואדוני זקן" — וויל אברהם איז אלט. זי האט דאך געזאגט: אחרי בלותי היתה לי עדנה — אמת, טאקי אז פון מיין זייט, זעה איך שוין צו'ענדערונג, אז ס'איז שוין אין מיר קיין מניעה נישטא צו האבען קינדער, אבער „ואדוני זקן" — אברהם איז שוין צו אלט צו האבען קינדער.

ווען השי"ת האט אבער משנה געווען, מפני דרכי־שלום, אז שרה האט עס געזאגט אויף זיך „ואני זקנתי", אז זי איז אלט, האט זי דאס געמעגט אבלייקענען, ווארום זי האט דאך באמת נישט געלאכט מצד איהר אלטקייט נור מצד אברהם'ס אלטקייט. דאך איז עס געווען א חטא, וויל זי האט געזאגט כתם „לא צקתי" וואס מען קען אויסטייטשען, אז זי האט אינגאנצען נישט געלאכט.

דאס איז א לימוד, אויף ווי ווייט, גרעסערע מענשען, דארפען זיך דערווייטערען פון שקר, אפילו ווען די אייגענטליכע ווערטער זענען נישט שקר, נור מען קען זיי אויסטייטשען אויף אזא אופן וואס זיי זאלען נישט זיין אינגאנצען אמת, איז עס אויך א חטא...

(הכתב והקבלה)

שרה האט באלד תשובה געטהוען, אזוי אז דער חטא איז דורך דער תשובה אבגעמעקט געווארען, ווי ער וואלט גארנישט געווען, דעריבער האט זי געזאגט „לא צחקתי". דאך אבער רופט עס די תורה אן „הכחשה", וויל די תשובה איז נור געווען בלויז א „תשובה מיראה" – כי יראה... — נאך וועלכע עס בלייבט א שטיקעל רושם פונ'ם חטא האט איהר אברהם געזאגט: לא כי צחקת — מען דארף טהוען „תשובה־מאהבה", אז דער צחוק אליין זאל מתוקן ווערען און ווערען א זכות, — תשובה מאהבה, זדונות נעשו כזכיות.

און באמת איז טאקי אזוי געווען, אז פון דעם צחוק איז געווארען „יצחק" און שרה אליין האט דערנאך

געזאָגט: „צחוק עשה לי אלהים" — זי האָט מתקן געווען דעם צחוק אַז ער איז געוואָרען איבערגעקעהרט לזכות...

(שפת אמת)

דער צחוק פון שרה'ן איז געווע־זען „בקרבה" אין די טיפסטע אינער־ליכע מחשבה, פון וועלכע זי אַליין האָט נישט געוואוסט און זי האָט גע־שריגען דעריבער „לא צחקתי". השי"ת אָבער, וועלכער ווייסט אפילו אַזעלכע אַדורכלויפענדע נישט־פערטיגע מחשבות פון אונטער דעם בעוואוסטזיין — אַזוי ווי די חז"ל זאָגען: מחשבה עד שלא נוצרה בלבו של אדם כבר היא גלויה לפניך (בראשית רבה פרשה ט') — רופט עס אַן „הכחשה" און זאָגט איהר: לא! כי צחקת — ס'איז געווע־זען אַ טיפף בעהאַלטענע נישט פערטיגע מחשבה פון וועלכע דו אַליין ווייסט יעצט נישט...

(אדומו"ר מגור שליט"א בשם אביו השפת אמת ז"ל)

* * *

דער שפת אמת ז"ל האָט דערצו נאָך צוגעגעבען לויט דעם מאמר חז"ל: „מי שרב שחקו, מתמעט יראתו" (הובא בארחות צדיקים שער השמחה) — דורך צופיל צחוק ווערט וויניגער בייםמענש יראת־שמים, וואָרום בעת ער איז פערנומען מיט'ן צחוק קען ער נישט טראַכטען וועגען יראת־שמים.

דאָס האָט שרה געזאָגט: לא צחקתי כי יראה — אויב זי האָט דעמאָלט געהאַט יראה, האָט דאָך ממילא נישט געקענט זיין קיין צחוק, ווייל דאָס זע־נען דאָך צוויי קאָנטראַסטען, נור עס האָט געמוזט זיין אַ נישט פערטיגע טיפף בעהאַלטענע מחשבה.

ויקמו משם האנשים וישקפו על פני סדם (יח—טז)

וואָס איז די בעדייטונג פונ'ם וואָרט „משם"?

נור ווען די מלאכים האָבען געזע־הען דאָס גרויסע צדקות און הכנסת־אורחים פון אברהם אבינו און האָבען זיך דערביי דערמאָהנט דאָס רשעות פון סדום, איז ביי זיי דער קיטרוג און כעס אויף סדום נאָך גרעסער געוואָרען...

זאָגט דעריבער דער פסוק: ויקמו משם האנשים — פון דאָרט, פונ'ם הויז פון אברהם אבינו, איז ביי זיי פערשטאַרקט געוואָרען די השקפה אַז מען דאַרף סדום צו פערניכטען —

וישקיפו על פני סדם – אזוי ווי די חז"ל זאגען: כל מקום שנאמר השקפה לרעה (רש"י)...

(כלי חמדה)

המכסה אני מאברהם אשר אני עשה... כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ד' לעשות צדקה ומשפט (יח—יז, יט)

וואס פאר א טעם איז דאס וואס ער איז „מצוה את בניו ואת ביתו אחריו" אויף דעם „המכסה אני"?

נור דאס וואס עס האט אברהם'ען געפעהלט אט די ידיעה, כאטש ער איז געוועזען א נביא, איז געוועזען, ווייל ער האט זיך בעשעפטיגט מיט מגייר זיין גרים און מיט'ן ערציהען מענשען צו יודישקייט. ממילא האט ער זיך נישט געקענט אזוי פיל מתבודד זיין און צוקומען צו דער העכסטער מדרגה פון נבואה און רוח-הקדש (דעריבער איז ער אויך געוועזען „טפל לשרה בנבואה" ווייל זי איז יא שטענדיג געוועזען „באהל" צבגעזונדערט פון מענשען מעהר פון איהם).

האט דעריבער השי"ת געזאגט: המכסה אני מאברהם? — צו איז דען א יושר, איך זאל דאס פון איהם פערדעקען בעת דער חסרון פון דער ידיעה דערנעמט זיך נור פון - למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו – ווייל ער גיט זיך אב מיט חינוך און מיט מקרב זיין מענשען תחת כנפי השכינה...

(חתם סופר)

דער גוטער מחנך, נוצט אויס צו זיין חינוך ארבייט די פאקטען פון טאג טעגליכען לעבען. כדי משפיע צו זיין אמונה אדער מוסר. ווען עס געשעהט עפעס א פאקט, וואס גוטע מעשים ווערען גוט בעלוינט אדער שלעכטע מעשים ווערען בעשטראפט, ברענגט ער אט די לעבעדיגע ביי-שפילען אלס לימוד פאר זיינע תלמידים כדי זיי זאלען לערנען דערפון, צו דערווייטערען זיך פון שלעכט'ס און אויסקלויבען דאס גוטע.

ווען אברהם האט אלזא געפיהרט א חינוך-ארבייט צו לערנען „לעשות צדקה ומשפט", דער פולער קאנטראסט פון די סדומ'ישע מעשים, איז דאך דער חורבן פון סדום – וועלכער איז פאראויס אנגעזאגט געווארען פון השי"ת אלס שטראף פאר זייערע שלעכטע מעשים – געוועזען אן'אויס-געצייכענט מאטעריאל צו בענוצען זיך דערמיט אין זיין חינוך ארבייט און אויפצווייזען וואס עס זענען די רעזולטאטען פון רשעות און אונ-גערעכטיגקייט.

דאס זאגט השי"ת: המכסה אני

מאברהם — צי זאָל איך דען צונעמען אזאַ ערציהונגס־מיטעל פון אברהם׳ען, ווי עס איז די בעשטימונג פון סדום׳ס חורבן, בעת — אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו — ער איז דאָך דער גרויסער מחנך און פעדאַגאָג אין זיין דור, וואָס לערנט אַלעמען — לעשות צדקה ומשפט — און אָט דער דאָזיגער פאקט ווערט דאך איהם פיל מיטהעלפען און זיין דאָזיגער הייליגער ארבייט, מענשען וועלען דערנאָך נישט קענען זאָגען, אַז ס׳איז נור געווען אַ צופאַל, בעת ס׳איז אברהם׳ען נאָך פריהער געזאָגט געוואָרען, אַז ס׳וועט קומען אַלס שטראָף...

(אבני אזל)

ושמרו דרך ד׳ לעשות צדקה ומשפט — אַפילו צו טהוען צדקה און גערעכטיגקייט, דארף מען אויך היטען דעם „דרך ד׳״. נישט ווי טייל צדקה־חברות אָרדנען איין בעלער און טאנץ־אָווענדען, אויף וועלכע עס ווערען אויפגעבראכען אַלע גדרי־הצניעות, מיטן תירוץ אַז די הכנסות געהען אויף צדקה. דאָס איז באמת אַ „מצוה הבאה בעבירה״. כדי צו טהוען צדקה מוז מען אויך היטען ג־ט׳ס וועג.

(ילקוט הגרשוני)

• • •

דער מלבי״ם ז״ל האָט אין דעם זין געטייטשט די משנה: הוי רץ למצוה קלה ובורח מן העבירה שמצוה גוררת מצוה ועבירה גוררת עבירה (אבות פ״ד—מ״ב) — דו זאָלסט לויפען שטאַרק צו דער קלענסטער מצוה, דאָך — ובורח מן העבירה שמצוה גוררת — זאָלסטו אַנטלויפען פון אַנ׳עבירה, אַפילו ווען די דאזיגע עבירה ברענגט נאָך זיך אַ מצוה, דען — מצוה ועבירה גוררת עבירה — אויב מען טהוט אַ מצוה צוזאַמען מיט אַנ׳עבירה, איז דער רעזולטאַט, אַז זי שלעפט נאָך זיך עבירות, נישט קיין מצוות...

למען הביא ד׳ על אברהם את אשר דבר עליו (יח—יט)

דאָס וואָס אברהם האָט גערעדט וועגען השי״ת און מפרסם געווען זיין אחדות און גדלות אויף דער וועלט, דאָס זעלבע, האָט השי״ת אויך געוואָלט איהם אָבדינען און מפרסם זיין אברהם׳ס גרויסקייט, אַז עס געשעהט נישט קיין זאַך אויף דער וועלט אָהן זיין וויסען. אזוי ווי די

חז"ל זאָגען: אתם עשיתוני חטיבה אחת בעולם, אף אני אעשה אתכם חטיבה אחת בעולם (ברכות ו')

(בינה לעתים)

ויגש אברהם ויאמר האף תספה צדיק עם רשע (יח—כג)

אברהם איז דאָך געוועזען דער יסוד-החסד. זיין גרעסטער געגנער איז דאָך געוועזען סדום, מיט זייער רשעות, האָבען זיי דאָך צושטערט אַלע זיינע דרכים. האָט ער זיך דאָך געדאַרפען פרעהען, ווען ער הערט אַז מען געהט פערניכטען סדום, דאָך בעט ער אויף זיי. ווייל אויב אברהם זאָל זיין צופרידען מיט דער מפלה פון סדום, איז דאָך דאָס אַליין אַ שטיקעל סדום׳ישקייט... און אברהם וויל דאָך בעיקר אַז דער חטא פון סדום זאָל נישט עקזיסטירען, אַז דאָס רשעות זאָל פערניכטעט ווערען, נישט די מענשען — יתמו חטאים ולא חוטאים...

(הרה"צ ר' נתן צבי פינקעל זצ"ל)

אולי יש חמשים צדיקים בתוך העיר... חלילה לך... להמית צדיק עם רשע והיה כצדיק כרשע... השופט כל הארץ לא יעשה משפט (יח—כד, כה)

אפילו זיי זענען נור צדיקים בתוך העיר — אין דער שטאָדט, לגבי די אַנדערע מיט-מענשען אָבער בעצם, טויגען זיי אויך נישט (אַזוי ווי דער מדרש זאָגט: כל מקום שנאמר צדיקים בסדם „צדיקם" חסר כתיב), דאָך אָבער קענסטו נישט די דאָזיגע חסר׳דיגע צדיקים פערניכטען צוזאַמען מיט די רשעים, וואָס זענען ערגער פאַר זיי. וואָרום דו ביזט דאָך אַ „שופט כל הארץ" — און אויף דער גרויסער וועלט וועט מען זאָגען אַז — והיה כצדיק כרשע — אַז דער וואָס זעהט אויס ווי אַ צדיק איז אַזוי ווי דער רשע, וואָרום פונדערווייטענס וועט מען נישט קענען געגעני דעם מצב פון אָט די צדיקים, נור מען וועט זאָגען אַז די צדיקים פון סדום זענען פערניכטעט געוואָרען צוזאַמען מיט די רשעים, וועט דאָך זיין אַ חילול-השם...

(מלא העומר)

ואנכי עפר ואפר (יח—כז)

ערד, האָט נישט קיין שום חשיבות פון דער פערגאַנגענהייט, דאַגעגען אָבער קען זי אַרויסגעבען פרוכטען און געוואוקסען, אויב מען וועט אין איהר זייהען, אַש ווידער, קען נישט אַרויסגעבען קיין געוואוקסען, קען עס

מצד דער צוקונפט קיין חשיבות נישט האָבען, דאַגעגען האָט עס אָבער אַ חשיבות מצד דער פערגאַנגענהייט, עס איז דאָך פריהער געוועזען אַ חפץ אָדער אַ כלי.

אברהם האָט זיך געהאַלטען אַזוי נידריג, אָהן שום מעלה, אַזוי ווי ביי־דע צוזאַמען, ווי „עפר״ מצד דער פערגאַנגענהייט און ווי „אפר״ מצד דער צוקונפט.

דעריבער זאָגען די חז״ל אַז ער האָט צוליב דעם זוכה געוועזען צו „עפר סוטה״ און „אפר פרה אדומה״. דאָס איז מדה כנגד מדה. ווייל ער האָט זיך געהאַלטען ווי „עפר״ וואָס האָט נישט קיין מעלה מצד דעם עבר — האָט ער בעקומען די מצוה פון „עפר סוטה״ וואָס איז דווקא מברר אַ זאַך פון דער פערגאַנגענהייט, צי די פרוי האָט געזינדיגט צי נישט. און ווייל ער האָט זיך געהאַלטען ווי „אפר״ וואָס האָט נישט קיין מעלה מצד דעם עתיד, האָט ער זוכה געוועזען צו „אפר פרה״ וואָס איז מטהר דעם יעצ־טיגען טמא פון היינט אָן און ווייטער, און בעווירקט דווקא זיין עתיד...

(בית הלוי מהגאון מהרי״ב מבריסק ז״ל)

סורו נא אל בית עבדכם (יט—ב)

אברהם האָט געזאָגט „אל נא תעבור מעל עבדך״ אין נישט דערמאָהנט „בית״?

ווייל ווען אברהם אבינו האָט בעקומען אַן אורח, איז ער געוואָרען אויס בעל־הבית, ער האָט דאָס גאַנצע הויז געשטעלט, צו דער דיספּאָזיציע פונ׳ם אורח און ער איז געוואָרען אַ בלויזער משרת...

(בשם חסיד א׳)

האחד בא לגור וישפט שפט (יט - ט)

זיי דאָבען דאָך אַליין ערשט איהם געמאַכט פאַר אַ שופט (רש״י יט—א)?

נור זיי האָבען געטענה׳ט, אַז ווען אַ לאַנד נעמט אויף אַ שופט האָט ער נור דאָס רעכט צו משפט׳ן לויט די געזעצען פון לאַנד, אָבער נישט צו מאַכען אַליין נייע משפטים און אַרויס־געבען נייע געזעצען, לבסוף איז גאָר — וישפוט שפוט — דו מאַכסט דיר אַליין משפטים וואָס שטימען נישט מיט אונזערע געזעצען, צו דעם האָבען מיר קיין רשות נישט געגעבען...

(כלי יקר)

דאָס וואָס די אנשי־סדום האָבען אַזוי נישט געוואָלט אַריינלאָזען צו זיך

קיין פרעמדע, איז געווען ווייל זיי האָבן מורא געהאַט אַז די פרעמדע וועלן איבערנעמען ביי זיי אַלע הע־כערע אַמטען און אָנפיהרען מיט'ן לאַנד, אַרויסשטופענדיג די איינגע־בוירענע (אַזוי ווי עס טענה'ן די היינטיגע סדום לעגדער...). האָבן זיי דאָס געזאָגט צו לוט'ן: ווי אַזוי קענסטו פערלאַנגען פון אונז, אַז מיר זאָלען אַריינלאָזען פרעמדע מענשען ווען דו זעהסט אַז — האחד בא לגור וישפוט שפוט — אַט איז געקומען איין פרעמדער, איז ער שוין געוואָ־רען אַ ריכטער, וואָס וועט נאָך זיין ווען עס וועלען קומען אַ סאַך, וועלען זיי דאָך מיט דער גאַנצע מלוכה אָנ־פיהרען...

(אמרי שפר)

דע כי מות תמות (כ—ז)

מכאן שבן נח נהרג על שהיה לו־ ללמוד ולא למד (מכות ט)

איז דאָך אַ קל־וחומר, אויב אַ בן־נח ווערט געשטראָפט, ווייל ער האָט געדאַרפט לערנען, ווי איז זשע, דער וואָס איז נישט קיין בן־נח, און האָט יאָ געלערענט, נור ער איז נישט מקיים וואָס ער האָט געלערענט, ווי גרויס דאַרף שוין זיין דער עונש...

(בשם גדול אחד)

רק אין יראת אלהים במקום הזה והרגוני על דבר אשתי (כ—יא)

זאָל מען נור זיך נישט איינרעדען, אַז אפילו מען האָט נישט קיין מורא פאַר ג—ט, קען מען אויך בעזיצען איידעלקייט און גוטע מידות צוליב מענשליכקייט. ניין! דאָרט ווי עס איז נישטאָ קיין „יראת־אלהים", דאָרט איז אויך קיין מענשליכקייט נישטאָ. דאָרט קען מען צוליב אַ ליאַדע תאוה בע־געהן די גרעסטע רציחות און אומ־מענשליכקייט... נור אמונה און יראת־שמים איז די איינציגע שוץ־וואַנד געגען שלעכטע מעשים אפילו אין בעצוג צו מענשען...

(מלבי"ם)

ויהי כאשר התעו אתי אלהים מבית אבי (כ—יג)

והוה כד טעי עממיא בתר עובדי ידיהון יתי קריב ד' לדחלתיה מבית אבא (אונקלוס)

ואונקלוס תרגם מה שתרגם (רש"י)

פאַרוואָס זאָגט נישט רש"י וואָס דער תרגום אונקלוס זאָגט, אָדער „כתרגומו"? וואָס בעדייטען די ווערטער „תרגם מה שתרגם"?

נור דער שלימות'דיגער מענש, פיהרט שטענדיג אַליין אויס אין לעבען, דאָס וואָס ער פרעדיגט און וואָס ער לערענט. די לעהרע מיט'ן לעבען זענען נישט קיין צוויי אָבגעטיילטע זאַכען. אַזוי האָבען זיך געפיהרט אונזערע הייליגע חכמים די מדה וואָס זיי האָבען אַליין פערמאָגט, דאָס האָבען זיי געפרעדיגט פאַר אַנדערע — הוא היה אומר — דאָס וואָס ער איז געוועזען, דאָס האָט ער געזאָגט.

ווי בעוואוסט איז אונקלוס געוועזען אַ גר, ער האָט פערלאָזט אַ הויכען אַמט אין דער דעמאָלט גרויסער און רייכער רוימישער אימפעריע און געוואָרען אַ יוד. אויב ער פערטייטשט אַלזאָ דעם פסוק: „ווען אַנדערע פעלקער האָבען געבלאָנדזשעט נאָך זייערע געצען האָט מיך ג—ט מקרב געוועזען צו זיין דינסט פון מיין פאָטער'ס הויז" — טייטשט ער עס פון זיין אייגען לעבען, ממש אַזוי ווי ער אַליין האָט געטהוען.

דאָס איז רש"ס כוונה: אונקלוס תרגם מה שתרגם — אונקלס פערטייטשט דעם פסוק, אַזוי ווי ער האָט פערטייטשט זיין אייגען לעבען, אַזוי ווי ער האָט געטייטשט פאַר זיך...

(הר"ג מהר"ם שפירא ז"ל מלובלין)

כל השמע יצחק לי... היניקה בנים שרה כי ילדתי בן לזקניו (כא—ו, ז)

בנים לשון רבים, הביאו השרות בניהן עמהן והיניקה אותם שהיו אומרות לא ילדה שרה אלא אסופי הביאה מן השוק (רש"י)

פיל עקרות זענען דאָך מיט איהר בוזאַמען נפקד געוואָרען (רש"י), וואָלט דאָך ווער געקענט זאָגען, אַז נישט שרה איז דאָ דער עיקר, נור זי איז גאָר נפקד געוואָרען צוליב דעם זכות פון אַן'אַנדערע עקרה. איז געוועזען דערויף דעם בעוויז, וואָס יעדע איינע האָט נור געהאַט צו דערנעהרען איהר אייגען קינד און שרה האָט געהאַט גענוג אָנצוזויגען אַלע קינדער — היניקה בנים — דעריבער איז „כל השומע יצחק לי — פון דעם וועלען אַלע ווערען איבערצייגט אַז די הילף געהער צו מ י ר אַז די שמחה איז מיינע און איך בין דער עיקר...

(מלא העומר)

ותרא שרה את בן הגר... מצחק (כא—ט)

מצחק לשון עבודה־זרה. לשון גלוי־עריות. לשון רציחה. (רש״י)

ביים רשע זענען די גרעסטע עבירות א געלעכטער, א שפילעכעל. דאגעגען ווידער ביים צדיק „יצחק״ זענען אלע תחבולות פון יצר־הרע, וואס ביי אנדערע מענשען, זענען זיי אזוי ווי א בארג, אויך נור געווען א געלעכטער, א קלייניגקייט...

(חדושי הרי״ם ז״ל)

א געלעכטער׳ל, א ליצנות׳ל א וויץ, דוכט זיך ס׳איז בעצם גארנישט, אט נור געזאגט א ווערטעל, נור געמאכט א וויץ — אבער דער „צחוק״ קען צופיהרען צו די גרעסטע עבירות: עבודה־זרה, גלוי־עריות און רציחה. די ערגסטע זאכען קומען ארויס פון ליצנות און חוזק...

(אבני אזל)

גרש האמה הזאת ואת בנה (כא־יוד)

וואס האט זי געהאט צו הגר׳ן? נור אויב דאס קינד טויג נישט, איז א בעוויז אז די מאמע טויג אויך נישט, דעריבער — גרש האמה הזאת ואת ב נ ה — ס׳איז איהר זוהן ער גראט נאך דער מוטער...

(שמעתי)

כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקלה (כא־יב)

אברהם איז געווענען א נוגע אין ד ע ר זייט, לטובת זיין קינד. שרה איז ווידער געווענען א נוגע אין דער צווייטער זייט. זאגט איהם השי״ת: אויב דו ביזט א נוגע, דארפסטו פאלגען דעם וואס איז א נוגע אויף פערקעהרט...

(הרה״צ מוהר״ר יואל הורביץ ז״ל)

ויאמר אבימלך לא ידעתי מי עשה את הדבר הזה וגם אתה לא הגדת לי וגם אנכי לא שמעתי בלתי היום (כא—כו)

אלע מפרשים מאטערען זיך צו פערטייטשען די דאפעלטע לשונות אי

אבימלך'ס ענטפער.

ווען דער שפת-אמת ז"ל האָט געלערענט חומש מיט זיינע קינדער, האָט ער זיי פערטייטשט פשוט: אבימלך האָט געזאָגט: לא ידעתי מי עשה את הדבר הזה. דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו דעם דערנעבען שטעהענדען פיכול, זיין שר-צבא און געזאָגט: וגם אתה לא הגדת לי — פאַרוואָס האָסטו מיר נישט דערצעהלט דערוועגען? האָט פיכול נעענטפערט: וגם אנכי לא שמעתי בלתי היום...

את בנך את יחידך אשר אהבת (כב—ב)

מיט דער גאַנצער ליבשאַפט, וואָס דו האָסט צו איהם, אַזוי זאָלסטו איהם מיר אויפברענגען פאַר אַן'עולה. ס'איז אַמאָהל מעגליך אַז אַ מענש זאָל זיך אָנטהוען אַ כח פון אכזריות, אָוועקלאָזען די אהבה צו זיין קינד פאַר ג-ט'ס וועגען (אַזוי ווי די חז"ל זאָגען: שחורות כעורב — אלה תלמידי-חכמים שאינם מרחמים על בניהם כעורב (מד"ר שה"ש) — דאָ אָבער האָט איהם השי"ת בעפוילען, איינצוהאַלטען די ליבשאַפט צו יצחק'ן מיט דער גאַנצער קראַפט און אין אַזאַ צושטאַנד איהם מקריב זיין פאַר אַן'עולה. אָט דאָס איז די גרויסקייט פונ'ם נסיון...

(חדושי הרי"ם ז"ל)

* * *

דאָס איז אויך די כוונה אין די ווערטער פון מדרש: ויאמר יצחק אל אביו ויאמר אבי — כדי שיתמלא עליו רחמים — אין פלוג איז דאָך שווער צי האָט דען יצחק געוואָלט דערוועקען רחמנות ביי אברהם'ען אַז ער זאָל איהם נישט מקריב זיין? פערקעהרט ער איז דאָך גאָר געגאַנגען מיט שמחה, גלייך מיט'ן פאָטער?

נור די כוונה איז, יצחק האָט געוואָלט אַז דער פאָטער זאָל איהם שחט'ען אין אַ צושטאַנד פון גרעסטען רחמנות און אהבה און נישט אין אַ מצב פון אכזריות' כדי די מצוה זאָל זיין בשלימות..'

דאָס איז אויך דער פשט אין מדרש: היו עיניו של אברהם מורידות דמעות מרחמנותו של אב ואף על-פי-כן הלב שמח לעשות רצון יוצרו (מדרש רבה וירא פרשה נ"ו) —ביים פולען רחמנות און מיט טרעהרען, האָט ער זיך דאָך געפרעהט צו טהוען דעם רצון ד'.

(אדמו"ר שליט"א מגור)

ויקח את שני נעריו עמו (כב—ג)

ער האָט זיך מיטגענומען די יאָה- רען פון די יוגענד, די יונגע כחות

האט ער יעצט אויסגענוצט פאר השי״ת... (הבעש״ט ז״ל)

שבר לכם פה עם החמור (כב–ה)

עם הדומה לחמור (חז״ל)

ווי פאלט אויס אברהם אבינו יעצט דווקא מבזה צו זיין מענשען, בפרט אליעזר'ן זיין תלמיד?

נור ער האט געוואלט מפרסם זיין און דעמאנסטרירען זיין גרויסע אהבה צו יצחק'ן, אז זיין זוהן ישמעאל און זיין תלמיד אליעזר, זענען ביי איהם נישט מעהר חשוב ווי חמורים לגבי יצחק'ן, אזוי איז ער ביי איהם טייער און דאך געהט ער איהם שחט'ען פאר השי״ת...

נאך דעם נסיון שטעהט דעריבער: „וישב אברהם אל נעריו ויקומו וילכו יחדיו״ — זיי זענען צוריק געווארען חשוב ביי איהם און ער איז געגאנגען מיט זיי צוזאמען...

(תפארת שלמה)

———

ואני והנער נלכה עד כה (כב–ה)

אראה היכן הוא מה שאמר לי המקום כה יהיה זרעך (רש״י)

אברהם אבינו, וועלכער האט אזוי שטארק געשטרעבט, ס'זאל פון איהם ארויסקומען א פאלק וואס זאל דינען צו השי״ת און מתקן זיין די גאנצע וועלט, ווען ער געהט יעצט שחט'ען יצחק'ן און דערמיט אונמעגליך מאכען די ענטשטעהונג פון אט דעם פאלק, האט ער געוואלט מיט אט דער פעולה מתקן זיין אלץ וואס יודען דארפען מתקן זיין עד סוף כל הדורות.

דאס הייסט: נלכה עד כה יהיה זרעך — מען מוז יעצט אפטהוען אלץ וואס השי״ת האט געפלאנט אז מיינע קינדער זאלען אויפטהוען אויף דער וועלט...

(שפת אמת)

ויקח בידו את האש ואת המאכלת (כב-ו)

אברהם אבינו האט זיך מיטגענומען דעם זכות פון „אש״ — וואס ער האט זיך אריינגעווארפען אין פייערדיגען קאלך-אויווען לכבוד ד׳ — ואת המאכלת — און דעם זכות פון דעם וואס ער האט שטענדיג געגעבען צו עסען אלע פערבייגעהענדע מענשען. אט די זכותים האט ער זיך מיטגענומען אז ער זאל קענען מקיים זיין די מצוה בשלימות...

(תפארת יהונתן)

ויאמר יצחק אל אברהם אביו ויאמר אבי ויאמר הנה האש והעצים ואיה השה לעלה ויאמר אברהם אלהים יראה לו השה לעלה בני (כב־ז, ח)

יצחק האָט געפרעגט: דער עיקר נסיון איז דאָך נור דאָס שחט'ן, טאָ צו וואָס דאַרפסטו „עצים ואש"? דאָס פערברענען נאָכ'ן שחט'ן איז דאָך שוין קיין נסיון נישט? מוז דאָך נור זיין אַז דאָס פייער מיט'ן האָלץ זענען בעשטימט פאַר אַנ'אַנדער קרבן, טאָ וואו איז עס — ואיה השה?

דערויף האָט איהם אברהם געענט־פערט: השה לעולה בני — דו מיין קינד, ביזט ביי מיר, ווי אַ שעפּסעל ממש, צו פערברענען דיך אויף קדוש־השם פאַר השי"ת וועגען, פונקט ווי מען טהוט מיט אַ שה...

(קדושת לוי)

יצחק אבינו האָט מיט גרויס שמחה זיך געוואָלט מוסר נפש זיין פאַר השי"ת. נור ער האָט זיך געשראָקען אַזוי ווי די ליצני־הדור האָבען דאָך געזאָגט „מאבימלך נתעברה שרה" (רש"י ריש תולדות) וועט דאָך יעצט פאַר זיי זיין אַ געלעגענהייט דעם בלבול צו פערשטאַרקען. וואָרום זיי וועלען אָנווייזען, אַז אויב אברהם וואָלט גע־וועזען זיין אמת'ער פאָטער, וואָלט איהם, די טבע נישט דערלאָזט צו קענען זיין אַזאַ אכזר און שחט'ען אַנ'אייגען קינד. פרעגט דעריבער יצחק: אבי! — דו אמת'ער פאָטער מיינער, ווי אַזוי קענסטו טהוען אַזעלכעס וואָס וועט גורם זיין אַז מענשען זאָלען קענען מטיל־ספק זיין אין דיין פאָטער־ליכקייט?

דערויף ענטפערט איהם אברהם: הנני בני — אָט דאָס אַליין וועט זיין אַ בעווייז אַז דו ביזט מיין כשר קינד, וואָרום — ד' יראה לו השה לעולה בני — ג—ט האָט דאָך דיך אויסגעקליבען פאַר אַ קרבן, איז אויב דו וואָלסט געבוירען געוואָרען בפסול פון אַנ'איסור אשת־איש, וואָלסטו דאָך געוועזען פסול לקרבן פונקט ווי אַ דבר שנעבד בו עבירה, וואָס השי"ת האָט פיינד אַלס קרבן...

(קומץ המנחה)

וישלח אברהם את ידו ויקח את המאכלת (כב—יוד)

וואָס דערצעהלט די תורה אַז ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנד, געוויס, אַז מען געהט עפּעס נעמען, מוז מען אויסשטרעקען די האַנד?

נור דער גוף פון אברהם אבינו איז געווען אזוי געהייליגט, אז די איברים זיינע זענען אליין געלאפען טהוען דעם רצון ד׳ און אויב ס׳איז געווען אזא פעולה וואס איז געגען דעם רצון ד׳, האבען זיך די איברים געפילט און זענען שווער געווארען אז ער האט עס נישט געקענט טהוען און דאס איז געווען זיין סימן וואס ער דארף יא טהוען און וואס נישט.

ווען ג–ט זאגט צו אברהם׳ען „קח נא את בנך", זענען איהם באלד די פיס לייכט געווארען און ער איז דעם גאנצען וועג געגאנגען מיט שמחה און זריזות. יעצט אבער ווען ער האט געוואלט נעמען דאס מעסער צו שחט׳ען, האט ער דערפיהלט א שוואכקייט און שווערקייט אין די האנד — ווארום עס איז דאך באמת נישט געווען ג–ט׳ס ווילען אז ער זאל איהם שחט׳ן... אברהם אבער וואס האט דאן נישט געוואוסט האט זיך אנגעהויבען האקען אין קאפ און רייסען זיך די האהר: געוואלד! איך זעה דאך, אז איך האב נאך גארנישט אנגעהויבען צו דינען השי״ת, מיין גאנצע עבודה איז געווען זען אט לויט דעם סימן און דא זעה איך דאך אז כאטש ס׳איז א בפירושע מצוה, וואס דשי״ת האט מיר געזאגט, דאך וויל די האנד נישט טהוען, האב איך דאך מיך דאס גאנצע לעבען אפגענארט. האט ער שטארק געוויינט און זיך אנגעשטרענגט מיט אלע כחות אויסצושטרעקען די האנד אז זי זאל מוזען נעמען דאס מעסער.

ווען השי״ת זעהט זיין גרויס צדקות, האט ער איהם ערשט בערו־היגט: זארג נישט! דיין סימן איז א ריכטיגער, — אל תשלח ידך אל הנער – איך האב טאקי נור געמיינט דו זאלסט איהם אויפברענגען, אבער נישט שחט׳ען און דיין האנד פיהלט ריכטיג וואס מיין רצון איז..

(הה״ק מהר״ל מרימאנאוו זלה״ה)

ויקרא אליו מלאך ד׳ מן השמים (כב־יא)

פארוואס איז דער בעפעהל צו דער עקידה געקומען פון השי״ת אליין און דער בעפעהל נישט צו שחט׳ען דורך א מלאך?

דאס איז א רמז, אז שלעכט׳ס צו טהוען א מענש, זאלסטו קיינעם נישט פאלגען, אפילו נישט קיין מלאך אויסער אז מען הערט פון השי״ת אליין. נור נישט צו טהוען קיין שלעכט׳ס, קען מען א מלאך אויך פאלגען...

(דבש השדה)

וירא והנה איל אחר נאחז בסבך (כב–יג)

דורך דעם געטליכען בעפעהל, איז ביי אברהם אבינו נישט געווען קיין אונטערשיד, צו מען הייסט איהם שחט׳ען יצחק׳ן, צי אנ׳איל. עס האט

ביי איהם אויסגעזעהען ווי מען הייסט איהם יעצט שחט'ען אנ'אנדערען איל, אנשטאט דעם פריהערדיגען. נישט פריהער א קינד און יעצט אנ'איל. נור פריהער יענעם איל און יעצט אנאנדערען איל...

(הרבי ר בונם זלהה בשם אביו המגיד מוואידיסלאוו זל)

וישב אברהם אל נעריו (כב—יט)

אברהם האט יעצט געזעהען די גרויסע כחורת פון יונגען יצחק. מילא, ער האט געהערט פון השי"ת אליין דעם בצפעהל, אבער יצחק האט דאך נור געהערט פון א מענש און דאך איז געוועזען „וילכו יחדיו". ער איז געגאנגען מיט די זעלבע שמחה און זריזות ווי אברהם. ווען אברהם האט דאס געזעהען, האט ער געזאגט: מען מוז זיך אנהויבען צו חבר'ן מיט די יונגעלייט — וישב אברהם אל נעריו...

(ה"הק זצלהה מקאצק)

ופילגשו ושמה ראומה (כב—כד)

פונקט ווי א פלגש איז אנאכגעמאכט, פאלש ווייב, אזוי איז פערהאן א נאכגעמאכטע, פסול'ע ענוה — ושמה ראומה — ווען מען געהט ארום און מען ריהמט זיך מיט דער ענוה: „ראו מה" — זעהט וואס פאר אנ'עניו איך בין! זעהט ווי גארנישט איך בין ביי מיר !...

ס'איז פערהאן דערויף א משל. איינער האט געהאט אלע מעלות און גוטע מדות, נור ער איז געוועזען א בעל-גאה, האבען איהם מענשען געזאגט: דו האסט דאך אלע מעלות, לערען דיך אויך צו זיין אנ'עניו וועט דיר שוין גארנישט פעהלען און דו וועסט זיין בתכלית השלימות. דער האט אזוי געטהוען און געארבייט מיט זיך צו זיין אנ'עניו. אמאהל האט איהם איינער בעליידיגט, זאגט דער „עניו" צו יענעם: שוטה איינער, דו בעליידיגסט מיך? איך בין דאך דער גרעסטער בעל-מעלה פון דער וועלט, איך בין דאך שוין אפילו אנ'עניו אויך...

אט דאס הייסט פסול'ע ענוה, וועלכע איז א פלגש...

(כתר שם טוב)

הפטרת וירא (מלכים ב־ד)

ואשה אחת מנשי בני הנביאים צעקה אל אלישע לאמר

עבדך אישי מת... והנשה בא לקחת את שני ילדי לו לעבדים (ד—א)

צוליב וואס האט זי יעצט דערצעהלט „עבדך אישי מת״?

נור ווי די חז״ל זאגען איז די פרוי געווען דאס חייב פון עובדי׳ הנביא, און דער „נושה״ איז געוועזען יהורם אחאב׳ס זוהן, ביי וועמען עובדי׳ האט זיך געבארגט געלד כדי צו שפייזען די אמת׳ע נביאים, וועלכע זענען געווען גערודפ׳ט דורך איזבל׳ן. יהורם האט דעריבער געוואלט צונעמען איהר צוויי קינדער צו זיך אלס דינער אין זיין הויף.

די פרוי שרייט דעריבער צו אלישע׳ן: עבדך אישי מת — אט יעצט שטארבט ערשט אב מיין מאן עובדי׳ וואס איז געוועזען א ירא ד׳. ביז יעצט האב איך געהאפט צו ערציהען די צוויי קינדער אין זיין דרך אלס יראי ד׳. דעמאלט וואלט עובדי׳ נישט געשטארבען, זיין גייסט וואלט געבליבען און ווייטער פארטגעזעצט געווארען דורך זיינע קינדער, ווי די חז״ל זאגען: „כל המניח בן כמותו לא נאמרה בו מיתה״ (ב״ב קט״ז). יעצט אבער ווען יהורם וועט צונעמען די קינדער אין קעניגליכען הויף אריין און זיי ערציהען אין גייסט פון אחאב און איזבל, דאן ערשט שטארבט אב מיין מאן עובדי׳, ווייל די קינדער וועלען נישט קענען פארט׳זעצען זיין ארבייט, און זיין גאלדענע קייט ווערט איבערגעריסען. אט דאס איז די אמת׳ע מיתה...

(אבני אזל)

ואתה ידעת כי עבדך היה ירא את ד׳ (ד—א)

וואס האט זי געמיינט מיט׳ן אויסדרוק „ואתה״?

נור ווי בעוואוסט איז עובדיה געוועזען פון אחאב׳ס משרתים און דער פסוק זאגט דאך „מושל מקשיב על דבר שקר — כל משרתיו רשעים״ (משלי כ״ט—י״ב) — טא ווי אזוי האט זי די פרוי פון עובדיה געזאגט אז דער מאן איז געוועזען א צדיק?

מיר זעהען דאך אבער אז אלישע הנביא האט געהאט א משרת ווי גחזי וואס איז געוועזען א רשע, כאטש דער דערמאהנטער פסוק ווערט דורך די חז״ל אנגעווענדעט אויך אויף פארקעהרט, אז „מושל מקשיב על דבר אמת כל משרתיו צדיקים״ (חולין ד׳) — נור מוז דאך זיין אז עס זענען פערהאן אויסנאהמען, יוצאים מן הכלל, אז א צדיק קען אמאהל האבען א משרת א רשע, ממילא קען אויך זיין אנ׳אויסנאהם אז א רשע זאל האבען א משרת א צדיק.

האט דעריבער עובדיה׳ס פרוי געזאגט צו אלישע׳ן: ואתה ידעת — נור דו ווייסט עס פון דיר אז — עבדך היה ירא את ד׳ — כאטש ער איז געוועזען אחאב׳ס משרת, פונקט ווי עס האט געקענט זיין גחזי ביי דיר א משרת.

(מקור ברוך)

פרשת חיי שרה

מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים (כג—א)

בת ק׳ כבת כ׳ (רש״י)

עס זענען פערהאַן מעלות פון דער עלטער, ווי: ישוב־הדעת, אָבגעקיהלטקייט פון תאוות א.ד.ג. דאַגעגען זענען אויך פערהאַן מעלות פון דער יוגענד, ווי: התלהבות, ענערגיע, זריזות א.א.וו. דערצעהלט די תורה אַז שרה האָט שטענדיג פערמאָגט ביידע סאָרטען מעלות אי פון דער עלטער, אי פון דער יוגענד. ווען זי איז געוועזען בת כ׳ האָט זי שוין געהאַט אויך די מעלות פון אַ בת ק׳. און ווען זי איז געוועזען אַ בת ק׳ האָט זי אויך נאָך געהאַט די מעלות פון אַ בת כ׳...

(גשם גדול צמד)

ויבא אברהם לספד לשרה (כג—ב)

מהיכן בא? — מהר המוריה. (מדרש)

ווען אברהם האָט מספיד געוועזען שרה׳ן און האָט געוואָלט דערצעהלען איהרע מעלות, האָט ער אַרויסגעשטעלט דעם פאַקט פון דער עקידה וואָס איז פאָרגעקומען אויפ׳ן הר־המוריה. אויב זי האָט ערצויגען אַ קינד וואָס זאָל גרייט זיין, זיך מוסר־נפש צו זיין בשמחה פאַר השי״ת, קען מען שוין פערשטעהן וואָס זי איז געוועזען.

דאָס איז דער פשט: מהיכן בא? פון וואָסערען פאַקט אין איהר לעבענסגעשיכטע, איז עס אברהם צוגעגאַנגען איהר מספיד זיין? אויף וואָס פאַר אַ פעולה האָט ער זיך אָבגעשטעלט? איז דער ענטפער: מהר המוריה — פון דעם פאַקט וואָס ס׳איז געשעהען ביים הר המוריה, פון דעם האָט ער גענומען מאַטעריאַל צו איהר הספד...

(הדרש והעיון)

לספד לשרה ולבכתה (כג—ב)

כ׳ זעירא. (מסורה)

אין מדרש איז פערהאן אז אברהם׳ס טאָכטער „בכל״ איז צוזאמען געשטאָרבען מיט שרה׳ן.

איז דאָס דער רמז פון דער קליי־נער כ׳–ווייל אָהן דער כ׳ מאַכט עס „ולבתה״ — אברהם איז געקומען מספיד זיין שרה׳ן און איהר טאָכטער.

(דרוש שמואל)

רש״י זאָגט דאָך פריהער „בת ק׳ כבת כ׳ בלי חטא ובת כ׳ כבת ז׳ ליופי״ — ווייזט דאָך די כ׳ אויף צוויי זאַכען, אויף איהר צדקות און אויף איהר שעהנקייט. איז דאָס דער רמז פון דער קליינער כ׳, אַז אברהם האָט נור געוויינט אויף איין זאך וואָס די כ׳ בעדייטעט און נעמליך אויף איהר יראת־חטא, אָבער אויף איהר שעהנ־קייט האָט ער׳ נישט גזוויינט — שקר החן והבל היופי אשה יראת ד׳ היא תתהלל..

(בכורי אביב)

ויקם אברהם מעל פני מתו וידבר אל בני חת (כג—ג)

אין מדרשים ווערט געזאָגט אַז אין דער מערת המכפלה האָבען נור געקענט נקבר ווערען אזעלכע וואָס זענען גע־שטאָרבען מיתת־נשיקה, נישט דורכ׳ן מלאך־המות.

די חז״ל זאָגען ווידער: ג׳ טיפין תלויין בחרבו של מלאך המות, מאחת מת, מאחת פניו מוריקות ומאחת מסריח — אז דאָס וואָס דאָס פנים פון מענש ווערט געל נאָכ׳ן טויט, קומט פון דער שווערד פון מלאך המות.

דעריבער — ויקם אברהם מעל פני מתו — ווען אברהם האָט געזע־העז דאָס פנים פון שרה׳ן אַז ס׳איז נישט פערענדערט געוואָרען, האָט ער פערשטאַנען אַז זי איז נישט געשטאָר־בען דורכ׳ן מלאך המות נור בנשיקה, איז ער נעגאַנגען פערזאָרגען אַ קבר אין דער מערת־המכפלה, ווייל ער האָט געזעהען אַז זי איז ראוי דאָרט נקבר צו ווערען..

(יערות דבש)

* * *

דעריבער שטעהט דאָ „מעל פני מתו״, — כאָטש ס׳איז דאָך אַ כלל אַז

דאָס לשון „פני" פּאַסט זיך נור אויף אַ לעבעדיגען נישט אויף אַ טויטען (זעה רמב"ן תצא אויפ'ן פסוק „על פני בן השנואה הבכור") — וואָרום דעריבער הייסט דאָך דאָס געזיכט פון מענש „פנים", ווייל עס ווייזט דאָס פנימיות פונ'ם מענש (פְּנִים — פָּנִים), ווען דער מענש איז אינערליך טרויע־ריג אָדער פרעהליך דערקענט מען עס איהם אויפ'ן פנים (רבינו בחיי). ממילא איז עס נישט שייך ביי קיין טויטען, וואָס דאָן ווייזט שוין נישט דאָס גע־זיכט דעם פנימיות'דיגען מצב. ווען אָבער דאָ האָט דאָך דאָס געזיכט פון שרה'ן, אַפילו נאָכ'ן טויט, געוויזען אַ פנימיות'דיגע זאַך, אַז זי איז געשטאַר־בען בנשיקה, פּאַסט זיך דאָס לשון „פנים" אַפילו לאחר מיתה...

(אבני אזל)

גר ותושב אנכי עמכם (כג—ד)

אם תרצו הריני גר ואם לאו אהיה תושב ואטלנה מן הדין (רש"י)

אין מדרש ווערט געזאָגט אַז אינ'ם זכות פון די צעהן נסיונות פון אברהם אבינו האָט ער זוכה געווען צו ירש'נען דאָס לאַנד פון די צעהן פעלקער. איין נסיון פון די צעהן איז דאָך געווען דו"ס, וואָס ער האָט גע־מוזט קויפען אַנ'אָרט קובר צו זיין שרה'ן פאַר פיל געלד, בעת השי"ת האָט איהם געהאַט צוגעזאָגט די אַלע לענדער. קומט דאָך אויס אַז ווען די בני־חת וואָלטען איהם באַלד געגעבען אַנ'אָרט אויף אַ קבר, וואָלט ער נור געהאַט ניין נסיונות און וואָלט נישט בעדאַרפען מעהר בעקומען ווי ניין לענדער, קען דאָך זיין אַז דאָס לאַנד פון די בני־חת (החתי) געהער נישט צו איהם.

דאָס האָט אברהם אבינו געזאָגט: אם תרצו — ווען איהר וועט באַלד וועלען מיר געבען דאָס שטיקעל אָרט, קומט דאָך מיר נור די לענדער פון ניין אומות — הריני גר — איז דאָך מעגליך אַז אייער לאַנד געהער נישט צו מיר און איך בין נור אַ גר — ואם לא תרצו — ווען איהר ווילט עס נישט געבען, איז עס דאָך נאָך אַ נסיון, קומט דאָך מיר די לענדער פון די צעהן אומות — הריני תושב — געהער דאָך אויך אייער לאַנד זיכער צו מיר און איך וועל עס נעמען בדין...

(טעם מן)

אברהם אבינו האָט אַבגעהיטען דאָס מויל נישט צו זאָגען אַ וואָרט וואָס

איז נישט ריכט'ג, האָט ער ממילא נישט געקענט זאָגען אַז ער איז אַ גר, ווייל השי"ת האָט דאָך איהם שוין צוגעזאָגט דאָס לאַנד. זאָגען זיי אַז ער איז אַ תושב, האָט ער אויך נישט געוואָלט, כדי זיי נישט צו דער־צערנען, דעריבער האָט ער געזאָגט אַזאַ לשון „גר ותושב אנכי עמכם" — וואָס קען אויסגעטייטשט ווערען אויף צוויי אופנים, ווייל דער טייטש איז: איך מיט אייך זענען מיר צוזאַמען „גר ותושב", אָדער איך בין דער גר און איהר דער תושב — לויט ווי איהר פערשטעה'ט — אָדער איך בין דער תושב און איהר דער גר — לויט ווי איך וייס עס...

(אהל יעקב)

השי"ת האָט דאָך געזאָגט צו אברהם'ען: ודור רביעי ישובו הנה כי לא שלם עון האמרי עד הנה (בראשית טו–טז) — אַז כל זמן די מאָס פון זייער זינד איז נישט פול, וועלען זיי נאָך בלייבן אין לאַנד.

דעריבער זאָגט אברהם: אם תרצו — אויב איהר זענט נאָך אַנשטענדיגע מענשען צו געבען מיר דאָס קבר, איז דאָך אַ בעוויז אַז איהר זענט נאָך נישט פערדאָרבען אינגאַנצען — הריני גר — ווייל איהר דאַרפט נאָך זיצען אין לאַנד — ואם לא תרצו — איז דאָך אַ סימן אַז איהר זענט שוין גענצליך פערדאָרבען אין אייער רשעות־מאָס איז שוין פול — הריני תושב — געהער שוין דאָס לאַנד צו מיר...

(שם בהגהה)

שמעני אדני (כג–ו)

זיי, די בני־חת האָבען כסדר גערו־פען אברהם'ען „אדוני", אברהם זיי־קיין איין מאָהל נישט. ווייל אברהם אבינו וועלכער האָט דער ערשטער גערופען השי"ת מיט'ן נאָמען אדון — עד אברהם לא הי' מי שקראו להקב"ה אדון עד שבא אברהם וקראו אדון (ברכות ז) — האָט נישט געקענט אָנרופען אַ מענש מיט'ן נאָמען „אדון" אפילו בלויז צוליב העפליכקייט. דאָס גאַנצע „אדנות" האָט ער אָוועקגעגע־בען צו השי"ת...

(הה"צ מהרי"י הורביץ ז"ל)

ארץ ארבע מאות שקל · בסף (כג–טו)

ארעא שויא ארבע מאה סלעין דכסף (תרגום)

פאַרוואָס האָט אברהם געקויפט פיר הונדערט טאָלער? פונקט אַזאַ שטיק ערד וואָס איז ווערט וואָרום אַ בית־סאה (אַ שטיקעל

ערד וואָס מען קען פערזייהען אַ סאה תבואה) האָט פופציג איילען אויף פופציג — צוויי טויזענד פינף הונדערט קוואַדראַט-איילען. ווען מען וויל אַלזאָ האָבען אַזאַ שטיק בּאָדען וואָס זאָל האַלטען זעקס הונדערט טויזענד איילען דאַרף עס זיין די גרויס פון צוויי הונדערט און פערציג בית-סאה, וואָס דאָס איז אַכט בית-כור (א כור איז דרייסיג סאה).

די חז״ל זאָגען דאָך אַז בעת דער קבורה פון אַ גרויסען תלמיד-חכם דאַרפען זיין זעקס הונדערט טויזענד מענשען, פּונקט ווי בעת מען האָט געגעבען די תורה זענען געוועזען ששים רבוא יודען (כתובות י״ז). דאָס איז אויך אַ כלל בּיי די חז״ל אַז אַ מענש דאַרף האָבען פלאַץ פון אַנ׳איל — גברא באמתא יתיב — ווען אַלזאָ אברהם האָט געוואָלט אָבּגעבען שרה׳ן דעם געהעריגען כבוד, האָט ער גע־קויפט אַ פּלאַץ אויף וועלכען עס זאָ־לען זיך קענען געפינען ששים רבוא מענשען, דאָס הייסט פון זעקסהונדערט טויזענד קוואַדראַט איילען — אַלזאָ פון אַכט בית-כור.

דער דין איז אַז איינער איז מקדיש אַ שטיק פלאַץ פון אַ בית-כור, דאַרף ער עס אויסלייזען פאַר פופציג שקלים (ערכין כה) — קומט דאָך אויס אַז אַכט בית-כור זענען ווערט פונקט פיר הונדערט שקלים...

(הגר״א ז״ל מווילנא)

ביני וביניך מה היא (כג—טו)

בין שני אוהבים כמונו (רש״י)

טאָמער האָט עפרון געמיינט, צווי־שען אַזעלכע צוויי פירשטען און גדולים ווי מיר זענען, נישט אַלס אוהבים?

נור דער נימוס איז אַז מען רעדט צו אַ גרויסען מענש דאַרף מען דער־מאָהנען יענעם פאַר זיך, אַזוי ווי די חז״ל זאָגען אַז ווען רבּי האָט גע׳היי־סען שרייבען אַ בריף צום קעניג אנטונינוס, האָט ער מדקדק געוועזען דאָס עס זאָל שטעהן געשריבען „למלכא אנטונינוס מנאה יהודה נשיאה״ — פריהער דער נאָמען פון אנטונינוס און דערנאָך זיין נאָמען (מדרש רבה וישלח) — ממילא האָט דאָך עפרון געדאַרפען זאָגען „בינך וביני מה היא״ — פריהער צו דערמאָהנען אברהם׳ען און דערנאָך זיך... דעריבער זאָגט רש״י אַז עפרון האָט יעצט נישט אין זינען געהאַט קיין גדלות, נור אהבה — בין שני אוהבים כמונו — ממילא האָט ער שוין גאַנץ ריכטיג דערמאָהנט זיך פריהער, ווייל זיין אהבה צו יענעם ווייסט דאָך דער מענש בעסער ווי יענעם׳ס אהבה צו איהם. אַז יענער איז איהם אַ פריינד, קען ער דאָך נור וויסען פון זיין פריינדשאַפט צו יענעם — כמים

הפנים לפנים כן לב האדם לאדם — קומט עס טאקי פריהער צו דערמאה־
נען זיך...

(בנין אריאל)

עבר לסחר (כג—טז)

פריהער האט עפרון געוואלט עס געבען אהן געלד, יעצט האט ער גע־וואלט פיל געלד און דוקא גרויסע טאלער. האט זיך עפרון געשעמט אליין עס צו זאגען און צו נעמען, האט ער דעריבער איהם איבערגעוויזען צו א סוחר, אז אברהם זאל יענעם דאס געלד געבען, און יענער סוחר האט זיך שוין נישט געשעמט צו הייסען זיך געבען גוט בעצאהלט און „קנטרין גדולים"...

(בשם הגאון מהרא"ז מרגלית ז"ל מבראד)

ואברהם זקן בא בימים (כד—א)

אברהם איז געקומען מיט אלע טעג קיין איין טאג פון זיין לעבען איז נישט פערלוירען געגאנגען. ער האט אין יעדען טאג עפעס אויפגעטהוען אזוי אז זיי זענען אלע געקומען אין חשבון.

(ספרים)

———

וה' ברך את אברהם בכל (כד־א)

דער אמת'ער צדיק בעט נישט בלויז פאר זיך נור פאר'ן גאנצען כלל און אפילו ווען ער אליין ווערט גע־בענשט, איז עס נישט ביי איהם קיין ברכה, אויב דער כלל ווערט נישט גלייכצייטיג געהאלפען און גע־בענשט. ממילא ווען מען וויל פון הימעל געבען דעם צדיק א ברכה מוז מען צוליב איהם אויך שיקען א ברכה דעם גאנצען כלל.

דאס איז די כוונה: וה' ברך את אברהם בכל — ג-ט האט געבענשט אברהם'ען דערמיט, וואס ער האט אלעמען געבענשט. אט די ברכה פון אנדערע איז ערשט געווען ביי אברהם פעררעכענט אלס זיין ברכה...

(קדושת לוי)

———

אל עבדו זקן ביתו המשל בכל אשר לו (כד—ב)

געוועהנליך פיהרט זיך אויף דער וועלט, אז אויב איינער וויל בארגען א צווייטען געלד, פרעגט ער זיך גוט נאך וועגען זיין גלויבענסוויר־דיגקייט און קרעדיט־פעהיגקייט און נור דאן ווען ער האט נישט קיין שום

ספק, דעמאָלט טרויט ער איהם אָן זיין געלד. דאַגעגען אָבער ביי יודישקייטס־ענינים, ווען מען דאַרף קויפען כשר פלייש אָדער תפלין, איז מען נישט צופיל מקפיד און מען גלויבט יעדען איינעם.

אברהם אבינו האָט אָבער נישט אַזוי געטהוען, נור כאָטש אליעזר איז געווען „עבדו, זקן ביתו המושל בכל אשר לו" — ער האָט איהם אָנגעטרויט זיין גאַנץ פערמעגען און געהאט צו איהם דעם פולען צוטרוי אין געלדס־ענינים, ווען עס האָט זיך אָבער געהאַנדעלט אין אַ ענין וואָס איז נוגע יודישקייט, צו נעמען אַ פּאַסיגע פרוי פאַר זיין זוהן יצחק, האָט ער איהם נישט געגלויבט אויפ'ן וואָרט, נור פערלאַנגט פון איהם אַ האַרבע שבועה — שים נא ידך תחת ירכי...

(ילקוט הדרוש)

אשר לא תקח אשה לבני מבנות הכנעני (כד—ג)

זיין משפחה זענען דאָך אויך געווען געצענדינער, טאָ מיט וואָס זענען זיי בעסער פון די כנעניים?

נור די כנעניים זענען געוועזען פערדאָרבען מאָראַליש אַזוי ווי עס ווערט אין דער תורה דערמאָהנט פיל מאָהל „תועבות ארץ כנען" און פערדאָרבענקייט אין מדות, געהט איבער בירושה צו די קינדער. דאַגעגען אין אברהם'ס היימלאַנד זענען זיי נור געוועזען פערגרייזט אין דיעות, זיי האָבען געדינט תרפים, און פערדאָרבענקייט אין דיעות געהט נישט איבער בירושה צו קינדער.

(הגה"ק בעל אבני נזר ז"ל)

אברהם האָט געוואָלט אַז די גזירה פון „גר יהיה זרעך" זאָל זיך אָנהויבען באַלד פון יצחק'ס געבוירען ווערען (אַזוי ווי עס זענען באמת גערעכענט געוואָרען די „ארבע מאות שנה" פון דאַן אָן), ווען ער וואָלט זיך משדך געוועזען פון כנען וואָלט דאָך יצחק דאָרט געוואָרען אַ תושב און זיינע קינדער וואָלטען דאָרט געהאַט אַ חלק, וואָלט דאָך ממילא דאָס גירות ערשט זיך געקענט אָנהויבען נאָכ'ן אַראָפּקומען פון יודען קיין מצרים. דעריבער האָט ער זיך דווקא געוואָלט משדך זיין פון ארם נהרים, כדי דאָס גירות זאָל זיך שוין אָנהויבען און אַזוי אַרום איינברענגען זיינע קינדער הונדערט און נייגציג יאָהר גלות מצרים.

(מפרשים)

ולקחת אשה לבני ליצחק (כד-ד)

שפעטער ווען אליעזור האט איבער־דערצעהלט דעם ענין, האט ער נור געזאגט „ולקחת אשה לבני" (כד—לח) און נישט דערמאהנט „ליצחק" ?

קען מען עס פערשטעהן על פי משל: א גרויסער גביר האט געוואלט נעמען אלס חתן פאר זיין טאכטער א זוהן פון א גרויסען גאון און ער האט צוגעזאגט זעהר א גרויסער נדן׳ איז געקומען צו איהם א שדכן און גע־זאגט: דו ווילסט געבען אזוי פיל געלד פאר א זוהן פון א גאון, איך וועל דיר געבען א חתן וואס איז אליין א גאון. האט דער גביר נישט געוואלט און געזאגט: מיין טאכטער פאר קיין רביצין וויל איך נישט מאכען, וויל איך וויל נישט אז זי זאל ליידען און נישט געניסען חי געהעריג פון לעבען.

דא איז אויך אזוי. אברהם האט געזאגט אליעזור׳ן „לבני ליצחק" — דו זאלסט פארשטעלען אז איך האב א זוהן וואס איז אליין א גרויסער צדיק. ווען אליעזור איז אבער אהינגעקומען און קענען געלערענט די מענשען, האט ער מורא געהאט אז ווען ער וועט ריהמען יצחק׳ן אליין אז ער איז א צדיק, וועלען זיי נישט בעש־טעהן אויפ׳ן שידוך, האט ער דערי־בער בלויז געריהמט דעם מחותן און וועגען חתן האט ער גארנישט דער־מאהנט...

(בית הלוי מהגאון רי״ב ז״ל מבריסק)

ד׳ אלהי השמים אשר לקחני מבית אבי... ואשר נשבע לי לאמר לזרעך אתן את הארץ הוא ישלח מלאכו לפניך ולקחת אשה לבני (כד-ז)

למעלה אמר ואשביעך בד׳ אלהי השמים ואלהי הארץ ? אמר לו עכשיו הוא אלהי השמים ואלהי הארץ שהרגלתיו בפי הבריות אבל כשלקחני מבית אבי היה אלהי השמים בלבד שלא היו באי עולם מכירים בו. (רש״י)

צוליב וואס אבער ד־זאט ער דאס בכלל דערמאהנט יעצט אליעזור׳ן? נור מיר געפונען אז א צדיק איז אמאהל נישט זיכער אין דער געטלי־

כער הבטחה צו איהם, מורא האבענדיג אז זיינע חטאים זאלען נישט גורם זיין, די הבטחה מבטל צו זיין, אזוי ווי יעקב אבינו האט מורא געהאט „שמא יגרום החטא״ (זעה רש״י וישלח לב—יא). דעריבער ווען אליעזור זאגט „אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי״, ענטפערט אברהם אבינו אז השי״ת האט איהם מבטיח געוועזען „לזרעך אתן את הארץ״ — אז ער וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער, זרע קודש, וואס וועלען ראוי זיין צו נעמען ארץ-ישראל, איז דאך אין כלל פון דער דאזיגער הבטחה, אז יצחק וועט בעקומען א עהרליכע כשרה פרוי, וואס עס איז דער הויפט בעדינג צו האבען גוטע קינדער. פלייבט דאך נור איבער די מורא, אז די בטחה זאל נישט מקויים ווערען ווייל „שמא יגרום החטא״, — זאגט ער דערויף: ד׳ אלהי השמים — פריהער איז ער דאך נורגעוועזען „אלהי השמים״ נור דורך מיר איז השי״ת נתפרסם געווארען צווישען מענשען אלס „אלהי הארץ״, בין איך דאך א „מזכה את הרבים״ אויף וועלכען ס׳איז געזאגט „אין חטא בא על ידו״ (אבות פ״ה—מ״ח) — ממילא בין איך דאך זיכער אז די הבטחה פון השי״ת וועט מקויים ווערען.,

(מלא העומר)

ויאמר... הקרה נא לפני היום (כד—יב)

אליעזר שאל שלא כהוגן והשיבוהו כהוגן (מדרש)

אליעזר האט דאך געהאט א נגיעה אז יצחק זאל נעמען זיין אייגענע טאכטער, האט ער פערשטאנען, אז ווען ער וועט געהן אויף א נארמאלען אופן, כהוגן, צו פערלאזען זיך אויף זיין אייגען מבינות, וועט איהם שטענדיג די נגיעה פערבלענדען אז זיין טאכטער איז פאסיגער. דעריבער האט ער געבעטען „שלא כהוגן״, און איינגאנצען פערלאזט זיך אויף דעם וואס מען וועט איהם אנווייזען. אט דער „שלא כהוגן״ איז אין אזא פאל דווקא געוועזען „כהוגן״ דעריבער – השיבוהו כהוגן..

(הה״צ מוהר״י הורביץ ז״ל)

והיה הנערה אשר אמר אליה הטי נא כדך ואשתה ואמרה שתה וגם גמליך אשקה אתה הכחת לעבדך ליצחק (כד-יד)

אליעזר האט געוואלט איהר אויספרובען מיט אלעם, צי זי האט גוטע מידות און צי זי נוצט אויס די דאזיגע מדות מיט חכמה און שכל.

דעריבער האָט יר איהר געפּרובט מיט'ן בעטען אַ טרונק וואַסער פון דער קריג אַליין מיט וועלכע מען שעפּט אָן, דאַן וועט ער זעהען וואָס זי וועט טהוען מיט'ן איבערגעבליבענעם וואַסער, זאָל זי עס אַהיים טראָגען צו טרינקען — איז עס נישט ריכטיג, ווייל זי דאַרף קלערען טאָמער איז ער אַ קראַנקער מענש און אַנדערע דאַרפען נישט טרינקען פון דעם וואַסער וואָס ער האָט געהאַט ביים מויל. זאָל זי עס אויסגיסען — איז עס דאָך אַ בעליידיגונג פאַר איהם. וועט איהר אַלזאָ נישט בלייבען קיין אַנדערע עצה, נור זי זאָל זאָגען „וגם לגמליך אשקה" כדי די רעשט וואַסער אויסצוגיסען פאַר די גמלים איז, אי עס וועט נישט זיין קיין בעליידיגונג, אי מענשען וועלען עס נישט טרינקען. וועט זי אַזוי טהוען, איז עס אַ בעוויז אַז נישט בלויז זי האָט גוטע מידות נור זי האָט אויך אַ גוטען שכל זיך אַנ'עצה צו געבען ווען מען דאַרף.

און אַזוי איז טאַקי געשעהן. זי האָט געזאָגט: גם לגמליך אשאב עד אם כלו לשתות — מיין נישט, אַז איך גיס דאָס וואַסער אין דער שוקת אַריין, ווייל איך וויל עס נישט אַוועקגיסען צוליב דיין כבוד, נור איך מיין טאַקי אַז די גמלים זאָלען טרינקען און איך וועל פאַר זיי נאָכאַמאָל אָנשעפּען, כדי זיי זאָלען ד׳האָבען הנאה צו טרינקען, זי האָט אַלזאָ טאַקי פערקליידעט איהר אמת'ע כוונה נישט איהם צו בעליידיגען, מיט אַ פרישען גמילות-חסד...

(הה"ג ר' יוסף דוב ז"ל מבריסק)

וירץ העבד לקראתה (כד—יז)

לפי שראה שעלו המים לקראתה (רש"י)

דער רמב"ן זאָגט אַז די ראיה איז, ווייל שפּעטער ביי די גמלים שטעהט „ותשאב" און דאָ שטעהט נישט בכלל דאָס לשון „שאיבה", מוז זיין ווייל דאָס וואַסער איז איהר אַקעגען געגאַנגען און זי האָט נישט געדאַרפט שעפּען.

אָבער אַלץ קשה, פאַרוואָס איז אויך דערנאָך, ווען זי איז געגאַנגען געבען צו טרינקען די גמלים, נישט געוועזען „עלו המים לקראתה", נור זי האָט בעדאַרפען אַרויפשעפּען?

נור דער עיקר פון אַ מצוה איז דאָך די מחשבה און די כוונה צו טהוען דעם רצון ד'. דעריבער דאָס ערשטע מאָהל, האָט זי דאָך בשעת נעמען דאָס וואַסער אין זינען געהאַט צו נעמען פאַר זיך, איז איהר טאַקי דאָס וואַסער אַקעגען געקומען כדי זי זאָל זיך נישט דאַרפען אָנשטרענגען. דערנאָך אָבער איז זי דאָך געגאַנגען נעמען דאָס וואַסער שוין מיט דער כוונה צו טהוען אַ מצוה, גמילות-חסד, האָט מען פון הימעל געוואָלט אַז זי זאָל דווקא אַליין טהוען די גאַנצע פעולה פון דער מצוה און דאָס וואַסער איז שוין נישט אַליין אַקעגען געגאַנגען. וואָרום די אָנשטרענגונג און

בעמיהונג פונ'ם מענש בשערת ער טהוט א מצוה איז זעדהר חשוב פאר השי"ת. (קדושת לוי)

ויקח האיש נזם זהב בקע משקלו ושני צמידים על ידיה עשרה זהב משקלם (כד—כב)

בקע רמז לשקלי ישראל בקע לגלגלת ושני צמודים — רמז לשני לוחות עשרה זהב משקלם — רמז לעשרת הדברות שבהן (רש"י)

ווען ער האט געזעהען אז זי איז אזוי שטארק אין גמילות-חסדים, האט ער איהר מרמז געווען די אנדערע צוויי עמודים — תורה און עבודה. דער „בקע לגלגלת" פון וועלכען מען האט געברענגט קרבנות — איז עבודה או די לוחות מיט די עשרת הדברות — איז תורה. (גור אריה)

וירץ לבן אל האיש (כד—כט)

למה רץ ועל מה רץ? ויהי כראות את את הנזם אמר עשיר הוא ונתן עיניו בממון (רש"י)

די חז"ל זאגען: פסיעה גסה נוטלת ממאור עיניו ש' אדם (ברכות מ"ג) — אז לויפען שנעל שאדענט די אויגען. דאס פרעגט רש"י: למה רץ ועל מה רץ? — די אויגען ווערען דאך טונקעל פונ'ם לויפען? איז דערויף דער ענטפער: נתן עיניו בממון — ער האט אזוי ליב געהאט געלד, אז ער האט אפילו די אויגען זיינע אוועקגעגעבען דערפאר... (שני המאורות)

ואנכי פניתי הבית (כד—לא)

מעבודה אלילים (רש"י)

איך האב אפילו מיינע געטער ארויסגעווארפען כדי צו קענען בעקו־מען אביסעל געלד... (זעה רש"י אין פסוק כ"ט „אמר עשיר הוא ונתן

עיניו בממון").
אזוי איז דער דרך פון די לבנ'ס, זיי זענען גרייט זייערע געטער אוועקצוגעבען פאר א פאר גילדען...

(הרה"צ מהרי"י הורביץ ז"ל)

ויאמר לא אכל עד אם דברתי דברי ויאמר דבר ויאמר עבד אברהם אנכי (כד—לג, לד)

די וועלט זאגט בדרך הלצה: מען גיט אליעזר'ן עסען, זאגט ער – לא אכל עד אם דברתי דברי – איך מוז פריהער דאווענען פאר'ן עסען, – ויאמר דבר – זאגט לבן, נו, גיב א דאווען אבי! – ויאמר עבד אברהם אנכי – ענטפערט אליעזר, איך בין פון אברהם'ס מענשען, קען איך נישט אריינכאפען דאס דאווענען, מען מוז פריהער האבען די געהעריגע הכנה און כוונה — הסידים הראשונים היו שוהים שעה אחת לפני התפלה כדי שיכונו את לבם למקום..

(שמעתי)

ואמר אל אדני אלי לא תלך האשה אחרי (כד—לט)

אלי כתיב בת היה לו לאליעזר והיה מחזר למצוא עילה שיאמר לו אברהם לפנות אליו לחשיאו בתו

(רש"י)

פרעגט די וועלט, פארוואס האט עס אליעזר נישט מרמז געווען פריהער ווען ער האט עס געזאגט צו אברהם'ען — דארט שטעהט „אולי" — נור ערשט יעצט ביים איבערדערצעהלען עס?

האט דער קאצקער רבי ז"ל גע. ענטפערט, אז פריהער בעת ער האט געהאט די נגיעה, האט ער גארנישט געפיהלט אז צוליב דער נגיעה זאגט ער דעם „אולי לא תאבה האשה ללכת", נור יעצט ווען ער האט שוין מצליח געווען און די נגיעה איז אוועק, האט ער ערשט אנגעהויבען צו פיהלען, אז ער האט עס געזאגט צוליב דער נגיעה וואס ער האט געהאט..

פריהער ווען אליעזר איז געוועזן אין דער הייליגער סביבה פון אברהם'ן

האט ער נישט געקענט האבען קיין נגיעה. נור ערשט ווען ער איז אוועק פון אברהם׳ס הויז, האט ער בעקומען א נגיעה...

(אדמו״ר מגור שליט״א)

פריהער האט אליעזר גערעכענט אז אברהם׳ס משפחה זענען גרויסע און חשובע מענשען, האט ער נישט געוואגט צו טראכטען אז יצחק זאל נעמען זיין טאכטער. יעצט אבער, ווען ער האט געזעהען אז די משפחה בעשטעהט פון א לבן הארמי, האט ער ערשט אנגעהויבען טראכטען: אזא „מורנו״ ווי לבן בין איך דאך אויך...

(פרדס יוסף)

אמר לו אברהם: בני ברוך ואתה ארור ואין ארור מדבק בברוך (רש״י)

אייגענטליך דארף דאך שטעהן „ואין ברוך מדבק בארור״?

נור ווען א ברוך וויל זיך יא אמאהל מדבק זיין אין אנ׳ארור, ווערט גאר דער ארור ביי זיך א מיוחס, ער וויל גאר דעמאלט נישט זיך משדך זיין מיט׳ן ברוך...

(בוצינא דנהורא)

ואבא היום אל העין (כד—מב)

אמר רבי אחא יפה שיחתן של עבדי אבות לפני המקום מתורתן של בנים. שהרי פרשתו של אליעזר שנים וג׳ דפים הוא אומרה ושונה והשרץ מגופו תורה ואין דמו מטמא כבשרו אלא מרבוי המקרא (מדרש רבה)

כאטש אויבערפלעכליך דוכט זיך אז די ווערטער זענען געדאפעלט אהן א ספעציעלען תועלת, ווען מען טראכט אבער אריין טיפער, ועט מען געפונען אין זיי פיל הויכע כוונות און רמזים, אזוי ווי עס האבען דאוועגען געשריבען די ראשונים און אחרונים אין זייערע ספרים און פירושים.

איז דער פשט: מתורתן של בנים— פון די תורה וואס עס האבען געלע-

רענט און מחדש געוועזען די קינדער פון די אבות אויף דער דאָזיגער גע־טאָפּעלטער פרשה זעהט מען עס אַז — יפה שיחתן של עבדי אבות — וויפיל עס ליגט בעהאַלטען היכקייט און שעהנקייט אינ'ם דאָזיגען שמועס פון אליעזר'ן...

(כנפי נשרים)

יפה שיחתן של עבדי אבות — ס'איז גוט צו שמועסען פונ'ם עבדות ד' פון די אבות, ווייל דאָס ברענגט אריין אין מענש השתוקקות און שטרעבונג צו וועלען נאָכטהוען זייערע מעשים — מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי — און צו צוקומען צו אהבת ד' אַזוי חי זיי. דעריבער איז עס גרעסער ווי די דינים פון טומאת שרץ, ווייל יענע דינים זענען דאָך נור זיך צו דער־ווייטערען פון טומאה און איסור, דאָס שמועסען אָבער פון די מעשים פון די אבות, איז אויך מקרב צו דער קדושה...

(אמרי כהן)

צוליב אַ נגיעה וואָס אַ מענש האָט, קען ער אַמאָהל מטהר זיין אפילו אַ שרץ בק"ן טעמים און פערדרעהען די תורה. די שיחה פון די עבדי אבות, לערנט אָבער ווי אַזוי מען זאָל פּיה־רען אַ לעבען אָהן נגיעות אַז דאָס וואָס ס'איז טמא זאָל בלייבען טמא. פונקט ווי אליעזר האָט אונטערדרוקט זיין נגיעה, צוליב אברהם'ס רצון...

(בשם גדול אחד)

ומגדנות נתן לאחיה ולאמה (כד—נג)

שהביא עמו מיני פירות של ארץ ישראל (רש"י)

דער דין איז דאָך אַז מען טאָר נישט ארויספיהרען קיין פירות פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ?

נור רש"י זאָגט דאָך (פריהער אין פסוק מ"ב) אַז אליעזר האָט געהאַט קפיצת־הארץ, ער איז באַלד אין זעל־בען טאָג אָנגעקומען, ממילא זענען איהם איבערגעבליבען די פירות, וואָס ער האָט מיטגענומען כדי צו האָבען ביז צו דער גרעניץ פון לאַנד געהעני־דיג אויף אַ נאָרמאַלען אופן.

(אדמו"ר מגור שליט"א)

ויאכלו וישתו הוא והאנשים אשר עמו (כד—נד)

ער מיט די מענשען האָבען געגע־סען און געטרונקען — אשר עמו —

דאָס וואָס ער האָט מיטגענומען פון דער היים, פון לבנ'ס מאכלים האָבען זיי נישט גפתאָלט עסען.

(אמרי כהן)

ויאמרו אליה התלכי עם האיש הזה ותאמר אלך (כד—נח)

אלך מעצמי אפילו אינכם רוצים (רש"י)

ווי פאַסט עס אַז רבקה זאָל רעדען געגען עלטערען, אויף אַזאַ אופן וואָס זעהט אויס אַביסעל עזות'דיג און נישט צניעות'דיג?

נור רבקה האָט אַזוי געזאָגט: איהר זעהט דאָך אַז דער פאָטער בתואל, וואָס האָט נישט מסכים געווען, איז געשטאָרבען (רש"י פסוק נ"ה), ווערט דאָך דער סוף זיין אַז איך וועל מוזען געהן אַליין אפילו ווען איהר וועט נישט וועלען, ווייל מען וועט אייך צוואונגען דערצו פון הימעל, איז דאָך שוין גלייכער אַז איהר זאָלט נישט שטערען...

(באר מים חיים)

אחתנו את היי לאלפי רבבה (כד—ס)

די חז"ל זאָגען: כל הבנים הולכין אחרי אחי האם — אַז די קינדער גראָטען אַריין אין די מוטערס ברודער. האָט דעריבער לבן געוואונשען אַז די זאָלסט האָבען אַ סאַך אַזעלכע לבנ'־דלעך ווי איך בין...

(שמעתי)

ויצחק בא מבוא באר לחי ראי (כד—סב)

יצחק האָט שטענדיג מדקדק געווע־זען מיט זיך כחוט השערה און גע־האַלטען אַז ער איז נאָך נישט ראוי צו דער מדרגה פון „לחי רואי" — צו זעהען השי"ת עין-בעין. האָט ער זיך כסדר געגרייט צו צוקומען צו אָט דער מדרגה. דאָס הייסט „בא מבוא באר לחי רואי" — ער האָט געהאַלטען אין גרייטען זיך אָנצוקומען צום „באר לחי רואי". שפּעטער אָבער ווען — ויברך אלהים את יצחק — האָט ער שוין דער־גרייכט די מדרגה, שטעהט שוין „וישב יצחק עם באר לחי רואי" — ער איז שוין געזעסען במנוחה, ווייל ער האָט געוואוסט אַז ער האָט עס שוין דער־גרייכט...

(קול שמחה)

הפטרת חיי שרה (מלכים א־א)

ולא עצבו אביו מימיו לאמר מדוע ככה עשית וגם הוא טוב תאר מאד ואתו ילדה אחרי אבשלום (א־ו)

די חז״ל זאָגען אַז בעת ווען אבשלום האָט געקעמפט געגען דוד׳ן, האָט חושי האַרכי געזאָגט צו דוד׳ן אַז דאָס איז איהם געקומען, ווייל ער האָט גענומען אַ יפת־תואר אין דער מלחמה, וואָרום כאָטש די תורה האָט עס מתיר געווע־זען, אָבער „כל הנושא יפת תואר סופו להוליד בן סורר ומורה״, דערי־בער איז איהם געבוירען געוואָרען אַזאַ זוהן ווי אבשלום (סנהדרין ק״ז)

היות אַלזאָ ווי אדוניהו איז אויך געבוירען געוואָרען פון אַ יפת־תואר, האָט איהם ממילא דוד קיינמאָל נישט געקענט זאָגען קיין מוסר ווען ער האָט עפּעס שלעכט געטהוען, ווייל ער האָט געוואוסט אַז מען קען איהם צוריק זאָגען, דאָס ער איז שולדיג דערין, וואָס ער האָט גענומען אַ יפת תואר׳

איז דאָס דער פשט אין פסוק: ולא עצבו אביו מימיו — זיין פאָטער דוד, האָט איהם קיינמאָל נישט געש־טראָפט ווייל — לאמור מדוע ככה עשית — מען וועט איהם זאָגען: פאַר־וואָס האָסטו אַזוי געטהוען, דו ביזט שולדיג דערין, וואָרום — והוא טוב תואר מאד — ער איז געוועזען זעהר שעהן אַלס אַ זוהן פון אַ יפת־תואר — ואותו ילדה אחרי אבשלום — האָט ער דאָך שוין געהאַט די לעהרע פון אבשלום׳ען, וואָס חושי האָט איהם דאָס זעלבע פאָרגעוואָרפען „מאי טעמא נסבת יפת תואר״ — ממילא האָט ער שוין נישט געקענט צופיל מוסר׳ן אדוניהו, כדי מען זאָל איהם דעם זעלבען פארוואורף נישט מאַכען...

(צוארי שלל)

אייגענטליך האָט דאָך געדאָרפען שטעהן „ולא העציבו אביו״ אין בנין הפעיל?

נור טיילמאָל איז דער גרעסטער מוסר פאַר אַ קינד, ווען ער דערמאָהנט זיך אַז ער האָט אַ גרויסען און חשוב׳ן פאָטער און מיט זיינע שלעכטע מעשים איז ער מבזה דעם פאָטער׳ס נאָמען, האַלט איהם דער פאָטער׳ס כבוד אָב פון צו טהוען נישט קיין פאַסיגע מעשים׳

איז דאָס דער פשט: ולא עצבו „אביו״ מימיו — דער בעוואוסטזיין אַז ער האָט אַזאַ חשוב׳ן און גרויסען פאָטער ווי דוד, האָט אדוניהו׳ן קיינ־מאָל נישט קיין זאָרג געבּרענגט — לאמר מדוע ככה עשית — אַז ער זאָל זיך אַליין מאַכען פארוואורפען: פאַרוואָס האָסטו אַזוי געטהוען! ער האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון.

(שמעתי בשם גדול אחד)

פרשת תולדות

ואלה תולדת יצחק בן אברהם הוליד את יצחק (כה—יט)

די פריהערדיגע סדרה ענדיגט זיך מיט די ווערטער: „על פני כל אחיו נפל" — דאָס איז אַ רמז, אַז ווען ישמעאל וועט פאַלען באחרית הימים, וועט דעמאָלט אויפשיינען משיח בן דוד, וואָס איז פון תולדות יצחק בן אברהם...

(בעל הטורים)

„תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים" — זאָגען די חז"ל. איז דאָס דער פשט: ואלה תולדות יצחק בן אברהם — פון דעם האָבען זיך דער־נומען די מעשים טובים פון יצחק'ן — אברהם הוליד את יצחק — דערפון וואָס ער האָט שטענדיג געדענקט ווער זיין טאַטע איז, אַז ער האָט אַזאַ פאָטער ווי אברהם...

(הה"ק מהר"ם מאמשינוב ז"ל)

ויעתר יצחק לד' לנכח אשתו... ויעתר לו ד' (כה—כא)

לו ולא לה לפי שאינו דומה תפלת צדיק בן צדיק לתפלת צדיק בן רשע

(רש"י)

יצחק האָט זיך געהאַלטען, אַז אין זיין אייגענעם זכות, איז ער נישט כדאי דאָס השי"ת זאָל אָננעמען זיין תפלה האָט ער דעריבער נור געבעטען — לנוכח אשתו — אַז ער זאָל געהאָל־פען ווערען אין איהר זכות. ווען די תורה זאָגט: ויעתר לו ד' — קען דאָך זיין אַז השי"ת האָט אָנגענומען זיין תפלה טאַקי אַזוי ווי ער האָט געוואָלט אין רבקה'ס זכות — זאָגט דעריבער

רש״י: לו ולא לה – אז די תפלה איז געווארען אנגענומען דווקא נור אין זיין זכות – שאינו דומה תפלת צדיק בן צדיק לתפלת צדיק בן רשע...

(קדושת לוי)

ויתרצצו הבנים בקרבה (כה—כב)

כשהיתה עוברת על פתחי תורה של שם ועבר יעקב רץ ומפרכס לצאת, עוברת על פתחי עבודה־זרה עשו מפרכס לצאת. (רש״י)

איז דאך שווער: בשלמא עשו האט געוואלט ארויסלויפען ווייל אין דער מוטער'ס בויך האט ער קיין עבודה־זרה נישט געהאט. אבער יעקב פארוואס האט ער געוואלט ארויסלויפען, ער האט דאך דארט אויך געלערענט תורה, אזוי ווי די חז״ל זאגען „כשהתינוק במעי אמו מלמדין אותו כל התורה כולה״ (נדה ל׳) ?

נור דער תירוץ איז: יעקב האט טאקי דארט געלערענט די גאנצע תורה, אבער ער האט נישט געוואלט געהן מיט עשו'ן אין איין חדר אריין, דעריבער האט ער געוואלט ארויסלויפען...

(מפי השמועה)

ותלך לדרש את ד׳ (כה—כב)

שיגיד לה מה תהא בסופה. (רש״י)

רבקה האט געמיינט, אז עס איז איין קינד און דאס וואס ער וויל ארויסלויפען ביי פתחי בית־המדרש און ביי פתחי עבודה־זרה, איז עס דער סימבאלישער קאמף צווישען יצר־טוב און יצר־הרע, אמאהל איז זיך מתגבר דער יצר־הרע, וויל ער ארויסלויפען צו עבודה־זרה, און אמאל איז זיך מתגבר דער יצר־טוב וויל ער לויפען אין בית־מדרש. איז זי דעריבער געווען טשעקאוועט צו וויסען – מה תהא בסופה – וואס וועט זיין דער סוף פון אט דער אינערליכער מלחמה אין איהר קינד, ווער וועט געבען דעם לעצטען קלאפ, ווארום דער וואס גיט דעם לעצטען קלאפ דער איז דער זיגער...

דער מענש האט טאקי דאס גאנצע לעבען א מלחמה מיט'ן יצר־הרע, אמאהל איז ער זיך מתגבר און אמאהל יענער, על כל פנים זאל ער זעהען, אז דעם לעצטען קלאפ זאל ער געבען – והיה עקב תשמעון...

(קול שמחה)

רבקה האָט געזעהען אַז איין קינד וועט זיין אַ רשע, ער וויל אַרויסלויפען צו דער עבודה-זרה, און — ווי די חז״ל זאָגען — האָט עשו נאָך אין בויך געוואָלט דערהרג׳ענען די מוטער, דעריבער — ותלך לדרוש את ד׳ — איז זי געגאַנגען פרעגען אַ שאלה, צי זי מעג דאָס קינד בעטראַכטען פאַר אַ רודף און איהם פריהער הרג׳ענען און זי האָט געזאָגט: למה זה אנכי — וואָס דאַרף איך זיין אויסגעשטעלט אויף אַ סכנה פון דעם קליינעם רודף, בעסער אפשר מקיים צו זיין „הבא להרגך השכם להרגו״?

האָט מען איהר געענטפערט: שני גויים בבטנך—זאָגט רש״י: גאים כתיב אלה אנטונינוס ורבי — דאַרף דאָך פון עשו׳ן אַרויסקומען אויך גוטע קינדער, אַזעלכע ווי אנטונינוס, דעריבער טאָרסטו איהם נישט הרג׳ענען.

(פני פריי זוטא)

רבקה האָט געקלערט אַז ס׳איז איין קינד, נור ער וועט ליב האָבען תורה אָבער ער וועט נישט האָבען קיין יראת-שמים. ער וועט טאַקי לויפען על פתחי בית-מדרש און לערנען, אָבער דאָס לערנען וועט זיין בלויז צוליב עולם-הזה׳דיגע און גשמיות׳דיגע כוונות, וואָס דאָס הייסט פתחי עבודה-זרה. האָט זי דעריבער געמאַכט דעם פרוב — ותלך לדרוש את ד׳ — זי איז געגאַנגען תפלה טהוען (אַזוי ווי עס שטעהט: דרשתי את ד׳ ועַנני), אויב דאָס קינד וועט נישט זיין קיין ירא-שמים, וועט ער ביי תפלה טהוען נישט צאַפּלען אַרויסצוגעהן. ווען זי האָט אָבער געזעהען אַז אפילו יעצט ווען זי איז געקומען אין בית-מדרש אַריין מתפלל זיין איז ער אויך געווען „מפרכס לצאת״, האָט זי פערשטאַנען אַז „שני גויים בבטנך״ און דער איינער פון זיי וואָס וויל לערנען וויל אויך דאַווענען...

(שו״ת כתב סופר בהקדמה)

ויקראו שמו עשו (כה—כה)

הכל קראו לו כן. (רש״י)

עשו איז דער סימבאָל פון שקר. אַזוי ווי די חז״ל זאָגען אין מדרש „הא שוא שבראתי בעולמי״. דער שקר ציהט צו זיך ליידער צו אַ סך מענשען, אַלע ווערען נאָכגעשלעפּט נאָך איהם. יעקב איז אָבער דער סימבאָל פון אמת — תתן אמת ליעקב — שטעהט נור „ויקרא

שמו יעקב" — אַ לשון יחיד — ווייל דער אמת האָט ווייניג אָנהענגער און נאָכלויפער, יחידים זענען עס וואָס ווערען נאָכגעצויגען נאָך יעקב'ן.
(דגל מחנה אפרים)

ויהי עשו איש ידע ציד (כה—כז)

לצוד ולרמות את אביו בפיו ושואלו אבא האיך מעשרין את המלח ואת התבן. (רש"י)

פאַרוואָס האָט ער געפרעגט: „האיך מעשרין" — ווי אַזוי מען מעשר'ט, ער האָט זיך דאָך געדאַרפען פרעגען „אם מעשרין" — צי מען דאַרף בכלל מעשר'ן ?

נור עשו האָט דאָ אַרויסגעוויזען אַ גרויס צביעות און געפרעגט דעם פאָטער, אויב ביי תבואה גיט מען מעשר, איינס פון צעהן, הייסט עס דאָך באמת אַז מען גיט מעהר, וואָרום דער מענש האָט דאָך אַריינגעלייגט דערין די תבואה וואָס האָט פערזייהעט, אַזוי אַז אין די יעצטיגע צעהן סאה תבואה, האָט ער אַריינגעלייגט איין סאה, מאַכט עס באמת אויס איינס פון ניין, דאַרף דאָך אויסקומען אַז פון „מלח" און „תבן" וועלכע מען פערזייהעט נישט פריהער, דאַרף מען געבען מעהר ווי איינס פון צעהן...

דאָס איז דער פשט: האיך מעשרין את המלח ואת התבן — ווי אַזוי מעשר'ט מען דאָס, צי איז גענוג איינס פון צעהן, אָדער מען דאַרף געבען מעהר — פון אַזאַ מין מדקדק זיין במצוות, האָט טאַקי יצחק געקענט נתפעל ווערען...
(פרדס יוסף)

ויעקב איש תם (כה—כז)

מי שאינו חריף לרמות קרוי תם.
(רש"י)

אַ מענש דאַרף זיין אַ בעל-הבות און אַ האַר איבער זיינע מידות, ער זאָל זיי קענען אויסנוצען דאָרט וואו מען דאַרף און אויף אַנ'אופן וואו מען דאַרף. וואָרום טיילמאָל, דאַרף מען גאָר זיך אויך בענוצען מיט אַ שלעכטע מדה לשם שמים, אַזוי ווי די חז"ל זאָגען: „כל מי שנעשה רחמן במקום אכזרי, לבסוף נעשה אכזר במקום רחמני (קהלת רבה פ"ז) — נישט אַלזאָ מען דאַרף בלויז האָבען די מדה פון רחמנות נור אויך

הערשען איבער דער מדה און אויס־נוצען איהר ווי געהעריג. יעקב אבינו הייסט דעריבער „איש תם" — ער איז געוועזען אַנ'איש, אַ האַר און בעל־הבית איבער'ן תמימות, געוואוסט ווי אויסצונוצען דאָס תמימות און וואו עס אָנצוקוקען און מקיים זיין „עם עקש תתפתל" — אחיו אני ברמאות...
דאָס איז די כוונה פון רש"י: מי שאינו חריף לרמות — דער וואָס קען גאָר בכלל נישט גענאַרען, ער איז בעצם אַ תם — קרוי תם — דער הייסט נור „תם" אָבער נישט „איש־תם" — ווייל ער האָט יאָ געקענט זיך בענוצען מיט חריפות. און רמאות דאָרט ווי מען האָט בעדאַרפען און דאָך האָט ער געהאַט די מדה פון תמימות, אַט דאָס הייסט „איש־תם" אַ האַר איבער'ן תמימות...

(הרבי הקדוש מלובלין ז"ל)

ויאהב יצחק את עשו כי ציד בפיו ורבקה אהבת את יעקב (כה—כח)

יצחק איז געוועזען אַנ'עולה־תמימה שטענדיג געהעזען אָבגעזונדערט פון דער וועלט און גאַרנישט פערשטאַנען אַז מען קען אָפנאַרען. דעריבער ווען עשו האָט געפרעגט „האיך מעשרין את המלח" — האָט ער געמיינט אַז ס'איז עהרליך און איהם ליב געהאַט. רבקה אבער איז דאָך געבוירען גע־וואָרען ביי רמאים, איהר ברודער איז געוועזען לבן־הארמי, זי האָט שוין געקענט די וועלט, זי האָט שוין גע־וואוסט אַז מען קען פרעגען שאלות ווי אַ „מדקדק • במצוות" און זיין אַנ'עשו הרשע... דעריבער האָט זי ליב געהאַט יעקב'ן, ביי וועמען זי האָט דערקענט דעם אמת'ן אמת...

(בשם הה"ק מהר"ג מראפשיץ ז"ל)

———

די חז"ל זאָגען אַז לעתיד וועט השי"ת זיך ווענדען צו יעדען איינעם פון די אבות און זיי זאָגען: „בניך חטאו" דיינע קינדער האָבען געזינדיגט איז אברהם און יעקב וועלען זאָגען, אויב זיי האָבען געזינדיגט זאָלען זיי פערשטראָפט ווערען — ימחו על קדושת שמך — יצחק אָבער וועט אָנהויבען מאַכען חשבונות, ווי קליין און נישט די זינד זענען און ממליץ זיין אויף יודען (שבת פ"ט).

שטעלט זיך דאָך אַ פראַגע פאַר־וואָס עפעס דווקא יצחק, וואָס איז גאָר פחד און גבורה, מעהר ממליץ זיין אויף יודען גיכער ווי די אַנדערע אבות?

נור — האָט דער רבי ר' מאיר'ל פרעמישלאנער געפּלעגט זאָגען — יצחק

אבינו האָט געהאַט אַ טענה, איך האָב אויך געהאַט אַ שלעכט קינד און דאָך, כאָטש איך בין אַ בשר־ודם האָב איך איהם ליב געהאַט און מוחל געוועזען, דו השי״ת וואָס די ביזט אַ מוחל וסולח, דאַרפסטו געוויס ליב האָבען דיינע קינדער, כאָטש זיי האָבען געזינדיגט.

קומט דאָך אויס, אַז דורך די אהבה פון יצחק'ן צו עשו'ן האָט יצחק געהאַט אַ טענה מלמד־זכות צו זיין אויף יודען;

איז דאָס דער פשט: ויאהב יצחק את עשו – יצחק האָט ליב געהאַט עשו'ן – כי ציד בפיו – כדי ער זאָל האָבען שפּעטער אין מויל גרייט אַ טענה אָבצוענטפערען דעם רבונו של עולם, ווען ער וועט פאָרוואַרפען די יודישע חטאים – אַז אַפילו אַ שלעכט קינד דאָרף אויך דער פאָטער ליב האָבען...

———

די אהבה פון יצחק'ן איז דאָך נור געוועזען „אהבה התלויה בדבר" וויל „ציד בפיו", ממילא איז דאָך „בטל דבר בטלה אהבה" – ווען ס'ווערט נור בטל די סבה, ווערט באַלד בטל די אהבה און זי ווערט אַ פערגאַ[illegible]הייט, שטעהט דעריבער „ויאהב" – אַ לשון־עבר, ער האָט איהם ליב געהאַט, בעת ס'איז געוועזען „ציד בפיו". די ליבשאַפט פון רבקה'ן צו יעקב'ן איז דאָך אָבער געוועזען, אַן „אהבה שאינה תלויה בדבר", וועלכע ווערט קיינמאָל נישט בטל, שטעהט דעריבער ביי איהר: ורבקה אוהבת – אַ לשון בינוני – זי האָט כסדר פאָרטווערענד ליב יעקב'ן, די אהבה לאָזט זיך נישט אויס, וויל זי איז נישט געוואָרען אַרויסגערופען דורך עפּעס גשמיות'דיגע ציעלען אין וועלכע זי זאָל זיין אָבהענגיג...

(של״ה הקדוש)

———

ויאמר עשו... הלעיטני נא מן האדם הזה (כה—ל)

אין דעם טאָג איז דאָך אברהם אבינו נפטר געוואָרען און אַלע זענען געוועזען פערנומען אין'ם אבילות, האָט זיך עשו געשעמט צו זאָגען אַז ער וויל עסען די עדשים – וועלכעס איז אַ מאכל פון אבלים – כדי מען זאָל נישט זאָגען: אַלע טרויערען אויפ'ן יידען און ער איז להוט נאָך דער אכילה! האָט ער זיך דעריבער געמאַכט, אַזוי ווי ער וואָלט גאָרנישט געוואוסט אַז דאָס איז עדשים און אַז היינט איז אַן אבילות, און ער האָט געזאָגט: גיב מיר נור פון דעם דאָזיגען רויטען עסען. ער האָט דאָך אָבער געקלערט. אַז באַלד נאָכ'ן ערשטען לעפעל וועט ער שוין מוזען

ועהען אַז ס'איז עדשים און ס'וועט זיין אַ בושה וואָס ער איז נישט עוסק אין אבילות — האָט ער דעריבער געזאָגט: הלעיטני — שיט מיר אַריין אין מויל, כדי עס זאָל הייסען אַז ער זעהט נישט און ווייסט ווייטער נישט וואָס דאָס איז, זאָגענדיג אַ תירוץ — כי עיף אנכי — אַז צוליב מיעדקייט קען ער נישט אַליין נעמען דעם לעפעל צום מויל...

(בית הלוי)

———

ויאכל וישת ויקם וילך ויבז עשו את הבכרה (כה—לד)

אויפ'ן אָנהויב פון דער מכירה, קען מען נאָך איהם דן זיין לכף זכות: ער איז געוועזען זעהר מיעד און הונגעריג, אַזוי אַז ער האָט צוליב די סכנה פון הונגער געמוזט מסכים זיין אויף דער מכירה, אָבער נישט ער האָט געמיינט מבזה צו זיין די בכורה, נור זיך צו ראַטעווען. אָבער נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאָט אָבגעגעסען און זיך אָנגעטרונקען, האָט ער דאָך על־כל־פנים געדאַרפען אָנהויבען שרייען: איך בין געוועזען אַנ'אנוס און חרטה האָבען אויף דער מכירה, לבסוף אָבער איז נאָכ'ן „ויאכל וישת" געוועזען „ויקם וילך" — ער איז זיך אויפגעשטאַנען און אַוועקגע־גאַנגען שטיל, רוהיג און צופרידען, אַזוי ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשעהען — איז ערשט יעצט קלאָהר געוואָרען אַז — ויבז עשו את הבכורה — אַז זיין פערקויפען די בכורה איז נישט גע־וועזען צוליב הונגער, נור צוליב בזיון, ווייל עס האָט ביי איהם קיין ווערט נישט געהאַט.

(שער בת רבים)

———

אַזוי איז דער דרך פון עשו'ן, צוליב א פרעס איז ער גרייט אַוועק־צוגעבען אַלע זיינע הייליגקייטען, ער שטעהט נישט דעמאָלט נאָך קיין בכורה, און ווייל נישט טהוען קיין עבודה, ווייל דער „ויאכל וישת" פער־נעמט זיין גאַנץ וועזען. ווען אָבער עס קומט יעקב, וואָס איז נישט אַזוי פערקאָכט אינ'ם „ויאכל וישת" און דורך זיין אַרבייט און פלייס, מיה און מאַטער, ערווערבט ער זיך די בכורה און בע־קומט די אויבערהאַנד אין אַלע גייס־טיגע געביטען — דעמאָלט ווערט עש בייז און שרייט אַז יעקב גענאַרט איהם, אַז יעקב בעשווינדעלט איהם — ויעקבני זה פעמים...

עשו! דערמאָהן זיך, אַז דורך דיין פוילקייט און דיינע תאוות, האָסטו אַליין די בכורה אַוועקגעוואָרפען און יעקב האָט אין איהר זוכה געוועזען דורך פלייס און אַרבייט, דורך ווייניג עסען און טרינקען, נישט דורך שווינדעל...

(אבני אזל)

ויבז עשו את הבכורה—נאָך פריהער האָט שוין עשו געפּלעגט מבזה זיין די בכורה. דעריבער האָט יעקב אויס־גענוצט די יעצטיגע געלעגענהייט, ביי איהם די בכורה צוצונעמען.

איז פונדאַנען זיך אַרויסצולערנען, אַז ווען מען זעהט ביי אַ רשע אין דער האַנד, אַ ספר־תורה אָדער אַנ־אַנדערע דבר־מצוה, מעג אַ צדיק איהר אויסנאַרען מיט פערשידענע תחבולות און צונעמען פון איהם די מצוה...

(רבי יהודה חסיד)

עקב אשר שמע אברהם בקלי וישמר משמרתי מצותי חקותי ותורתי (כו—ה)

קיים אברהם אבינו כל התורה עד שלא נתנה אפילו עירוב תבשילין (יומא כח)

וואָס עפּעס ווערט געמאַכט אַנ־אויסנאַהם די מצוה פון עירוב־תבשילין פון אַלע אַנדערע מצות־מדרבנן ?

דער ווילנער גאון ז"ל זאָגט אַז עס איז געשטאַנען אין ראשי־תיבות „אפילו ע"ת" און עס מאַכט גאַר „עירובי־תחומין", וועלכעס פּאַסט זיך אַרויסצולערנען פונ'ם וואָרט „עקב" (וואָס איז דער טייטש: טריט) — אַזאַ מצוה וואָס איז אָבהענגיג אין די פיס־טריט, דאָס איז די מצוה נישט צו געהן מעהר ווי אַ תחום־שבת אָהן אַנ'עירוב...

* * *

דער חתם-סופר ז"ל ברענגט אַ טייטש אויף „עירוב־תבשילין": געמיש־טע געקעכצער. דאָס הייסט אַז אברהם אבינו האָט זיך אָבגעהיטען און נישט געמישט די תבשילין פון בשר און חלב. די רבותא דערפון איז, כאָטש די גמרא זאָגט דאָך „בשר בחלב דרך בישול אסרה תורה" – טייטשט תוספות – אַז נור ווען דער איסור קומט דורכ'ן קאָכען צוזאַמען, נישט אויב עס איז שוין פערהאַן אַנ'איסור פון פריהער דאַן איז נישט אסור אַלס בשר בחלב (סנהדרין ג), און אברהם אבינו וועל־כער האָט געהיטען אויך די דינים פון בני־נח, האָט נישט געטאָרט אַליין נוצען קיין מילך, ווייל זי דאַרף דאָך זיין אסור אַלס „אבר מן החי" (זעה גמרא בכורות ו') נור צו יודען האָט די תורה מתיר געווען אָבער נישט צו די בני־נח. ווען אַלזאָ חלב איז

געוועזען אסור. האָט דאָך ביי איהם נישט געדאַרפען זיין דער איסור פון בשר-בחלב, ווייל דאָס הייסט דאָך נישט „דרך-בישול" — דערצעהלען די חז"ל אַז דאָך האָט ער זיך נוהג גע־וועזען לחומרא אויך אַזוי ווי דיני־ישראל און אָבגעהיטען דעם איסור פון בשר-בחלב.

דער סאכאטשאָווער רבי, דער בעל אבני נזר ז"ל, האָט געזאָגט, אויף דעם וואָס די חז"ל דערמאָהנען ספּעצ־יעל די מצוה „עירוב-תבשילין", פאָל־גענדעס:

באמת וואָלט מען געדאַרפען מעגען אָנגרייטען פון יום-טוב אויף שבת, אפילו אָהן עירוב-תבשילין, ווייל שבת איז דאָך הארבער פון יום-טוב, נור — זאָגט דער רמב"ן — יום-טוב האָט אין זיך אַ גרויסע מעלה מעהר פון שבת, ווייל שבת איז „קביעה וקיימא", איהר קדושה איז אַ פעסטגעזעצטע בידי שמים, דאַגעגען יום-טוב, איז „בית-דין מקדשה ליה", יודען מאַכען די קדושה. איז דעריבער די קדושה וואָס יודען מאַכען אַליין, מעהר מעלה אַקעגען דער קדושה פון שבת, דעריבער דאַרף מען האָבען אַן עירוב-תבשילין.

דאָס איז נור, נאָכדעם ווי יודען זענען מצווה געוואָרען אויף שבת. אָבער אברהם - אבינו וועלכער האָט מקיים געוועזען די גאַנצע תורה פון זיך אַליין אָהן אַ צווי, איז דאָך שבת אויך נור געוועזען ביי איהם אַ קדושה בידי-אדם, ממילא האָט לגבי איהם, יום-טוב נישט געהאַט קיין שום מעלה אַקעגען שבת, וואָלט ער דאָך געמעגט צוגרייטען פון יום - טוב אויף שבת אפילו אָהן אַן עירוב - תבשילין, פונ־דעסטוועגען האָט אברהם מקיים געווע־זען די מצוה, וואָס ביי יודען שפּעטער וועלען דאַרפען מקיים זיין.

אָט דאָס איז די רבותא פון עירוב-תבשילין...

וכל הבארת אשר חפרו עבדי אביו... סתמום פלשתים (כו—טו)

די תורה לערענט אונז, אין דער ערצעהלינג אַז אין די מעשים פון די צדיקים, וואָס זיי אַליין טהוען אָדער זיי מאַכען רוהען קדושה אויף אַן אָרט קענען קיין פרעמדע הענד נישט שולט זיין עס צו פערניכטען. דעריבער ווייל די ברונעמ'ס האָבען געגראָבען „עבדי אביו" — די דינער פון אברהם'ען, נישט ער אַליין, איז געוועזען — סתמום פלשתים — האָבען

זיי די פלשתים געקענט פערשטאָפּען. דאָס זעלבע אויך ביי יצחק'ן כל זמן ס'איז געווען „ויחפרו עבדי יצחק" — די דינער זיינע האָבען געגראָבען די ערשטע און די צווייטע ברונעם, האָבען די פלשתים געקריגט אויף זיי, ווען אָבער — ויעתק משם ויחפר באר אחרת — ער אַליין, יצחק האָט געגראָבען דעם דריטען ברונעם, איז שוין געווען „ולא רבו עליה" — ווייל צו די אַרבייט פון אַ צדיק קען קיינער קיין שליטה נישט האָבען.

שפעטער ווען — ויעל משם באר שבע — יצחק איז געגאַנגען קיין באר שבע און — ויבן שם מזבח ויקרא בשם ד' — ער האָט מקדש געווען דאָס אָרט, האָט עס אויך שוין געמוזט האָבען אַ קיום, אַז אפילו — ויכרו שם עבדי יצחק באר — כאָטש זיי די עבדים האָבען דעם ברונעם געגראָבען האָבען אויך שוין די פלשתים נישט געקענט פערשטאָפּען אָדער קריגען אויף איהר.

(בכורי אביב)

ויחפר באר אחרת ולא רבו עליה ויקרא שמה רחבות ויאמר כי עתה הרחיב ד' לנו (כו—כב)

די ערשטע צוויי ברונעם'ס זענען מרמז אויף די ערשטע צוויי מקדשים, דעמאָלט האָבען די שונאים נאָך גע-האַט אַ שליטה, געקענט קריגען און פיהרען מלחמות ביז זיי האָבען זיי חרוב געמאַכט. די דריטע ברונעם איז מרמז אויפ'ן דריטען בית־המקדש פון לעתיד, אויף דעם מקדש וועט שוין קיין שום קיטרוג נישט זיין. עס וועט זיין „רחובות" — יודען וועלען לעבען בהרחבה און קיין פאָלק וועט נישט וואַגען זיי אָנצוגרייפען אָדער פער-טשעפען.

(רמב"ן ועוד)

אתה עתה ברוך ד' (כו-כט)

פריהער האָבען זיי נישט געהאַלטען אַז יצחק איז דער צדיק־הדור, וואָרום אברהם האָט זיך געפיהרט מיט גרויס חסד און מקרב געווען מענשען, דאַגעגען יצחק, האָט זיך געפיהרט אויף אַן'אַנדערען דרך — פחד יצחק — צווי אַז אבימלך מיט זיינע מענשען האָבען געהאַט פיל קשיות אויף איהם, נור זיי האָבען אין איהם נוהג כבוד געווען אַלס אברהם'ס אַ זוהן. יעצט אָבער ווען זיי זענען געקומען צו דער איבערצייגונג אַז ער איז עס דער צדיק הדור, איז זיי ממילא פערענט-פערט געוואָרען אַלע פריהערדיגע קשיות און זיי האָבען געזאָגט: ראה ראינו כי היה ד' עמך — אַז אפילו פריהער שוין איז ג—ט געווען מיט דיר, און אַלע דיינע מעשים, וואָס מיר האָבען געהאַט קשיות אויף זיי, זענען געווען ריכטיג, מיר האָבען דיך מכבד

געוועזן בלויז אלס אברהם'ס זוהן, יעצט זעהען מיר אז — אתה עתה ברוך ד' — אויך דו אליין ביז יעצט דער ברוך ד' — דער צדיק הדור, אויסער וואס דו ביזט אברהם'ס זוהן, ביזטו אליין דער געבענשטער פון השי"ת...

(בית יעקב)

וילכו מאתו בשלום (כו—לא)

דאס קען נור בעוויזען א גוי ווי אבימלך. געוועזען ביי יצחק'ן, מיט איהם צוזאמען געגעסען אפילו, און אוועקגעגאנגען פון איהם „בשלום", צופרידען מיט זיך... א יוד ווען ער קומט צו א צדיק, ווערט ער ביי זיך צובראכען, אז ער קען זיך קיין ארט נישט געפונען...

(הרבי ר' בונם ז"ל)

ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו (כז—א)

אברהם האט פערטריבען ישמעאל'ן און אויסגערייניגט זיין הויז פונ'ם שלעכטען, האט ער אויף דער עלטער געהאט מנוחה און געקענט אריינברענגען א רבקה צו זיך אין שטוב אריין. יצחק דאגעגען האט נישט פערטריבען עשו'ן, האט זיך אויף דער עלטער ביי איהם אנגעהויבען אן אנדערע תקופה אין דער שטוב, ס'איז איהם טונקעל געווארען אין די אויגען זעהענדיג די הנהגה פון איהם מיט זיינע ווייבער און יעקב האט געמוזט אנטלויפען.

אויב דו טרייבסט נישט ארויס עשו'ן, וועט סוף כל סוף יעקב מוזען אנטלויפען פון דיין שטוב...

(בשם גדול א' מחכמי המוסר)

הנה נא זקנתי לא ידעתי יום מותי (כז—ב)

פארוואס האט ער עפעס דווקא אין דעם טאג מורא געהאט פאר'ן יום-המיתה? ווייל דער תרגום יונתן זאגט אז דעמאלט איז געוועזען ערב-פסח, דעריבער האט ער געהייסען ברענגען צוויי גדיים, איינס אויף א קרבן-פסח און איינס אויף א קרבן-חגיגה.

די גמרא זאגט דאך אז „בפסח נולד יצחק" (ר"ה יוד) און דאס איז דאך א כלל אז „הקב"ה יושב וממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום" (ר"ה יא) — האט יצחק געוואוסט אז ער וועט שטארבען אין פסח, נור ער האט נישט געוואוסט אין וועלכען פסח. דעריבער האט ער היינט, ערב פסח, געזאגט: לא ידעתי יום מותי.

(יסוד התורה)

וצודה לי צידה (כז—ג)

אין די ווערטער איז מרומז דער שם „הויה". „וה" פונ׳ם ווארט „וצידה" און „יה" פונ׳ם ווארט „צידה". דערי־בער האט רבקה שפעטער געזאגט אז זי האט געהערט יצחק׳ן זאגען „ואברכבה לפני ד׳ לפני מותי" — כאטש ער האט דאך נישט געזאגט „לפני ד׳" — ווייל אין זיינע ווערטער איז מרומז דער שם „הויה"...

(בשם המגיד מקאזניץ זצ"ל)

בעבור תברכך נפשי בטרם אמות (כז—ד)

פארוואס האט יצחק נור געוואלט בענטשען דעם בכור, נישט אלע קינ־דער, אזוי ווי יעקב האט פאר׳ן טויט געבענטשט אלע קינדער?

נור דאס האט מען פון הימעל אזוי מסבב געווען. ווארום ווען יצחק וואלט געבענטשט יעקב׳ן בפירוש, וואלט שטענדיג געווען א קיטרוג, אז יודען זענען נור ווערט די ברכות, ווען זיי זענען אין דער מדרגה פון יעקב׳ן. דעריבער האט השי"ת מסבב געווען אז ער זאל וועלען בענטשען עשו׳ן, כדי די ברכות זאלען קענען חל זיין אויף יודען, אפילו אינ׳ם ערגסטען מצב וואס זיי זענען, ווייל אלץ זענען זיי דאך נישט ערגער פון עשו׳ן...

(הרה"ק מהר"י מווארקא זצ"ל)

הנה שמעתי את אביך מדבר אל עשו אחיך לאמר (כז—ו)

כאטש דיין פאטער יצחק האט עס געזאגט עשו׳ן שטילערהייט (דאס לשון „אמירה" איז „בלחש") — דאך האב איך עס געהערט אזוי ווי „מדבר" — ווי ער וואלט עס גערעדט הויך. איז דאס א סימן אז מען האט געוואלט פון הימעל איך זאל עס דערהערען און עס דיר אויסזאגען...

(הה"ק רצ"א ז"ל מדינאוו)

ואברכבה לפני ד׳ לפני מותי (כז—ז)

יצחק האט דאך גארנישט געזאגט „לפני ד׳" נור בלויז „בעבור תברכך נפשי בטרם אמות"?

נור אויפ׳ן פסוק אין פרשת יתרו „לאכל לחם לפני האלהים" זאגט רש"י: מכאן שכל הנהנה מסעודה שתלמיד־חכם מיסב בתוכה כאילו נהנה מזיו השכינה.

איז דאך א כל־שכן אז ביי דער סעודה פון יצחק׳ן האט די שכינה

געווהט און ס׳האט געהייסען לפני ד׳.
דאס האט רבקה געזאגט: הנה שמעתי את אביך... ועשה לי מטעמים ואכלה — אויב יצחק וויל איהם בענטשען ביים עסען, וועט עס זיכער זיין — ואברככה לפני ד׳...

(בן יאיר)

עלי קללתך בני אך שמע בקולי ולך קח לי (כז—יג)

רבקה האט געזאגט: איך ווייס די קללות וואס דארפען אויף דיר קומען און די זענען מרומז אין די אותיות פון „עלי" — ע׳שו, ל׳בן, י׳וסף — מעהר פון די דריי זאכען וועסטו קיין צרות נישט האבען, ממילא דארפסטו נישט מורא האבען, אז יעצט זאל דיר עפעס געשעהען.
דעריבער שפעטער ווען יעקב׳ס קינדער האבען געוואלט נעמען בנימין׳ען קיין מצרים, האט יעקב אויסגעשריגען: עלי היו כלנה (בראשית מב—לו) — אלע צרות וואס זענען מרומז אינ׳ם ווארט „עלי" וואס מיין מוטער האט מיר געזאגט, זענען דאך שוין אלע אויף מיר געקומען און פון בנימינ׳ען קומט מיר נישט צו האבען קיין צער, טא פארוואס ווילט איהר מיר אויך צונעמען בנימינ׳ען?..

(הגר״א ז״ל מווילנא)

פארוואס האט טאקי רבקה אידהם געהייסען זיך איינשטעלען און פארשטעלען זיך פאר יצחק׳ן? יעקב האט דאך ריכטיג געפרעגט: אולי ימושני אבי והבאתי עלי קללה?
נור רבקה האט דא געוואלט מבטל זיין אלע כחות און אלע זכותים פון עשו׳ן. עשו׳ס זכות איז דאך בעשטאנען אין דעם וואס ער האט מקיים געוועזען כיבוד-אב, דעריבער האט מען נישט געוואלט יצחק׳ן מגלה זיין אז ער איז א רשע, כדי איהם נישט גורם צו זיין קיין צער, און ממילא האט יעקב נישט געקענט בעקומען די ברכות. האט רבקה יעצט געגעבען יעקב׳ן די עצה אז ער זאל אויך מקיים זיין כיבוד-אם מיט מסירת-נפש, וועט דאס אבשוואכען עשו׳ס כח.
דאס האט זי געזאגט: עלי קללתך בני — אפילו ווען איבער מיר דערווארטען דיך חלילה קללות, דאך — שמע בקולי ולך קח לי — זיי מקיים וואס איך הייס דיך מיט מסירת-נפש, וועסטו דערמיט מנצח זיין עשו׳ן און קענען ראוי ווערען צו נעמען די ברכות...

(חדושי הרי״ם ז״ל)

ותקח רבקה את בגדי עשו בנה הגדל.. ותלבש את יעקב בנה הקטן (כז—טו)

צוליב וואָס דערמאָהנט דאָ דער פסוק אַז עשו איז געווען „בנה הגדול" און יעקב איז געווען „בנה הקטן"?

נור דאָס איז געווען אַ פּרוב פון רבקה'ן כדי צו זעהען אויב איהר עצה וועט מצליח זיין. זי האָט גענומען די בגדים פון עשו'ן, וואָס ער איז אויסער זיין עלטער אויך פיזיש געווען גרעסער און העכער פון יעקב'ן, און זיי געפּרובט אָנטהון דעם קליינעם יעקב'ן, זעהען צי די בגדים וועלען איהם פּאַסען. לבסוף איז טאַקי אַזוי געווען: ותלבש את יעקב בנה הקטן — די בגדים האָבען איהם גע-קליידעט אַזוי ווי זיי וואָלטען געווע-זען זיינע אייגענע מלבושים, אַזוי ווי אויף זיין מאָס צוגעשניטען...

(יסוד התורה)

אנכי עשו בכרך עשיתי כאשר דברתי אלי (כז—יט)

די חז"ל טייטשען: אנכי — איך בין דער וואָס כ'בין, און — עשו בכרך — עשו איז דיין בכור.

ס'איז דאָך אָבער שווער דאָס וואָס ער האָט געזאָגט: עשיתי כאשר דברת אלי — צו איהם האָט דאָך יצחק גאָרנישט גערעדט?

נור יעקב האָט אַזוי געזאָגט: עשיתי — איך האָב אַלץ געטהוען פּונקטליך — כאשר דברת אלי — אַזוי ווי דו וואָלסט גערעדט צו מיר. כאָטש דו האָסט מיר נישט געזאָגט נור עשו'ן, האָב איך דאָך אַלץ גענוי ער-פילט, אַזוי ווי דו וואָלסט צו מיר געזאָגט...

(בשם האריז"ל)

דעריבער האָט יעקב געזאָגט: „א נ כ י עשו בכרך" און עשו האָט געזאָגט: „א נ י בנך בכרך עשו", ווייל „אנכי" האָט די זעלבע נקודות סיי אין נסמך און סיי אין נפרד. דאַגעגען „אני" איז אין נסמך קומט אַ חטף-פּתח אונטער דער „אלף" און בנפרד קומט אַ קמץ — אָני. ווען יעקב האָט אַלזאָ געוואָלט אָבטיילען דעם „איך" פון „עשו בכורך" — איך בין, ווער כ'בין און עשו איז דיין בכור, האָט ער געמוזט זאָגען „אנכי", נישט „אני", ווייל ער וואָלט דאָך דאַן געמוזט זאָ-גען: „אָני עשו בכרך" — וואָלט עס דאָך געווען אַ ליגענד, און „אָני" האָט ער נישט געקענט זאָגען, כדי יצחק זאָל זיך נישט כאַפּען אויף דער ענדערונג אַז ס'איז נישט עשו...

(שמן המור)

ויאמר הקל קול יעקב והידים ידי עשו (כז—כב)

בזמן שהקול קול יעקב נשמע בבתי כנסיות ובבתי מדרשות אין הידים ידי עשו שולטות בכם. (מדרש)

פרעגען די מפרשים, אין פסוק שטעהט דאך נישט „ואין הידים ידי עשו", נור „והידים ידי עשו" הייסט עס דאך אז אפילו ווען ס'איז „הקול קול יעקב" איז אויך „הידים ידי עשו"?

נור „הקל" שטעהט חסר אהן א „ויו", מאכט עס „הקל" — עס איז לייכט געווארען, און דער פשט איז: ווען ס'ווערט לייכטער און שוואך דער קול יעקב, ער איז חסר, דעמאלט זענען שולט די „ידים ידי עשו". דאן אבער ווען דער קול יעקב איז „מלא" און נישט אבגעשוואכט, דעמאלט איז „אין הידים ידי עשו"

(הג"רא מווילנא)

דער פשוטער פשט אין מדרש איז, ווען מיר זעהען אז יצחק שרייט אויס מיט פערוואונדערונג: הקול קול יעקב והידים ידי עשו — ווי אזוי קענען אט דיביידע זאכען צוזאמען? איז דאס דערפון א ראיה, אז די צווי זאכען זענען טאקי נישט מעגליך צו הארמאנירען צוזאמען. דאס זענען צווי קאנטראסטען: אויב ס'איז „הקול קול יעקב" קען נישט זיין „הידים ידי עשו"..

(אבני אזל)

ולא הכירו כי היו ידיו כידי עשו אחיו שערות ויברכהו (כז—כג)

עס שטעהט נישט מיט וואס ער האט איהם יעצט געבענשט. די ברכה שטעהט דאך ערשט שפעטער, טא וואס איז יעצט דער „ויברכהו"?

נור די חז"ל זאגען: החושד ארת חבירו במה שאין בו צדיק לברכו (ברכות ל"א) — ווען יצחק האט אלזא איהם חושד געווען אז ער נארט איהם און געפרובט איהם מיט פערשיעדענע פרובען, ביז ס'איז איהם קלאהר געווארען אז ער האט איהם בחנם חושד געווען, האט ער איהם פאר דעם חשד בעזונדער געבענשט, אויסער דער עצם ברכה, וועלכע ער האט ערשט שפעטער געזאגט.

(ספורני)

הפטרת תולדות (מלאכי א, ב)

ואמרתם במה אהבתנו הלא אח עשו ליעקב נאם ה׳ ואהב את יעקב ואת עשו שנאתי (א—ב. ג)

אפילו ווען יודען זענען אליין אין א שלעכטען מצב, אזוי אז מצד זייער אייגענטליכען מצב, דארף זיי השי״ת נישט ליב צו האבען, ווען אבער מען שטעלט זיי אקעגען עשו׳ן, זענען זיי, לגבי איהם, גרויסע צדיקים און זענען ראוי אז מען זאל זיי ליב האבען.

דאס זאגט דער נביא: ואמרתם במה אהבתנו — איהר וועט פרעגען: מיט וואס זאל אונז השי״ת ליב האבען, אז מיר זענען עס נישט ראוי צוליב אונזערע שלעכטע מעשים? וועט דשי״ת ענטפערען: הלא אח עשו ליעקב — ווען איך זעה די מעשים פונ׳ם צווייטען ברודער, פון עשו׳ן דעמאלט — ואהב את יעקב ואת עשו שנאתי — מוז איך אייך ליב האבען און עשו׳ן פיינד האבען. ווארום ווי שלעכט איהר זענט, איז אבער עשו פיל פיל ערגער, אזוי אז לגבי איהם, מוז איך אייך ליב האבען.

(אהבת יהונתן)

• • •

דאס איז אבער נישט קיין תכלית, אז די אהבה צו אונז זאל נור קומען מחמת די שנאה צו עשו׳ן. מיר דארפען זיך בעשטרעבען, אליין גוט צו זיין, אזוי אז מען זאל אונז נישט דארפען אקעגען שטעלען אנ׳ערגערען פון אונז.

דאס איז די כוונה פון דער תפלה וואס מיר בעטען (אין יה״ר רצון נאך תהלים): ולא יצטרכו עמך בית ישראל זה לזה ולא לעם אחר — יודען זאלען אזוי גוט זיין, אז זיי זאלען נישט אנקומען יעדער איינער דאס מען זאל איהם אקעגען שטעלען אנ׳ערגערען יוד, אדער מען זאל דארפען א קעגען שטעלען א פרעמד פאלק, אויסצוווייזען אז יענע זענען נאך ערגער.

(הה״ק מבארדיטשוב ז״ל)

פרשת ויצא

ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה (כח—י)

רש״י פרעגט צו וואָס דאַרף שטעהן „ויצא יעקב מבאר שבע״ וואָס איז דען די נפקא־מינה פון וואַנען ער איז אַרויסגעגאַנגען ?

נור ווען אַ מענש געהט פון איין אָרט צום צווייטען, איז פערהאַן טייל־מאָל אַז דער ציעל איז דאָס אַוועק־געהן פון ערשטען אָרט און טיילמאָל איז דער עיקר ציעל דאָס אהינקומען אין צווייטען אָרט. דאָ ביי יעקב׳ן, זענען זיך צוזאַמענגעקומען אָט דיביידע ציעלען. רבקה האָט איהם גע־הייסען ענטלויפען קיין חרן ווייל עשו וויל איהם הרג׳ענען, איז דאָך איהר כוונה געווען בעיקר אַז ער זאָל אַוועק פון באר־שבע. יצחק האָט אָבער אַוועק געשיקט יעקב׳ן, כדי ער זאָל נעמען אַ פרוי פון לבנ׳ס קינ־דער און נישט פון די בנות כנען. איז דאָך זיין כוונה געווען בעיקר דאָס קומען קיין חרן. ווען יעקב האָט געוואָלט מקיים זיין כבוד אַב ואם, האָט ער ממילא געהאַט פאַר זיך ביידע ציעלען, אי דאָס אַרויס־געהן פון באר־שבע, לויט דער מוטער׳ס כוונה, אי דאָס קומען קיין חרן, לויט׳ן פאָטער׳ס כוונה. דעריבער דערמאָהנט דער פסוק ביידע: די יציאה פון באר־שבע און די הליכה קיין חרן.

(בית הלוי)

מגיד שיציאת צדיק מן המקום עושה רושם... יצא משם פנה הודה פנה זיוה פנה הדרה (רש״י)

באמת דאַרף דאָך שטעהן „וירד יעקב מבאר שבע״, וואָרום אומעטום ווי עס רעדט זיך וועגען געהן אַרויס פון א״י קיין חוץ־לארץ, שטעהט דאָס

לשון „ירידה״, ווייל „ארץ ישראל גבהה מכל הארצות״ — פאַרוואָס דען שטעהט דאָ „ויצא״ ?

פערענטפערט דאָס רש״י : יצא משם פנה הודה פנה זיוה. פנה הדרה — אַז די קדושה פון ארץ ישראל איז מיטגעגאַנגען צוזאַמען מיט יעקב׳ן, אַזוי ווי רש״י ברענגט ווייטער (אין פסוק יז) דאָס דער הר־המוריה איז אַוועק געריסען געוואָרען פון זיין אָרט און געקומען דאָ אַהער קיין חרן, איז עס דאָך ממילא לגבי יעקב׳ן נישט געווען קיין ירידה. דאָס העכערקייט פון ארץ־ישראל וואָס איז נור אַ רוחניות׳דיגע צוליב איהר קדושה, איז דאָך מיטגעגאַנגען מיט יעקב׳ן קיין חוץ־לארץ, אַז ווי ער איז געוועזען, דאָרט איז געוועזען ארץ־ישראל, ממילא קען שוין שטעהן „ויצא״

(קדושת לוי)

יציאת צדיק מן המקום עושה רושם — אפילו ווען דער צדיק געהט אַוועק פונ׳ם אָרט ווי ער איז געווע־זען, און ס׳איז „פנה הודה זיוה והדרה״, בלייבט דאָך אַ רושם פון קדושה אויף דעם אָרט. עס דערקענט זיך שטענדיג אַז דאָ איז געוועזען אַ צדיק. דער עיקר רושם בלייבט בעת דעם אַרויסגעהן פונ׳ם צדיק, פונקט ווי דאָס ליכט פלאַקערט אויף פאַר׳ן אויסלעשען זיך, אַזוי ווי אליהו האָט געזאָגט צו אלישע׳ן וועלכער האָט פערלאַנגט : ויהי נא פי שנים ברוחך אלי — האָט אליהו איהם גע־ענטפערט : אם תראה אותי לקח מאתך יהי לך כן (מלכים ב׳—ב—י, יא) — אַז דער עיקר השפעה פונ׳ם צדיק וואָס ער לאָזט איבער, איז ביי זיין אַוועקגעהן, דאָס הייסט: יציאת צדיק עושה רושם...

(הה״ק רמ״מ מקאסוב זצ״ל)

פאַרוואָס שטעהט נישט אויך ביי אברהם אבינו דאָס לשון „ויצא״, כדי צו לערנען אַז „יציאת צדיק עושה רושם״ ?

ווייל יעקב איז געוועזען אין דער סביבה פון יצחק מיט רבקה׳ן, וועלכע האָבען געפיהלט דעם חסרון פון זיין אַוועקגעהן, האָט עס ביי זיי גע־מאַכט אַ רושם. ביי אברהמ׳ען אָבער האָט זיין געצעדינערישע סביבה גאָר־נישט געפיהלט דעם חסרון פון זיין אַוועקגעהן און עס האָט אויף זיי קיין רושם נישט געמאַכט...

(חתם סופר)

ויפגע במקום (כח–יא)

רבותינו פירשו פגיעה לשון תפלה
(רש״י)

שפעטער שטעהט אייגנטליך אַז יעקב האָט מתפלל געווען: אם יהיה אלהים עמדי ושמרני... ונתן לי לחם לאכל ובגד ללבש (פסוק כ׳) — טאָ וואָס איז יעצט געווען די תפלה?

נור איידער יעקב האָט געבעטען פאַר זיינע אייגענע געברויכען און פערזענליכע ענינים, האָט ער פריהער געבעטען אויפ׳ן כבוד פון השי״ת — וואָס ווערט אָנגערופען „מקום״ (אַזוי ווי: ברוך המקום) און אויפ׳ן בנין בית־המקדש וואָס דאַרף זיין אויף דעם אָרט. אַזוי האָבען אויך די חז״ל מתקן געווען פריהער די ברכה פון „מלכיות״, אויף כבוד ה׳ און דערנאָך ערשט „זכרונות״ אויף אייגענע געברויכען...

(תפארת שלמה)

• • •

דאָס איז אויך מרומז אין לשון פון דער משנה: אם מחשבת המקום קדמה למחשבת הזמן אינו חייב כרת ואם מחשבת הזמן קודמת למחשבת המקום פיגול וחייב כרת (זבחים כ״ט) — וואָרום באמת דאַרף אַ יוד אין זיין תפלה בעיקר אין זינען האָבען דעם כבוד השם און נישט די עולם־הזה׳דיגע צרכים פון דער צייט. נור איז כאָטש ביי דער תפלה, וואָס איז אנשטאָט אַ קרבן, פריהער די „מחשבת המקום״ — די מחשבה פאַר׳ן כבוד ה׳, וואָס הייסט „מקום״, און דערנאָך די „מחשבת הזמן״ — די מחשבה פאַר צייט־ענינים, איז ער כאָטש נישט מחויב דערויף, ווייל אַפילו די עניני הזמן, זענען דאָך אויך בהכרח נויטיג פאַר׳ן מענש. ווען אָבער די „מחשבת הזמן״ איז גאָר פריהער פאַר דער „מחשבת־המקום״ — דער עיקר פערנעמט אין זיין תפלה־קרבן אַנ׳אָרט די אייגענע צייטליכע צרכים — דאַן איז די תפלה פיגול און מען איז אויף איהר חייב אַנ׳עונש.

(שם)

———

לכמדך שקפצה לו הא״ק (רש״י)

יעקב אבינו האָט געהאַט „קפיצת הארץ״ בעת ער איז געגאַנגען נעמען אַ פרוי. אויך אליעזר בעת ער איז געגאַנגען נעמען אַ פרוי פאַר יצחק׳ן,

האָט ער געהאַט קפיצת־הדרך.

דאָס איז אַ רמז אויף לדורות. אַז יודען אין גלות, ווען אַפילו זיי וועלען נישט האָבען גרייט בדרך הטבע אַ נדן און אַ פרנסה דערנאָך, זאָלען זיי נישט וואַרטען מיט׳ן חתונה מאַכען זייערע קינדער, נור זיי זאָלען אָפּ־טהוען און זיך פערלאָזען אויף דער הילף פון השי״ת אַפילו בדרך נס. די ערד וועט זיי אַקעגען שפרינגען, אַז זיי וועלען קענען אויספיהרען...

(בכורי אביב)

כי בא השמש (כח—יא)

מלמד ששקעה לו חמה פתאם שלא בעונתה (רש״י)

דער מדרש זאָגט אַז מען האָט יעקב׳ן דאָ געוויזען דעם חורבן בית־המקדש. דעריבער שטעהט „ויפגע במקום״, וואָרום פריהער איז דאָס אָרט געוועזען אַ גלייכער פלאַץ, נור אברהם האָט געבעטען עס זאָל ווערען אַ באַרג—אשר יאמר היום בהר ה׳ יראה— יעקב האָט עס ווידער געזעהען אַלס „מקום״ אַ גלייך אָרט, אַזוי ווי נאָכ׳ן חורבן, וואָס עס איז חרוב געוואָרען ביז׳ן יסוד — ערו ערו עד היסוד בה.

די חז״ל זאָגען דאָך אַז השי״ת האָט מקדים געווען דעם חורבן צוויי יאָהר פאַר דער צייט וואס איז מרומז אין וואָרט „ונושנתם״ כדי עס זאָל נישט דאַרפען מקויים ווערען דער „ואבדתם מהרה״ (רש״י ואתחנן) — איז דאָס די כוונה: ששקעה לו חמה שלא בעונתה — ער האט געזעהען דעם אונטערגאַנג פון דער יודישער זון נישט אין דער צייט...

(תורת משה)

והנה סלם מצב ארצה וראשו מגיע השמימה (כח—יב)

אויב דער מענש האַלט זיך נידריג, ער איז „מצב ארצה״ דאַן איז „וראשו מגיע השמימה״ — איז ער באמת גרויס אין הימעל. אַזוי ווי דער זהר הקדוש זאָגט: „מאן דהוא זעיר איהו רב״, און ער איז זוכה אַז ס׳זאָל זיין — והנה ד׳ נצב עליו — די שכינה זאָל אויף איהם רוהען אַזוי ווי דער פסוק זאָגט: „אשכון את דכא״.

(אורח לחיים)

* * *

„סולם״ בעטרעפט דאָס זעלבע וואָס „ממון״, געלד איז באמת גאָר אַ ניד־ריגע זאַך, ס׳איז „מוצב ארצה״, דאָך איז עס „וראשו מגיע השמימה — מען

קען מיט געלד אויפטהוען גאר גרויסע זאכען, וואס זאלען דערגרייכען ביז צום הימעל – גמילות חסד און צדקה...

(אור צדיקים)

• • •

דעריבער זאגען די חז"ל אז „צדיקים חביב עליהם ממונם יותר מגופם" (סוטה י"ב) – ווייל זיי ווייסען אז מיט געלד קען מען אויפטהוען אזוי פיל גוטע זאכען, וואס מיט'ן גוף קען מען זיי נישט טהוען...

(שמעתי)

דער מענש איז אזוי ווי א לייטער, וואס כאטש ער שטעהט מיט די פיס אויף דער ערד, און מוז זיך בעשעפטיגען מיט ערדישע גשמיות'דיגע ענינים, דאך איז „וראשו מגיע השמימה" – אויב ער טהוט זיינע מעשים לשם שמים, גרייכט עס ביז צו די העכסטע הימלען. זיינע מעשים דא אויף דער ערד, בעוועגען דער הימלישער הנהגה און דעצידירען צי די השפעה זאל זיין א גוטע אדער חלילה א שלעכטע. „והנה מלאכי אלהים עולים ויורדים בו" – אפילו די מלאכים זענען אבהענגיג אין איהם. אויב ער איז אן עובד-השם ווערען די מלאכים דורך איהם נתעלה, און אויב פערקעהרט חלילה, בעקומען זיי א ירידה דורך איהם – דער מענש איז דער מושל אין דער גאנצער בריאה און בעווירקט די הנהגה אין הימעל לגבי דער וועלט.

(ספרים)

• • •

און אזוי האט געטייטשט דער בעש"ט ז"ל: ד' צלך – השי"ת איז לגבי דיר, פונקט ווי דיין שאטען, אזוי ווי דער שאטען טהוט נאך דאס זעלבע וואס דו טהוסט, אזוי פיהרט מען זיך אין הימעל לגבי דיר, לויט דיינע פעולות אויף דער ערד. ס'איז „מצב ארצה" – דאך – וראשו מגיע השמימה...

הארץ אשר אתה שכב עליה לך אתננה (כח—יג)

דער קאזשניצער מגיד ז"ל האט געטייטשט: הארץ אשר אתה שוכב עליה – דאס לאנד וואס דו האסט זיך „פערלייגט" דערויף – לך אתננה

– וועל איך דיר געבען. ווייל דו האָסט זיך אַזוי שטאַרק פערלייגט, עס צו בעקומען, וועסטו עס בעקומען.

(חשבה לטובה)

ויקץ יעקב... אכן יש ד׳ במקום הזה ואנכי לא ידעתי (כח—טז)

אכן יש ד׳ במקום הזה – אויב ס׳איז פערהאַן השראת-השכינה אויף דעם אָרט, איך האָב די קדושה אַראָבגעצויגען אויף דער וועלט, איז עס נור, ווייל – ואנכי לא ידעתי – איך האָב פון מיר אַליין גאָרנישט געוואוסט, איך האָב גאָרנישט געמיינט זיך, מיין אנכיות, נור בלויז לכבוד ד׳.

דער וואָס מיינט נישט זיך, קען אַראָבציהען אַ שפע פון קדושה אויף דער וועלט.

(תפארת שלמה)

אין מדרש ווערט געזאָגט אַז דאָס אַוועקגעהן פון יעקב אבינו פון זיין היים אין דער פרעמדער אַריין, איז געווען אַ רמז אויפ׳ן שפּעטערדיגען גלות פון די יודען. מען האָט איהם דעריבער געוויזען אַז אפילו אין גלות וועט מיט די יודען מיטגעהן די קדושה פון בית-המקדש, וועלכע וועט נתפשט ווערען אין די שוהלען און בתי-מדרשים, פונקט ווי יעצט איז דער הר-המוריה נעקר געוואָרען פון זיין אָרט און געקומען צו יעקב׳ן קיין חוץ לארץ.

דאָס האָט יעקב געזאָגט: אכן יש ד׳ במקום הזה – איך זעה יעצט, אַז אפילו „במקום הזה״ – דאָ אין גלות, וועט אויך די שכינה זיין מיט די יודען און דאָס האָב איך נישט געוואוסט – ואנכי לא ידעתי...

(מלא העומר)

ביי פרעה׳ן שטעהט: וייקץ פרעה ויישן. ויחלום שנית (בראשית מא–ד.ה)

דאָס איז דער חילוק צווישען יעקב׳ן און פרעה׳ן. יעקב אַז ער וועקט זיך אויף פון שלאָף, כאַפּט ער זיך באַלד אויף צו תורה ועבודה און זאָגט: „אכן יש ד׳ במקום הזה״. פרעה אָבער אַז ער וועקט זיך אויף פון שלאָף, איז – ויישן שנית – לעגט ער זיך צוריק שלאָפען...

(הה״ק מהר״ם מפרעמישלאַן ז״ל)

כאַטש דורך דעם שלאָפען האָט דאָך יעקב זוכה געווען צו אַזוי פיל רוח הקודש און נבואה, דאָך האָט ער צו זיך אַ טענה פאַרוואָס ער האָט זיך געלייגט שלאָפען אויף אַן אָרט, וואו ס'איז נישט קיין דרך-ארץ דאָרט צו שלאָפען.

שאם ידעתי לא ישנתי במקום קדוש כזה. (רש"י)

ווייזט אויס, אַז אפילו צו בעקומען די גרעסטע מדריגות, דאַרף מען נישט ברעכען קיין דרך-ארץ...

(הה"צ ר' נטע צבי פינקעל ז"ל)

אַ מענש וואַנדערט אין דער פרעמד, האָט נישט קיין אָרט צו רוהען, זיין בקשה איז צו בעקומען אַ הבטחה אויף „לחם לאכול ובגד ללבוש" און אָט קומט השי"ת און זאָגט איהם אין חלום: „הנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך... כי לא אעזבך"—האָט דאָך די ערשטע מחשבה זיינע ביים אויפקומען געדאַרפען זיין, פרייד פון אָט דעם שלאָף און דאַנקען פאַר דער הבטחה. ביי יעקב'ן איז אָבער נישט אַזוי. די ערשטע מחשבה ביים אויפקומען איז אַ טענה צו זיך, פאַרוואָס ער איז געשלאָפען במקום קדוש...

(הרה"צ מהרי"י הורביץ זצ"ל)

מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלהים וזה שער השמים (כח-יז)

די חז"ל זאָגען: חבל על דלית ליה דרתא ותרעא לדרתא עביד (שבת לא) — וועה איז צו דעם וואָס האָט נישט קיין וואוינונג און מאַכט זיך אַ טויער צו דער וואוינונג. דאָס הייסט ער לערענט תורה און האָט נישט קיין יראת-שמים.

זעהט מען דאָך אַז תורה הייסט „שער" — אַ טויער און יראת-שמים הייסט „בירת" — אַ וואוינונג.

יעקב האָט דאָך געלערנט תורה פירצעהן יאָהר אין בית-המדרש פון שם ועבר. יעצט איז ער דאָ אַהער געקומען און בעקומען יראת-שמים — מה נורא המקום הזה.

האָט ער דעריבער געזאָגט: אין זה כי אם בית אלהים — אָט דאָ, וואו כ'האָב בעקומען יראת-שמים, אין

עס דאָס „בית", די וואוינונג — ווזה — און דאָס וואָס כ'האָב געלערענט תורה ביז יעצט — שער השמים — דאָס איז נור אַ טויער צום הימעל, אַ תרעא לדרתא...

(בשם הבעש"ט זלה"ה)

אם יהיה אלהים עמדי (כח-כ)

פאַרוואָס שטעהט דאָ דער שם „אלהים" וואָס איז מדת-הדין? ווייל יעקב אבינו האָט געבעטען, דאָס ער זאָל זוכה זיין צו אַזאַ מדרגה אין צדקות, אַז זיין פרנסה זאָל איהם קומען בדין, נישט אַלס צדקה. אַזוי ווי די חז"ל זאָגען: שמע אלי אבירי, לב הרחוקים מצדקה — אולה הצדיקים שכל העולם ניזון בצדקה והם ניזונין בזרוע (ברכות ז).

(צורח לחיים)

ונתן לי לחם לאכל ובגד ללבש (כח—כ)

געוויס איז ברויט צום עסען און אַ קלייד אָנצוטהוען? נור יעקב אבינו האָט געבעטען, אַז ער זאָל זיין געזונד און האָבען הרחבת-הדעת, כדי ער זאָל קענען עסען דאָס ברויט וואָס ער וועט האָבען — וואָרום ס'איז פיל מאָהל פּערהאַן אַז מען האָט צו עסען און מען קען עס נישט עסען. דאַן האָט ער געבעטען אַז די בגדים וואָס ער וועט האָבען זאָל ער קענען אָנקליידען און נישט דאַרפען זיי פערמשכונ'ען, אָדער נישט קענען אָנטהוען צוליב צרורת און קאָפּ-דרעהעניש...

(הה"ק מהרש"ל מלענטשנא ז"ל)

ונתן „לי" לחם לאכל ובגד ללבוש — גיב מיר פרנסה אויף אַזאַ אופן וואָס איז צוגעפּאַסט צו מיר, נישט בדרך בזיון, וואָס ס'פּאַסט נישט פאַר מיר...

(הה"ק מהרמ"ל מסאַסוב ז"ל)

ושבתי בשלום אל בית אבי (כח—כא)

שלם מן החטא (רש"י)

פאַרוואָס נישט פשוט, ער זאָל בשלום אַהיים קומען? נור אויב אַזוי האָט דאָך געדאַרפען שטעהן: „והשיבני בשלום" פונקט ווי

ער האָט פריהער געזאָגט „ושמרני", „ונתן לי" – מוז דאך זיין אַז דאס איז נישט קיין תפלה, השי"ת זאל איהם צוריק פיהרען בשלום, נור מען מיינט „שלום מן החטא" און דאס ווענדעט זיך דאך שוין אין מענש אַליין – הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים – דעריבער שטעהט „ושבתי" – איך אַליין וועל זיך בעמיהען צוריק צו קומען אהן אַ חטא...

(ויכתוב משה)

וכל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך (כח–כב)

דאס וואס כ'וועל מעשר'ן און אוועקגעבען אויף צדקה, דאס בלייבט מיינ'ס באמת און אַז דאס איז עס, וואס דו האסט מ י ר געגעבען. אַנדערע געלדער, זענען נישט מיינ'ס און בלייבען נישט מיינ'ס...

(קומץ המנחה)

עשר אעשרנו – צוויי מאהל מעשר, צוויי צעהנטעל איז אַ פינפטעל. כונדאנען איז אַ רמז צו די תקנה פון די חז"ל אַז „כל המבזבז אַל יבזבז יותר מחומש" – די העכסטע מאס פון צדקה איז אַ פינפטעל פון פערמעגען.

(שמעתי)

* * *

דער בעטרעף פון „עשר אעשרנו" איז טאקי דער זעלבער בעטרעף ווי פון די ווערטער „ווה כל המבזבז אַל יבזבז יותר מחומש".

(בעל הטורים)

ויאמר הן עוד היום גדול לא עת האסף המקנה (כט–ז)

ווייל דער נעכטיגער טאָג איז דאָך פערקירצט געוואָרען מיט צוויי שעה צוליב יעקב'ן – ששקעה לו חמה שלא בעונתה – האָט יעקב געקלערט אַז זיי נעמען אָן, דאָס ס'איז פאַרגעקומען אַנ'ענדערונג אין די סדרי בראשית און די טעג וועלען שוין כסדר זיין קלענער, ממילא איז שוין די צייט פון אהיימטרייבען די שאָף – דעריבער זאָגט זיי יעקב: הן עוד היום גדול – נעכטען איז נור געוועזען אַ צופאַל, אַנ'איינמאָליג געשעהעניש, אָבער היינט וועט נאָך דער טאָג זיין גענוג גרויס...

(מלא העומר)

לא עת האסף המקנה השקו הצאן ולכו רעו (כט—ז)

דער רבי ר׳ מאיר׳ל פרעמישלאנער וי׳ל פלעגט זאגען: רבונו של עולם! אויב חלילה — לא עת האסף המקנה— ס׳איז נאך נישט געקומען די צייט איינצוזאמלען די יודען פון גלות, בעט איך דיך אז גל כל פנים — השקו הצאן ולכו רעו — גיב זיי כאטש כרנסה בריוח, זיי זאלען האבען צו עסען און צו טרינקען ביז מיר וועלען זוכה זיין צו דער גאולה שלמה.

ויגש יעקב ויגל את האבן מעל פי הבאר (כט—י)

מי׳ט׳ן כח פון יעקב׳ן, וואס הייסט „אמת" — תתן אמת ליעקב — קען מען אראבנעמען אלע שווערסטע שטיינער וואס פערדעקען דעם באר׳ מים-חיים, קען מען אוועקנעמען אלע פערשטעלעכצער און הסתרים...

(ספה"ק)

וישק יעקב לרחל וישא את קלו ויבך (כט—יא)

וואס האט ער געוויינט?

ער האט געוויינט דערויף וואס די וועלט וועט עס אננעמען אלס א פראסטע זאך, בעת ביי איהם איז דער „וישק" געוועזן א הויכער, הימעל-דיגער ענין...

(שמעתי)

ויאמר אעבדך שבע שנים ברחל (כט—יח)

הם ימים אחדים שאמרה לו אמו

(רש"י)

אין מדרש שטעהט אז שבת האט געזאגט פאר השי"ת: אלע טעג האבען א בן-זוג (און זעקס טעג זענען פערהאן דריי זוגות) נור מיר האסטו נישט געגעבען קיין בן-זוג? האט השי"ת געענטפערט: די כנסת-ישראל וועט זיין דיין בן-זוג.

זעהט מען דאך דערפון אז די שבת׳דיגע טעג הייסען „אחדים" — פעראיינצעלטע טעג וואס האבען נישט קיין בן זוג.

מיר געפונען אויך אין פסוק אז „ימים" איז דער טייטש: א יאהר — ימים תהיה גאולתו.

אז יעקב האט גערעכנט ביי לבנ׳ען זיבען יאהר, זענען דאך אין דער צייט פערהאן אזוי פיל שבתים וויפיל טעג ס׳זענען פערהאן אין א יאהר.

דאָס האָט רבקה אַלוין געמיינט ווען זי האָט געזאָגט: וישבת עמו ימים אחדים — דו זאָלסט ביי איהם זיצען אַ יאָהר אחדים'דיגע טעג — שבתים — וואָס דאָס הייסט ממילא זיבען געוועהנליכע יאָהר...

(החוזה מלובלין ז"ל)

ויהיו בעיניו כימים אחדים באהבתו אתה (כט—כ)

אייגענטליך האָט דאָך געדאַרפען זיין פערקעהרט, אַז אַ טאָג זאָל אויסזעהען ווי אַ יאָהר צוליב דער אהבה?

נור ביי אַזאַ אהבה, וואָס מען מיינט זיך דערמיט, מען מיינט די גשמיות'דיגע הנאה, דאַרט וויל מען אַז די צייט זאָל וואָס פריהער ענטלויפען און יעדער טאָג איז ווי אַ יאָהר. דאָ איז אָבער די אהבה געווען אַ רוחניות'דיגע אָהן שום אייגעננוציגקייט, ביי אַזאַ אהבה איז נישט קיין אונטערשיד צי די זאַך איז נאָהנט צי ווייט. די דאָזיגע גייסטיגע אהבה איז יעצט שוין געוועזען, דעריבער איז פערקעהרט, זיבען יאָהר זענען כימים אחדים...

(הרה"ק מאפטא ז"ל)

באהבתו אותה — מיינט מען די עבודה, די אַרבייט איז ביי איהם אַזוי ליב געוועזען, אַז די זיבען יאָהר זענען געוועזען „כימים אחדים"...

(שמעתי)

הבה את אשתי... ואבואה אליה (כט—כא)

והלא קל שבקלים אינו אומר כן אלא להוליד תולדות אמר כך (רש"י)

יעקב אבינו איז געוועזען אַזוי אויסגעטהוען פון גשמיות'דיגע ענינים, אַזוי אויסגעאיידעלט פון מענשליכע תאוות, אַז ער האָט נישט געקענט האָבען קיין קינדער ביז ער האָט זיך נישט פריהער אַראָבגעלאָזט און געמוזט רעדען אַזעלכע פראָסטע לשונות וואָס זאָלען ביי איהם אויפוועקען די גשמיות'דיגע מענשליכע כחות...

(בשם הרר"ב ז"ל מפשיסחא)

לא יעשה כן במקמנו לתת הצעירה לפני הבכירה (כט—כו)

לבן האט זיך דא מכוין געווען צו געבען יעקב'ן אנצוגעהערען ברמז די עולה וואס ער האט געטהוען, צונעמענדיג די ברכות פון עשו'ן, כאטש עשו איז געווען עלטער. דע- ריבער האט ער געזאגט: לא יעשה כן במקומנו — ביי אונז פירט מען זיך נישט אזוי צו געבען די יונגערע פאר די עלטערע. אפשר ביי אייך, אין אייער ארט, נעמט זיך דער יונגערער דאס וואס עס קומט דעם עלטערען, ביי אונז איז עס נישט אזוי...

(בית חלוי)

יעקב איז געווען זיבען יאהר אויף דעם ארט און אלץ נישט גע- וואוסט זייערע מנהגים. אזעלכער איז שוין יעקב. וואוינט צוזאמען מיט די לבנ'ס, אבער ער לעבט זיך זיין בע- זונדער לעבען און זייערע מנהגים אינטערעסירען איהם לגמרי נישט...

(שמעתי)

ויאהב גם את רחל מלאה (כט—ל)

אויפ'ן פסוק „ויזכור אלהים את רחל" (ל—כב) זאגט רש"י: „זכר לה שמסרה סימניה לאחותה ושהיתה מצירה שלא תעלה בגורלו של עשו" — וואו"ם באמת האבען דאך מענשען געזאגט, אז די צוויי רבקה'ס זוהן וועלען נעמען ביידע לבנ'ס טעכטער און לכתחילה האט לאה געוויינט ווייל זי האט גערעכענט אז אלס עלטערע וועט זי פאלען אין עשו'ס גורל (כט—יז ברש"י), יעצט אלזא ווען רחל האט געזעהען אז יעקב געהט נעמען לאה'ן האט זיך דאך געדארפען מורא האבען אז זי וועט אריינפאלען צו עשו'ן (זי האט דאך דאן נישט גע- וואוסט אז יעקב וועט וועלען ארביי- קען נאך זיבען יאהר כדי איהר אויך צו נעמען) און דאך האט זי זיך מפקיר געווען אין גאנצען, אפילו איהר עולם-הבא, און איבערגעגעבען לאה'ן די סימנים כדי זי זאל נישט פערשעמט ווערען — אט דאס האט איהר השי"ת געדענקט — שמסרה סימניה לאחותה — טראץ דעם וואס — שהיתה מצירה שלא תפול בגורלו של עשו — וואס דורכ'ן צוהעלפען לאה'ן צו ווערען יעקב'ס פרוי, האט זי ממילא פערגרעסערט די שאנסען אז זי זאל צופאלען עשו'ן.

ווען יעקב האט דערזעהען איהר געוואלדיג צדקות און מסירת-נפש, צו קענען זיך אינגאנצען מפקיר זיין, כדי נישט מבייש צו זיין דער שוועסטער, האט ער איהר פאר דעם ערשט נאכ-

מעהר ליב בעקומען.

דאָס איז דער טייטש: ויאהב גם את רחל מלאה — פון דער מעשה וואָס זי האָט געטהוען מיט לאה'ן, האָט זיך זיין אהבה צו רחל'ען נאָכ־מעהר פערגרעסערט... (די „מם" פונ'ם וואָרט „מלאה" איז אַלזאָ נישט קיין מם־היתרון נור אַ „מם־שממנו)

(קדושת לוי)

וירא ד' כי שנואה לאה ויפתח את רחמה (כט—לא)

נישט דער פשט איז אַז יעקב האָט איהר חלילה פיינט געהאַט, נור זי איז ביי זיך אַליין געוועזען פערפיינדעט. אַזוי ווי דער שטייגער איז פונ'ם אמת'ן צדיק, דאָס ער זעהט שטענדיג ביי זיך חסרונות און האָט זיך אַליין פיינט...

(קול שמחה)

לאה האָט דאָך פיל געוויינט און זיך געמאַכט טריבע אויגען, ווייל זי האָט מורא געהאַט אַז זי זאָל צופאַלען צו עשו'ן, האָט זי בכוונה אַ סאַך גע־וויינט כדי זי זאָל מיאוס אויסזעהען און עשו זאָל איהר נישט וועלען נעמען.

דעריבער אויף „ועיני לאה רכות" מאַכט דער תרגום: ועיני לאה יאין (כט—יז) — דאָס וואָס די אויגען זענען געוואָרען טריב, דאָס איז גע־וועזען זייער שעהנקייט. וואָרום דאָס טריבקייט איז דאָך געקומען פון יראת שמים כדי עשו זאָל איהר נישט נע־מען, איז דאָס טאַקי די גרעסטע שעהנקייט. — שקר החן והבל היופי אשה יראת ד' היא תתהלל.

איז דאס דער פשט: וירא ד' כי שנואה לאה — השי"ת האָט געזעהען ווי לאה טהוט אַלע פעולות כדי צו זיין פערפיינדעט, כדי נישט צו גע־פעלען עשו'ן, דעריבער — ויפתח את רחמה — האָט זי זוכה געוועזען צו געבוירען די שבטים.

ממילא איז פערשטענדליך וואָס לאה האָט אַליין געזאָגט: כי שמע ד' כי שנואה אנכי (פסוק לג) — איי־גענטליך, וועלכע פרוי ריהמט זיך דאָס מיט דעם וואָס מען האָט איהר פיינט? נור זי האָט דאָס מפרסם געווען כדי אַנדערע יודישע טעכטער זאָלען זיך אַרויסלערנען דערפון, אַז מען דאַרף זיך מוסר־נפש זיין, זיך מיאוס מאַכען, און זיך פערפיינדען, כדי נישט אַריינ־צופאַלען צו אַ שלעכטען מאַן...

(הה"ק מהר"מ מפרעמישלאַן ז"ל)

ותקרא שמו ראובן... כי ראה ד׳ בעניי (כט—לב)

רבותינו פירשו: אמרה ראו מה בין בני לבן חמי שמכר הבכורה ליעקב וזה לא מכרה. (רש״י)

אייגענטליך זאָגט דאָך דער פסוק אליין אַ טעם אויפ׳ן נאָמען ראובן — כי ראה ד׳ בעניי — טאָ וועלכעס צחאונגט עס די רבותינו צו זאָגען אַנ׳אַנדערען טייטש, „ראו מה בין בני״?

נור לויט די חוקי־הלשון, קומט צו שרייבען די סבה פאַר׳ן מסובב, פריהער דאַרף זיין דעם מאָטיוו און דערנאָך דער נאָמען אַלס רעזולטאַט, אזוי ווי עס שטעהט ביי די אַנדערע קינדער: כי שמע ד׳ כי שנואה אנכי — ותקרא שמו שמעון; עתה הפעם ילוה אישי אלי — על כן קרא שמו לוי; הפעם אודה את ד׳ — על כן קראה שמו יהודה — פאַרוואָס ביי ראובנ׳ען שטעהט פריהער: ותקרא שמו ראובן — און דערנאָך ערשט דער מאָטיוו: כי ראה ד׳ בעניי? — דערפון לערנען אַלזאָ די חז״ל, אַז אויסער דעם מאָטיוו וואָס שטעהט אין פסוק, איז געוועזען נאָך אַ מאָטיוו צום נאָמען ראובן און דאָס איז: ראו מה בין בני לבן חמי...

(הגר״א ז״ל מווילנא)

עתה הפעם ילוה אישי אלי כי ילדתי לו שלשה בנים (כט—לד)

אַ מערקווירדיגער טייטש געפונט זיך אויף דעם פסוק אין ספר חזקוני.

ווען אַ פרוי — זאָגט דער חזקוני — האָט איין קינד - טראָגט זי עס אויף דער האַנד. האָט זי צוויי קינ־דער — טראָגט זי איינס אויף דער רעכטער האַנד און דאָס צווייטע אויף דער לינקער האַנד. ווען אָבער זי האָט שוין דריי קינדער, קען זי זיך שוין אַליין נישט קיין עצה געבען, און דער מאַן מוז איהר צו העלפען.

דאָס איז דער פשט: עתה הפעם ילוה אישי אלי — מיין מאַן וועט שוין יעצט מוזען מיר צוהעלפען — כי ילדתי לו שלשה בנים — און מיט דריי וועל איך מיר אַליין נישט קע־נען קיין עצה געבען...

הפעם אודה את ד׳... ותעמוד מלדת (כט-לה)

די חז״ל זאָגען אַז ווען אַ מענש גיט אָב אַ דאַנק פאַר׳ן עבר דאַרף ער

באַלד בעטען אויף להבא – נותן הודאה על שעבר וצועק על העתיד (ברכות נד).

ווען אַלוּאַ לאה האָט נור געגעבען אַ הודאה אויפ'ן עבר און נישט גלייכצייטיג געבעטען אויף ווייטער איז דעריבער געוועזען – ותעמוד מלדת...

(בשם הרבי מלובלין זלה"ה)

מיום שברא הקב"ה את העולם לא היה אדם שהודה להקב"ה עד שבאה לאה (ברכות ז')

דאָס איז דאָך אַ פלא, די אבות האָבען דאָך מתקן געוועזען די תפלות, האָבען זיי דען נישט געלויבט צו השי"ת?

נור דאָס לשון „הודאה" איז דער טייטש: אָנערקענען, מודה זיין און דאָס בעציהט זיך נור בעת דער מענש האָט פריהער געמיינט אַז יענער איז אומגערעכט און שפעטער איז ער מודה און אָנערקענט יענעמ'ס גערעכטיגקייט.

לאה האָט פריהער געזעהען ביי זיך שלעכטס, אַז זי איז אַ שנואה און שפעטער האָט זי גאָר געזעהען אַז פון דעם שלעכטס איז אַרויסגעקומען גוטס, אַז דורך דעם וואָס זי איז געוועזען אַ שנואה, האָט זי זוכה געוועזען דאָס דער רוב פון די שבטים זענען פון איהר אַרויסגעקומען, האָט זי געזאָגט: הפעם אודה את ד' – זי האָט מודה געוועזען און אָנערקענט אַז די געמיינטע רעה איז גאָר געוועזען אַ טובה.

אַזאַ פאַל איז טאַקי ביז לאה'ן נאָך נישט געוועזען. די אבות האָבען טאַקי געלויבט צו השי"ת אין זייערע תפלות אָבער אַ פאַל פון „הודאה" איז נאָך ביז יעצט נישט געוועזען...

(טיב גיטין)

ותקנא רחל באחתה ותאמר אל יעקב הבה לי בנים.. ויחר אף יעקב ברחל (ל-א, ב)

ווי רחל האָט געזעהען אַז ווייל לאה איז פערפיינדעט, האָט זי קינדער, האָט זי זיך מקנא געוועזען אין דעם וואָס לאה איז אַ שנואה און האָט גערעדט אַזעלכע ווערטער, וואָס זאָלען יעקב'ן דערבייזערען, ממילא וועט זי דאָך אויך ווערען אַ שנואה און וועט אויך זוכה זיין צו קינדער.

און זי האָט איהר ציעל דערגרייכט – ויחר אף יעקב ברחל... (קול שמחה)

ויהי כאשר ילדה רחל את יוסף ויאמר יעקב אל לבן שלחני ואלכה (ל—כה)

משנולד שטנו של עשו (רש"י)

בידוע שאין עשו נופל אלא בידי בניה של רחל (מדרש רבה)

עשו פאָדערט דאָך נקמה ווייל זיין ברודער יעקב האָט איהם אָבגענאַרט. דעם בעסטען ענטפער וועט איהם קענען געבען יוסף: מיר האָבען די ברודער פיל מעהר געטהוען, זיי האָבען מיך פערקויפט און דאָך האָב איך זיך נישט נוקם געווען אין זיי, נור אָבגעדינט מיט גוטס — דאַן וועט עשו מוזען פאַלען...

(שמעתי)

ויאמר נקבה שכרך... ויאמר מה אתן לך... ויאמר יעקב לא תתן לי מאומה... אעבור בכל צאנך (ל—כח, לא)

יעקב וויל נישט קיין אויסגעצעצטען שכר, קיין פעסטע פענסיע פון אַ מענש, ער וויל בעסער זיין ביי השי"ת אין דער האַנד, מיט זיין פערדינסט. אַמאָהל מעהר אַמאָהל וויניגער, אָבער וויסען אַז מען דארף בעטען דעם אויבערשטען...

(הה"צ מהרי"י הורביץ ז"ל)

ויצל אלהים את מקנה אביכם ויתן לי (לא-ט)

עס האָט דאָך געדאַרפען שטעהן „אביכן" אַ לשון-נקיבה (אַזוי ווי עס שטעהט פריהער „ואביכן התל בי")

נור אין מדרש שטעהט דאָך אַז פריהער האָט לבן נישט געהאַט קיין זיהן, און ער איז געבענטשט געוואָרען מיט זיהן און יעקב'ס זכות. קומט דאָך אויס, אַז ווען נישט יעקב, וואָלטען דאָך די טעכטער אַלץ גע'ירשנ'ט אַזוי ווי זכרים, איז דאָך נישט קיין יושר, אַז יעקב זאָל ליידען און שאַדען האָבען צוליב די ברכה וואָס ער האָט געברענגט.

דעריבער זאָגט ער: ויצל אלהים את מקנה אביכם — אָט דאָס וואָס איהר האָט געדאַרפען בעקומען פון פאָטערס פערמעגען אַזוי ווי זכרים — אָט דאָס האָט השי"ת מיר געגעבען, כדי איך זאָל נישט שאַדען האָבען צוליב מיין ברכה...

(ערבי עלי)

בעמ. זעה תוספות בבא בתרא קט"ו אַז דאַרט ווי אַ פרוי נעמט ירושה

אַזוי ווי אַ זכר, שרייבט וועגען איהר דער פסוק בלשון זכר. א. ז. פ.)

ויאמר אלי מלאך האלהים.. עתה קום צא מן הארץ הזאת ושוב אל ארץ מולדתך (לא—יג)

פריהער האָט יעקב זיי געגעבען צו פערשטעהן מיט מענשליכע טעמים אַז ער דאַרף אַוועקגעהן, וויל „אביכן התל בי והחליף את משכורתי״. ערשט צום סוף זאָגט ער זיי אַז ס׳איז אַ ציווי ד׳ — ווייל ער האָט געוואָלט זיי פערלייכטערען דעם נסיון, און פערגרעסערען די יראה. פריהער מסביר געוועזען מיט׳ן שכל און שפעטער אויסגעזאָגט אַז ס׳איז אַזוי דער רצון ד׳.

האָבען רחל און לאה אויך אַזוי געטהוען און זיך פערלייכטערט דעם נסיון. פריהער האָבען זיי געענטפערט: הלא נכריות נחשבנו לו כי מכרנו — ס׳איז גלייך אַזוי מיט׳ן שכל און צום סוף האָבען זיי געזאָגט : כל אשר אמר אליך אלהים עשה — פערגרע־סערט די יראה...

(הה״צ ר׳ שמחה זיסל מקעלים זצ״ל)

ויאכל גם אכל את כספנו (לא-טו)

דער שטייגער איז, אַז אויב אַן־עהרליכער מאַן, געזעהן איהם די געשעפטען נישט גוט און ער קען נישט אָבצאָהלען די פרעמדע געלדער וואָס ער האָט צו גענומען, געפונט ער זיך דאַן אין אַ געדרוקטע שטי־מונג און עס געהט איהם נישט איין דאָס עסען. דער נישט עהרליכער מאַן אָבער עסט מיט אַ גוטען אַפעטיט, כאָטש ער ווייסט אַז ער עסט יענעמ׳ס פערמעגען.

דאָס האָבען זיי געשריגען: ויאכל — ער עסט זיך גאַנץ נאָרמאַל, אין דער צייט וואָס — גם אכול את כספנו — ווען ער עסט אונזער געלד. עס שאַדט איהם גאָרנישט צום אַפע־טיט ווען ער עסט פרעמד פערמעגען.

(בכורי אביב)

ויגנב יעקב את לב לבן הארמי על בלי הגיד לו כי ברח הוא (לא—כ)

דערמיט האָט יעקב גע׳גנב׳ט לבנ׳ס הארץ, וואָס — על בלי — אויף יע־דען קלייניגקייט און פאַר אַ ליאַדע וואָס — הגיד לו כי בורח הוא — האָט איהם יעקב געדראָהט און גע־זאָגט אַז ער וועט אַנטלויפען. ווען

לבן האָט כסדר געהערט אַז יעקב דראָהט איהם מיט אַנטלויפען, האָט ער עס שוין נישט גענומען ערנסט און איהם נישט געהיטען.

(אלשיך)

השמר לך פן תדבר עם יעקב מטוב עד רע (לא-כד)

שמועס נישט מיט איהם קיין פאָליטיק. מאַך נישט דעם אָנשטעל צו רעדען גוטע רייד, וואָס אין זיי ליגט בעהאַלטען שלעכט׳ס...

(שמעתי)

למה נחבאת לברח ותגנב אתי ולא הגדת לי ואשלחך בשמחה ובשרים בתף ובכנור (לא-כז)

ווען יעקב איז געוועזען ביי לבנ׳ען, האָט ער זיך שטאַרק בעהאַלטען מיט ויינע דרכים, אַ גאַנצען טאָג געווען אין פעלד, ביינאַכט אהיים געקומען ווי אַ פּראָסטער מענש און גערעדט פּראָסטע דבורים—„הבה את אשתי" — אַזוי אַז לבן האָט געמיינט דאָס יעקב איז זיינסגלייכען. ווען אָבער לבן וואָלט געוואוסט פון יעקב׳ס צדקות, וואָלט ער איהם באַלד נישט געקענט סובל זיין און איהם משלח געוועזען.

דאָס האָט ער גע׳טענה׳ט: למה נחבאת לברוח — ווען דו ביזט גע־וועזען ביי מיר, האָסטו דיך אַזוי אויסבעהאַלטען און אַנטלאָפען פון מיר, אַז איך זאָל דיך נישט דערקע־נען — ולא הגדת לי — ווען דו וואָלסט מיר אויסגעזאָגט וואָס דו ביזט — ואשלחך בשירים — וואָלט איך דיך שוין לאַנג געהאַט משלח געוועזען...

(קדושת לוי)

ולא נטשתני לנשק... יש לאל ידי לעשות עמכם רע (לא-כח, כט)

אָט רעדט ער וועגען פאַראַדען — שמחה שירים תף וכנור; אָט רעדט ער וועגען קושען די קינדער — לנשק לבני ולבנותי—און אין מיטען דערין רופט ער זיך אַרויס אַז ער קען זיי שלעכטס טהוען — יש לאל ידי לעשות עמכם רע — צו רעדט אַזוי אַזאַ גוטער און געטרייער טאַטע? נור ביי אַ לבן איז דאָס נישט קיין סתירה. אָט מאַכט ער דיר פאַראַדען, אָט קושט ער דיך און באותו רגע איז ער גרייט דיר שלעכט׳ס צו טהוען...

(שמעתי)

עם אשר תמצא את אלהיך לא יחיה נגד אחינו הכר לך מה עמדי וקח לך (לא-לב)

יעקב טענה'ט: עם אשר תמצא את אלהיך — אפילו ווען דו וועסט שוין געפונען דיין גאט, וואס וועסטו האבען דערפון — לא יחיה — ער לעבט דאך סיי ווי נישט! טא וואס פאר א גאט איז דאס? — נגד אחינו הכר לך מה עמדי — דערקען דא בעסער פאר אלעמען וואס ביי מיר איז פערהאן, לערען דיך צו פער־שטעהן די אמונה אין אמת'ען לעבע־דיגען ג—ט, וואס ס'איז פערהאן ביי מיר אין הארצען — וקח לך — אט דאס נעם דיר! פון דעם וועסטו עפעס האבען!...

(בשם הה"ק מאיזבין ז"ל)

כי לא אוכל לקום מפניך כי דרך נשים לי (לא-לה)

רחל האט חלילה נישט געזאגט קיין ליגען. ווארום די משנה זאגט: עבודה־זרה מטמאה כנדה (שבת פ"ב) — ממילא, ווען זי זיצט אויף די תרפים, איז זי אין אזא מצב פון „דרך נשים לי" — פון טומאת נדה...

(הגר"א מווילנא ז"ל)

מה פשעי מה חטאתי כי דלקת אחרי (לא-לו)

אז די יאגסט זיך אזוי נאך מיר און ווילסט זיך דוקא מיט מיר חבר'ן, איז א סימן אז כ'האב עפעס געזינ־דיגט. ווארום ווען איך וואלט אינגאנ־צען ריין געוועזען, וואלסטו גארנישט געוואלט מיך האבען פאר א גוטען פריינד...

(מפי השמועה)

מה פשעי מה חטאתי — ווי גרויס איז מיין זינד — כי דלקת אחרי — ווען איך זעה ווי די לויפסט נאכזוכען דיין גאט — וויפיל זשע וואלט איך געדארפען לויפען און נאכיאגען ווען מען נעמט צו מיין געטליכקייט. אויב איך לויף נישט אזוי און יאג נישט אזוי, איז עס דאך א חטא פון מיר. פארוואס זאל איך מיך נישט יאגען צום אמת'ן גוטען מיט אזא אייפער און אזא ברען, ווי לבן יאגט זיך נאך זיינע נארישקייטען...

(ספרים)

הייתי ביום אכלני חרב וקרח בלילה (לא-מ)

בייטאג האט מיך פערברענט די היץ פון התלהבות פון תורה ומצוות, ממילא איז געווען — וקרח בלילה — בין איך ביינאכט געווען קאלט ווי אייז...

(אזוי ווי די חז״ל זאגען: אל יהרהר אדם ביום ויבוא לידי טומאה בלילה)

(בשם הה״ק אדמו״ר מקאצק ז״ל)

לולי אלהי אבי... היה לי כי עתה ריקם שלחתני את עניי ואת יגיע כפי ראה אלהים ויוכח אמש (לא-מב)

אייגענטליך האט דאך לבן אויך דאס זעלבע געזאגט: ואלהי אביכם אמש אמר אלי השמר לך מדבר עם יעקב מטוב ועד רע — טא וואס האט דא יעקב איהם אבגעשפארט?

נור תוספות אין מגילה זאגט א כלל אז ווען עס שטעהט „אלמלא״ מיט אנ׳„אלף״ צום סוף ווארט, איז עס טייטשט: „ווען נישט״ און ווען עס שטעהט „אלמלי״ מיט א „יוד״ צום סוף, איז עס טייטשט: „ווען יא״.

קען מען זאגען אז דאס זעלבע איז אויך מיט׳ן ווארט „לולא״, ווען עס שטעהט מיט אנ׳אלף צום סוף, איז עס דער טייטש: „ווען נישט״ און ווען עס שטעהט „לולי״ מיט א „יוד״ צום סוף, איז עס דער טייטש: „ווען יא״.

לבן האט בעיקר געוואלט יעקב׳ן ערנידערען, אז ער אליין איז בעצם גארנישט, ער האט נישט קיין אייגענע זכותים, נור דאס וואס מען היט איהם פון הימעל, איז עס צוליב די זכותים פון זיינע אבות — ואלהי אביכם אמש אמר אלי — אבער פאר איהם אליין האט ער גארנישט קיין מורא.

דערויף האט איהם יעקב געענט־פערט: לולי אלהי אבי אלהי אברהם ופחד יצחק היה לי — ווען ס׳וואלט בלויז געווען צוליב דעם זכות פון די אבות — כי עתה ריקם שלחתני — וואלסטו מיר אלץ צוגענומען און ס׳וואלט מיר גארנישט געהאלפען, נור — את עניי ואת יגיע כפי ראה אלהים — השי״ת האט צוגעזע־העו מיין אייגענע פיין און ארבייט — ויוכח אמש — צוליב מיין אייגענע יגיעה, האט דיך השי״ת אזוי נעכטען געווארענט און געשטראפט נישט בלויז צוליב זכות אבות...

(הה״ק מהר״ר מנחם ז״ל מאמשינאוו)

בעמערקונג: לויט דעם, וואלט מען געמוזט אויסטייטשען נאך עטליכע פסוקים אין תנ״ך וואס עס שטעהט „לולי״ — מיט א „יוד״ צום סוף און לויט׳ן פשוט׳ן פשט, איז זייער טייטש „ווען נישט״. (המלקט)

לבן האָט דאָך געפרעגט: למה נחבאת לברוח — ווייל דער דין איז אז „בורח אין לו הענקה" (קידושין טז) — האָט ער געטענה'ט: ווען דו וואָלסט נישט געווען קיין בורח, וואָלט איך דאָך דיר געגעבען הענקה, ביי וועלכען עס שטעהט „למען יברכך ד' בכל אשר תעשה", ממילא וואָלט איך ווייטער געהאַט אַ ברכה. יעצט אָבער דורך דיין אַנטלויפען, האָב איך נישט מקיים געווען „העניק תעניק" און דעריבער האָט די ברכה ביי מיר אויפגעהערט (אַזוי ווי דער תרגום - יונתן זאָגט אַז נאָך יעקב'ס אוועקגעהן האָט אויפגעהערט דאָס וואַסער אין לבנ'ס ברונעם'ס).

דערויף האָט איהם יעקב געענט־פערט: כי עתה ריקם שלחתני — אַפילו ווען כ'וואָלט נישט אַנטלאָפען, וואָלסטו אויך מיר נישט געגעבען קיין הענקה, נור וואָלסט מיך אוועקגעשיקט ליידיג. דו וואָלסט נישט מקיים געווען דעם „לא תשלחנו ריקם" — ממילא וואָלסטו סיי ווי נישט געהאַט קיין ברכה און דו האָסט דורך מיין אַנטלויפען גאָר־נישט געליטען...

(מלא העומר)

—————

ויען לבן... הבנות בנתי והבנים בני (לא—מג)

אויב די טעכטער זענען מיינע, — דאַן איז — והבנים בני — זענען די זוהן ממילא שוין מיינע.

אויב מען ערציהט די טעכטער אין די דרכים פון די לבנ'ס, איז נישט צו ערוואַרטען קיין גוטיס פון די זיהן. זיי וועלען שוין אַליין געהערען צו לבנ'ען. די מאַמעס וועלען זיי שוין געבען אַזאַ ערציהונג, אַז זיי וועלען שוין צו יעקב'ן נישט געהערען...

(שמעתי)

—————

וישבע יעקב בפחד אביו יצחק (לא—נג)

יצחק האָט שטענדיג געלערענט יעקב'ן, צו זיין פאָרזיכטיג מיט אַ שבועה, און נישט שווערען ווען מען דאַרף נישט. דעריבער ווען יעקב האָט שוין יאָ געמוזט אַמאָהל שווערען, האָט ער עס געטהוען, פיל מיט מורא פאַר יצחק'ן.

וישבע יעקב — אָבער דאָס שווע־רען איז געווען — בפחד אביו יצחק — פיל מיט מורא פאַר דער לעהרע פונ'ם טאַטען...

(בינה לעתים)

ויעקב הלך לדרכו ויפגעו בו מלאכי אלהים...
ויקרא שם המקום מחנים (לב—ב, ג)

ס׳זענען פארהאן צווייערליי מלאכים. פארהאן מלאכים וואס זענען בעשאפען געווארען ביי דער בריאה פון דער וועלט און פארהאן מלאכים וואס ווערען בעשאפען פון די מצות ומעשים טובים פון די מענשען, אזוי ווי די משנה זאגט: העושה מצוה אחת קונה לו פרקליט אחד (אבות פ״ד—מי״א ורע״ב שם).

מיט יעקב׳ן זענען שטענדיג מיטגעגאנגען זיינע אייגענע מלאכים, די וואס זענען בעשאפען געווארען פון זיינע מעשים טובים. יעצט אבער ווען ער איז געגאנגען אין וועג, האט איהם השי״ת מיטגעשיקט אויך „מלאכי אלהים״, די הימלישע מלאכים וואס השי״ת האט בעשאפען.

יעקב האט זיי דערקענט אז דאס זענען נישט זיינע מלאכים, דעריבער האט ער גערופען דאס ארט „מחנים״ — צווייערליי מחנות פון מלאכים זענען דא פארהאן, זיינע אייגענע און די מלאכי עליון.

ווען ער געהט אבער שיקען מלאכים צו עשו׳ן, איז דאך נישט קיין דרך ארץ צו בענוצען זיך מיט נישט זיינע מלאכים, שטעהט טאקי: וישלח יעקב מלאכים לפניו — ער האט געשיקט פון די מלאכים וואס זענען געווען „לפניו״, וואס זענען זיינע אייגענע, בעשאפען געווארען פון זיינע מצות ומעשים טובים.

(הנ״ל)

הפטרת ויצא (הושע יג-יד)

שתתך ישראל כי בי בעזרך (יג-ט)

עס ווערט געברענגט אז א גרויסער מלך האט אמאהל געפרעגט א יודישען חכם, וואס איז עס געוועזען די סבה וואס אזוי פיל הונדערט טויזענדער יודען זענען געפאלען בעת דעם חורבן. האט איהם דער חכם געענטפערט,

ווייל יודען האבען זיך שטענדיג געשטיצט אויף דער געטליכער הילף, וועלכער האט תמיד זיי געהאלפען, דורך תפלות און קרבנות, האבען זיי ממילא נישט געלייגט קיין גרויס אכט אויף דער מיליטערישער אויסבילדונג

און אויף נאַטירליכער בעוואָפנונג. דעריבער ווען זיי האָבען געזינדיגט און השי"ת האָט זיי מעהר נישט געהאָלפען און קיין נאַטירליכען מיליטערישען כח האָבען זיי אויך נישט געהאַט, זענען זיי געפאַלען מאַסענווייז אַזוי ווי שעפסען וואָס דער פאַסטוך האָט זיי פערלאָזט, ווערען פערצוקט דורך די אַנפאַלענדע וועלף...

דאָס איז אויך דער פשט דאָ אין פסוק: שחתך ישראל — דאָס וואָס די ישראל ווערסט אַזוי פערדאָרבען און פערניכטעט דורך די פיינד מעהר פון אַנדערע פעלקער, דאָס איז — כי בי בעזרך — ווייל דיין הילף איז נור דורך מיר, און קיין נאַטירליכע מיליטערישע כחות האָסטו נישט וואָס זאָלען דיך שוצען, ממילא ווען דו פערלאָזט אויך מיך, איז נישטאָ פאַר דיר קיין רעטונג און דו ליידסט מעהר פון אַנדערע...

(אהבת יהונתן)

אתן לך מלך באפי (יג-יא)

די חז"ל זאָגען אַז פון בלעם'ס ברכות דערקענט מען וואָס ער האָט געהאַט אין זינען זיי צו שעלטען דערפון וואָס ער האָט געזאָגט „וירם מאגג מלכו" איז אַ בעווייז אַז ער האָט זיי געוואָלט שעלטען דאָס זיי זאָלען קיין מלך נישט האָבען (סנהדרין קה).

דאָס זאָגען אויך די חז"ל, אַז בלעם האָט מכוין געוועזען צו שעלטען יודען אין דער רגע וואָס השי"ת איז אין כעס יעדען טאָג — ואל זועם בכל יום, וכמה זעמו רגע (סנהדרין שם) — די קללה וואָס ער האָט געקענט אַרויסזאָגען אין אַ רגע, איז — לויט תוספות — דאָס וואָרט „כלם" — פערלענד זיי. ווען השי"ת האָט מהפך געוועזען זיין קללה צו אברכה איז געוואָרען פון וואָרט „כלם" דאָס וואָרט „מלך" (די זעלבע אותיות נור אין אַ פערקעהרטען צוזאַמענשטעל).

איז דאָס דער רמז: אתן לך מלך באפי — אין דער רגע פון מיין צאָרן, דעמאָלט האָסטו בעקומען אַ מלך, ווייל דאַן האָט בלעם געזאָגט „כלם" און דערפון איז געוואָרען „מלך"...

(הגאון מהר"ר יונתן ז"ל)

כי ישרים דרכי ד' וצדקים ילכו בם ופשעים יכשלו בם (יד-יוד)

דער רשע זאָגט אַז השי"ת האָט פיינט דעם מענש, דעריבער האָט ער איהם בעלאַסטעט מיט אַנ'עול פון מצוות, וואָס שטערען דאָס פרייע לעבען. באמת איז עס אָבער אַ מורא'דיגער טעות. שוין דערפון וואָס מיר

זעהען, אז דער צדיק פיהלט זיך גליקליך און צופרידען ווען ער איז מקיים די מצוות און ער שעפט זיין חיות דערפון. מוז דאך זיין, אז די מצוות זענען נור א לאסט, פאר די פושעים, וואס דערווייטערען זיך פון דרך ד׳, ממילא זענען זיי זיך אליין דערין שולדיג.

ס׳איז פונקט ווי איינער א גרויסער גדבן און מכניס־אורח האט געמאכט א גרויסע סעודה פאר אורחים און געגעבען זיי די בעסטע און טייערסטע מאכלים. איז אריינגעקומען א שוואכער מענש און האט זיך אויך אנגעגעסען מיט די מאכלים. האבען זיי איהם פערשאדט און ער איז געפעהרליך קראנק געווארען. האט ער זיך געביי־זערט אויפ׳ן בעל־הבית אז ער טהוט שלעכטס מענשען. ענטפערט דער בעל הבית, לאמיר פרעגען אלע אנדערע געסט, צי די מאכלים זענען געוועזען שלעכט צי גוט, נור אז דו ביזט קראנק, ביזטו דיר אליין שולדיג וואס זיי האבען דיר געשאדט. איך האב נור אנגעגרייט די מאכלים פאר גע־זונדטע נישט פאר קראנקע.

אט דאס זאגט דער נביא: כי ישרים דרכי ד׳ — ג־ט׳ס וועגען זע־נען באמת גלייך און גוט, דער בעס־טער בעווייז איז דערפון — וצדיקים ילכו בם — וואס די צדיקים לעבען מיט זיי גליקליך און צופרידען. נור אויב עס פיהלט זיי ווער אלס לאסט, איז עס — ופושעים יכשלו בם — די וואס זענען בעצם פושעים, נור זיי זאגען, אז די מצוות זענען פאר זיי א לאסט, א שטרויכלונג אין לעבען. אבער די זענען דאך אליין שולדיג, וואס זיי זענען פושעים, נישט די דרכי ד׳ זענען שולדיג דערין.

(כוכב מיעקב)

פרשת וישלח

וישלח יעקב מלאכים לפניו אל עשו אחיו... כה תאמרון לאדני לעשו עם לבן גרתי (לב—ד, ה)

מלאכים ממש (רש"י)

פאַרוואָס האָט ער געמוזט שיקען מלאכים, נישט קיין מענשען? און פאַרוואָס רופט ער אָן עשו'ן „אדוני" אפילו אין זיין אָבוועזענהייט?

נור דער דרך פון אַ צדיק איז, אַז אפילו בעת ער רעדט פשוטע דבורים צו מענשען, איז אויך זיין כוונה אויף העכערע הימלישע ענינים.

יעקב אבינו האָט אויך מיט די דאָזיגע דבורים זיינע, מכווין געווע־זען תפלות צו השי"ת. ער האָט זיך דעריבער גענומען אַלס שלוחים, די מלאכים מיכאל און גבריאל (אַזוי ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים) וואָס זענען שטענדיג מליצים טובים אין הימעל פאַר יודען, כדי אַז זיי זאָלען אויסער דעם שליחות צו עשו'ן אויך בעטען פאַר איהם ביי השי"ת.

האָט ער געזאָגט: כה תאמרון לאדוני — דאָס זאָלט איהר זאָגען צום האַר אין הימעל אַלס המלצה פאַר מיר און — לעשו — די זעלבע ווערטער אין זייער פשוט'ען טייטש זאָלט איהר זאָגען עשו'ן: „עם לבן גרתי" — איז לויט'ן פשוט'ן טייטש „לא נעשיתי שר וחשוב אלא גר" — זאָלט איהר זאָגען עשו'ן און לויט'ן צווייטען טייטש „ותרי"ג מצוות שמרתי ולא למדתי ממעשיו הרעים" — זאָלט איהר זאָגען „לאדוני", צו השי"ת. דעסגלייכען „ויהי לי שור וחמור" — איז לויט'ן פשוט'ן טייטש „זו אינה לא מטל השמים ולא משמני הארץ (רש"י) — זאָלט איהר זאָגען עשו'ן און לויט'ן צווייטען טייטש: „שור זה משיח בן יוסף וחמור זה משיח בן דוד" (מדרש) — דאָס זאָלט איהר זאָגען „לאדוני", צו השי"ת, אַז ער זאָל מיך מציל זיין אין זייער זכות פון עשו'ן.

(נועם אלימלך)

יעקב איז געווען מסופק צי עשו וועט איינשטימען מיט איהם צו שליסען שלום, דאן דארף מען דאך מיט איהם רעדען געלאסענע ווערטער און דברי-פיוס, אדער ער וויל דווקא מלחמה, דאן מוז מען איהם מודיע זיין יעקב'ס כח און גבורה, אז ער האט זיך געקענט אנ'עצה געבען מיט לבנ'ען וואס „בקש לעקור את הכל". דעריבער האט ער געמוזט שיקען אזעלכע שלוחים, מלאכים, וואס זאלען זיך קענען אויף עשו'ס מחשבות און קענען צו יעדער צייט צופאסען זייער ראליע און זייער ארט רעדען צו דער געגעבענער סיטואציע, צי אין גוטען צי אין בייזען.

דעריבער שטעהט: אל עשו אחיו — ער האט זיי איבערגעגעבען צוויי אויפגאבען, ווען ס'וועט זיין נויטיג זאלען זיי צו איהם רעדען ווי צו אנ'עשו און איהם דראהען, און ווען ס'וועט זיין נויטיג זאלען זיי צו איהם רעדען ווי צו א ברודער, מיט הכנעה און פיוס.

(קומץ המנחה)

ווען א יוד ווערט גערודפט פון עשו'ן און מען דארף איהם א טובה טהוען, מעג מען אפילו א מלאך אויך מטריח זיין...

(בשם הרבי ר' בונם ז"ל מפשיסכא)

די משנה זאגט דאך „הרחק משכן רע ואל תתחבר לרשע" (אבות פ"א — מ"ז) — ווייל אפילו דער בעסטער מענש, ווען איז צוזאמען מיט א רשע, מוז ער זיך סוף כל סוף פון איהם עפעס אראפלערנען שלעכטס.

דעריבער האט יעקב אבינו מורא געהאט צו שיקען מענשען צו עשו'ן, זיי זאלען דערוייל נישט קאליע ווערען ביי איהם, האט ער געשיקט מלאכים.

דאס זאגט דער פסוק: וישלח יעקב מלאכים — נישט קיין מענשען, ווייל — אל עשו אחיו — א שלעכטער מענש און — ארצה שעיר שדה אדום — א שלעכט ארט, אזא שליחות קען מען נור אנטרויען מלאכים...

(חומת אש)

כה אמר עבדך יעקב (לב—ה)

אין מדרש שטעהט אז רבי יהודה הנשיא האט געשריבען צו אנטונינוס'ן א בריעף מיט'ן לשון „עבדך" ווייל — האט ער געזאגט: איך בין נישט בעסער פונ'ם זיידען יעקב וואס ער האט זיך אנגערופען „עבד" לגבי עשו'ן.

פרעגען די מפרשים: דער מדרש אליין זאגט דאך פריהער אז יעקב האט נישט ריכטיג געטהוען דערמיט וואס ער האט זיך מכניע געווען צו עשו'ן, טא פארוואס האט זיך רבי יהודה הנשיא דערפון ארויסגעלערנט?

נור דער אמת איז, אז „מעשה אבות סימן לבנים", ווייל יעקב אבינו ד'האט זיך מכניע געווען צו עשו'ן האט ער אנגעצייכענט דעם וועג פאר זיינע קינדער די יודען, זיי זאלען זיך אויך דארפען מכניע זיין צו עשו'ס קינדער, דעריבער האט רבי יהודה הנשיא אזוי געטהוען, ווייל יעקב אבינו האט אויסגעארבייט אזא מין דרך. ווען אבער יעקב אבינו וואלט זיך נישט מכניע געווען פאר עשו'ן, וואלט ממילא דער דרך פון יודען אין די שפעטערדיגע דורות אויך געקענט זיין אנ'אנדערער, און פון דעם זענען די חז״ל נישט צופרידען, פארוואס ער האט טאקי אנגעצייכענט א וועג פון הכנעה...

(אבני אזל)

עם לבן גרתי (לב—ה)

ותרי״ג מצוות שמרתי ולא למדתי ממעשיו הרעים (רש״י)

יעקב אבינו האט בעדויערט: איך האב טאקי געהיטען די תרי״ג מצוות, אבער איך האב זיך נישט אראב געלערנט פון לבנ'ען, צו טהוען די מצוות מיט אזא התלהבות און איבערגעגעבענהייט ווי ער האט געטהוען זיינע מעשים-רעים...

(שמעתי מהגאון מהר״ם שפירא, זל מלובלין)

* * *

מען זאגט נאך אז דער חדושי-הרי״ם ז״ל האט אמאהל געענטפערט אויף א פראגע פארוואס די פרייע זענען אזוי מצליח אין זייערע מעשים רעים, שקר דארף דאך קיין קיום נישט האבען? — ווייל זיי די חפשיים טהוען פאר'ן שקר, אבער זיי טהוען עס מיט אנ'אמת, די חרדים אבער טהוען טאקי פאר'ן אמת, אבער זיי טהוען עס נישט מיט'ן גאנצען אמת...

דער מדרש זאָגט אַז יעקב האָט מורא געהאַט, דאָס עשו'ן וועט בייִשטעהן דער זכות פון „ישיבת ארץ-ישראל".

האָט ער דעריבער געלאָזט זאָגען עשו'ן: עם לבן גרתי — דו האָסט טאקי עוסק געווען אין ישוב ארץ-ישראל, איך אָבער האָב דורך דער צייט געטווס קעמפפען מיט לבנ'ען, פאַר'ן דערהאַלטען מיינע קינדער ביימגאַנצען יודישקייט, נישט בלויז פון איין מצוה נור — ותרי"ג מצוות שמרתי — איך האָב אין זיי איינגעפלאַנצט דעם דעת ד' אַז מען מוז אָבהיטען די גאַנצע תורה מיט איהרע מצוות, ממילא קען מען מיר נישט פעראיבעל נעמען דאָס וואָס איך האָב אַביסעל פערנאַכלעסיגט „ישיבת ארץ ישראל"...

(אבני אָזל)

ויירא יעקב מאד ויצר לו (לב–ח)

יעקב האָט מורא געהאַט, אָבער עס האָט איהם באַלד באַנג געטהוען פאַר דער מורא: ווי קומט עס אַז איך זאָל מורא האָבען פאַר ווער אויסער השי"ת...

דעריבער האָט ער אויך געזאָגט: הצילני נא מיד אחי מיד עשו כי ירא אנכי אותו (פסוק יב) — אויב איך האָב נאָך מורא פאַר עשו'ן, זעה איך דאָך, אַז איך בין נאָכנישט בתכלית השלימות דעריבער מוז איך בעטען „הצילני נא"...

(אורח לחיים)

יעקב אבינו האָט מורא געהאַט פאַר אַ קיטרוג צוליב דעם וואָס ער האָט נישט מקיים געווען ווי געהעריג „כבוד אב ואם" — דאָס איז מרומז אינ'ם וואָרט „ויירא", אַזוי ווי עס שטעהט: איש אמו ואביו תיראו (ויקרא יט–ג) און אויך פאַר דעם וואָס ער האָט גענומען צוויי שוועסטערען — דאָס איז מרומז אינ'ם וואָרט „ויצר", אַזוי ווי עס שטעהט: ואשה אל אחותה לא תקח לצרור (ויקרא יח–יח).

דעריבער האָט ער זיי איינגעטיילט אין צוויי מחנות, איין מחנה פון לאה'ן מיט די קינדער און איין מחנה פון רחל'ען מיט די קינדער, ווייל אויב דער חטא איז פאַר'ן נעמען שתי אחיות, איז דאָך נור רחל, אַלס צווייטע, גענומען געוואָרען באיסור, נישט לאה וואָס איז גענומען געוואָרען די ערשטע — זאָל זי כאָטש ניצול ווערען און נישט ליידען צוליב דער אַנדערער...

(מלא העומר)

ויצר לו אם יהרוג הוא את אחרים.

(רש"י)

די חז"ל זאָגען, אז נירון קיסר וואָס איז געוועזען פון די מלכי אדום, האָט זיך מגייר געוועזען און פון איהם איז אַרויסגעקומען רבי מאיר (גטין נז).

ווי בעוואוסט ווערט רבי מאיר אָנגערופען מיט'ן נאָמען „אחרים" — מאן אחרים רבי מאיר (הוריות י"ג).

דאָס איז רש"י מרמז: שמא יהרוג את אחרים — יעקב אבינו האָט מורא געהאַט טאָמער וועט ער הרגע'נען עשו'ן, וואָס פון איהם דאַרף אַרויסקומען דער תנא רבי מאיר וואָס הייסט „אחרים"...

(פנינים יקרים)

ויאמר אם יבא עשו אל המחנה האחת והכהו (לב—ט)

מחנה משמש לשון זכר ולשון נקבה

(רש"י)

אָבער פאַרוואָס ווערט דאָס וואָרט „מחנה" אין איין פסוק, איין וואָרט נעבען צווייטען, בענוצט מיט אַ לשון־זכר און אַ לשון־נקבה?

ווייל יעקב אבינו האָט נישט געוואָלט אַרויסזאָגען קיין שלעכט'ס אַז עשו וועט שלאָגען זיין מחנה, וואָרום „ברית כרותה לשפתים", האָט ער דעריבער געזאָגט אַזאַ לשון וואָס זאָל אויך קענען פערטייטשט ווערען, אַז די מחנה וועט איהם שלאָגען — והכהו — לשון זכר געהט אַרויף אויף עשו'ן, אַזוי ווי די חז"ל זאָגען פיל מאָהל: „כאדם שתולה קללתו בחבירו"...

(אורח לחיים)

והיה המחנה הנשאר לפליטה (לב—ט)

דער מדרש זאָגט אַז צווישען איין מחנה און דער צווייטער איז געוועזען אַ מהלך־וועגס פון איין טאָג. רבקה האָט דאָך געזאָגט בנבואה: למה אשכל גם שניכם יום אחד (פריהער כז—מה) — אַז עשו מיט יעקב'ן וועלעןביידע שטאַרבען אין איין טאָג. קומט דאָך אויס אַז אויב עשו וועט שלאָגען די ערשטע מחנה מיט יעקב'ן, וועט ער אַליין אויך מוזען דעם זעלבען טאָג אומקומען, וועט דאָך ממילא די צווייטע מחנה ניצול ווערען, וואָרום עס דאַרף דאָך דויערען אַ טאָג ביז ער וועט צוקומען צו איהר...

(נחל קדומים)

אויב ס'וועט נישט פועל'ן די תפלה, ווי אזוי וועט פועל'ן דער דורון אדער די מלחמה?

נור דער פשט איז: לתפלה—מתפלל צו זיין אז דער דורון זאל פועל'ן אדער די מלחמה זאל ברענגען א נצחון. אזוי איז דער דרך פון צדיק, נישט צו פערלאזען זיך אויף א נס, נור צו טהוען וואס מען דארף און מתפלל זיין צו השי"ת אז די פעולה זאל גראטען...

התקין עצמו לשלשה דברים: לדורן לתפלה ולמלחמה. (רש"י)

(נפלאות חדשות)

קטנתי מכל החסדים ומכל האמת... אשר עשית את עבדך (לב—יא)

יעקב אבינו האט געזאגט: כאטש דו האסט מיר געטהוען חסדים, בין איך דאך ווייטער ביי מיר קליין, און האב מורא פאר עשו, ווייל איך ווייס דאך אז — אשר עשית את עבדך — דאס אלץ האסטו מיר געטהוען, אליין וואלט איך מיר גארנישט געקענט העלפען, טא מיט וואס קען איך זיך גרויס האלטען...

(לקוטי מגדים)

די חז"ל זאגען: תלמיד חכם צריך שיהא בו אחד משמונה שבשמינית (סוטה ה') — אז כאטש גאות טויג נישט, אבער א תלמיד-חכם דארף האבען אין זיך א שמינית שבשמינית פון גאות.

וואס איז עפעס דאס לשון „שמונה שבשמינית"?

נור — האט דער ווילנער גאון ז"ל געזאגט — די אכטע פרשה פון ספר בראשית איז „וישלח" און דער אכטער פסוק פון פרשת „וישלח" איז „קטנתי מכל החסדים — איז דאס דער רמז, דאס א תלמיד-חכם דארף זיך לערנען פון דעם פסוק, אז אפילו בעת ער איז מצליח און האט מיט וואס זיך גרויס צו האלטען, אזוי ווי יעקב האט געזאגט „ועתה הייתי לשני מחנות", פונדעסטוועגען זאל ער געדענקען אז דאס זענען נור חסדי השי"ת און קומען דערפון צו „קטנתי"...

קטנתי — דאָס וואָס איך בין ביי זיך קליין, איז אויך — מכל החסדים — דאָס געהער אויך צו די חסדי ד׳, אַז אַ מענש זאָל נאָך אַלע הצלחות קענען בלייבען ביי זיך שפל...

(הרבי מלובלין ז״ל)

* * *

יעקב אבינו האָט געטענה׳ט: קטנתי — איך בין יעצט נאָך קלענער געוואָרען פון פריהער. פריהער איז געווען — מכל החסדים אשר עשית את עבדך — האָסטו אַליין מיט מיר געטהון חסדים, אַזוי ווי דו האָסט מיר צוגעזאָגט אין באר שבע: והנה אנכי עמך ושמרתיך — אַז דו אַליין וועסט מיר היטען, נישט דורך מלאכים. און ס׳איז טאַקי אַזוי געוועזען — כי במקלי עברתי את הירדן — איך בין אַליין אַריבער דעם ירדן, אָהן דער הילף פון מלאכים, נור מיט דיין חסד. יעצט אָבער מוז איך אָנקומען צו מלאכים — ועתה הייתי לשתי מחנות — דו האָסט מיר געשיקט צוויי מחנות פון מלאכים אַז זיי זאָלען מיך היטען — ויפגעו בו מלאכי אלהים, ויקרא שם המקום מחנים — בין איך דאָך קלענער געוואָרען, אַז אנשטאט דיין שמירה, שיקסט דו מיר גאָר מלאכים אַלס שומרים.

משה רבינו האָט אויך בעסער געוואָלט די השגחה פון השי״ת און נישט דורך מלאכים און ער האָט געזאָגט: אם אין פניך הולכים אל תעלנו מזה...

(קול שמחה)

פון יעדען חסד וואָס השי״ת טהוט, קומט מען צו הכנעה, בושה און שפלות. ווייל מען פערשטעהט ווי ווייט מען איז עס נישט ווערט און דאָך טהוט השי״ת דעם חסד, שעמט מען זיך...

ביי גויים איז פערקעהרט, אַז השי״ת טהוט זיי חסדים, רעדען זיי זיך איין „כחי ועצם ידי" און בעקומען גאָר גאוות. דעריבער איז „חסד לאומים חטאת" — דער חסד וואָס מען טהוט מיט זיי ברענגט זיי צו חטאת...

(שפת אמת)

יעקב אבינו האָט געזאָגט: קטנתי — איך בין ביי מיר קליין און געפאַלען,

וואָרום – מכל החסדים ומכל האמת שעשית את עבדך – איך האָב דאָך געזעהען די גרויסע חסדים וואָס דו האָסט מיט מיר געטהוען, איך האָב דאָך געזעהען אַזעלכע וואונדערליכע זאַכען – כי במקלי עברתי את הירדן הזה – האָב איך דאָך געדאַרפען דערפון לערנען, נישט מורא צו האָבען פאַר קיין מענש. לבסוף האָב איך יאָ מורא פאַר עשו'ן, און טהו נאָך השתדלות'ן געגען איהם – ועתה הייתי לשני מחנות – איך זוך עצות און מאַך מיר סטראַטעגישע פּלענער צוליב מורא, דעריבער – קטנתי – בין איך ביי מיר זעהר קליין...

(בשם גדול א' מגדולי המוסר)

אין טייל חומשים איז די ט' פון „קטנתי" אַ קליינע.

דאָס איז אַ רמז, אַז וויפיל דער מענש מאַכט זיך קליין, איז עס אַלץ נאָך גאָרנישט לגבי זיין אמת'דיג קליינקייט. ער איז שטענדיג נאָך קלענער פון דעם וואָס ער האַלט זיך. אינ'ם „קטנתי" איז אויך נאָך פערהאַן קלענערס...

(הה"צ ר' הירש מראדון ז"ל)

הצילני נא מיד אחי מיד עשו (לב—יב)

יעקב אבינו האָט מורא געהאַט פאַרביידע אופנים פון עשו'ס בעציהונג. ווען ער מלחמה האַלטען, האָט ער מורא געהאַט פאַר שפיכות-דמים. ווען ער מיט איהם שלום מאַכען, האָט ער מורא געהאַט פאַר צופיל התקרבות, עשו זאָל נישט ווערען מיט איהם צו היימיש. דעריבער האָט ער געבעטען אויף ביידע: הצילני נא מיד אחי – זיי מיך מציל פון צופיל גוט ברודער-שאַפט און – מיד עשו – פונ'ם רשעות פון עשו'ן.

השי"ת האָט טאַקי אָנגענומען די תפלה, און ער האָט איהם מציל גע-ווען אי פון עשו'ס כעס, אי פון התקרבות – וישב ביום ההוא עשו לדרכו שעירה...

(בית הלוי)

כי ירא אנכי אתו (לב-יב)

איך האָב מורא – האָט יעקב גע-זאָגט – וואָס „אנכי אותו" – איך האָב מיך געמאַכט פאַר איהם, איך האָב געזאָגט „אנכי עשו בכרך" און זיך פערשטעלט אַלס עשו. דאָס זאָל מיר אַמאָהל נישט גערעכענט ווערען אַלס חטא...

(בוצינא דנהורא)

ואתה אמרת היטב איטיב עמך (לב-יג)

דער רבי ר' משה ליב סאסאווער זצ"ל פלעגט זאגען: רבונו של עולם! אלץ וואס דו טהוסט איז געוויס גוט. נור ס'איז פערהאן גוט פון גוט'ס און גוט פון שלעכט'ס, בעט איך דיך גיב אונז אזא גוט'ס וואס איז ממש גוט — אזוי ווי יעקב אבינו האט געזאגט: ואתה אמרת היטב איטיב — א גוט גוט'ס...

* * *

אזוי ווערען אויך געטייטשט די פסוקים: הודו לד' כי טוב כי לעולם חסדו — באמת דארף מען שטענדיג לויבען צו השי"ת, אפילו פאר'ן שלעכט'ס ווייל אפילו דאס שלעכט'ס איז אויך בלויז חסד, אבער מיר בעטען דיך — יאמר נא ישראל כי לעולם חסדו — טהו מיט אונז אזא חסד, וואס די יודען זאלען אויך זאגען אז ס'איז חסד, א ממשות'דיגער חסד, וואס אלע זעהען און בעגרייפען אז ס'איז חסד...

(אמרי שפר)

השי"ת איז משפיע גוט'ס סיי צו צדיקים און סיי צו רשעים. דער חי־לוק איז נור דאס וואס בנוגע צדיקים, איז די כוונה טאקי זיי בעצם גוט'ס צו טהוען און בנוגע די רשעים איז די כוונה, זיי צו בעצאהלען פאר דעם ביסעל גוטע מעשים אויף דער וועלט, בדי זיי זאלען שפעטער פערניכטעט ווערען, אזוי ווי די תורה זאגט: ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו (דברים ז-יוד).

דאס איז דער פשט: היטב איטיב — דאס גוט'ס זאל זיין מיט דער כוונה גוט'ס צו טהוען, נישט מיט דער כוונה פון „להאבידו" חלילה...

(קדושת לוי)

אייגענטליך אויב השי"ת האט איהם צוגעזאגט: „היטיב איטיב" וואס זשע האט ער מורא געהאט? אויב מען זאל ווידער זאגען אזוי ווי די חז"ל, אז ער האט מורא געהאט „שמא יגרום החטא", טא צו וואס האט ער אינגאנצען דערמאהנט די הבטחה?

נור דער פשט איז אזוי, יעקב אבינו האט געזאגט: ווען ס'זאל נוגע זיין בלויז מיר, וואלט איך נישט קיין

מורא געהאט, חייל ס'איז דיין רצון אזוי. דאס וואס איך האב אבער מורא איז, ווייל — ואתה אמרת היטב איטיב עמך ושמתי את זרעך כחול הים — ווען חלילה דער חטא זאל אלזא גורם זיין אז—יבא והכני אם על בנים — און די הבטחה זאל נישט קענען מקויים ווערען, וועט דאך זיין א חילול-השם און א צער-השכינה, וואס איז א חפץ להיטיב — אט פאר דעם האב איך מורא...

(בית הלוי)

אייגענטליך איז דאך פריהער דער זכות-אבות, פארוואס דען זאגט רש"י אז דאס ערשטעווארט „היטב" איז „בזכותך"?

נור לויט די חוקי הדקדוק איז דאס ווארט „היטב" א מקור און „איטיב" איז א פועל. יעדער פועל איז בעגרעניצט אין צייט און אין דער פערזאן (פונקט ווי „איטיב" איז: לשון עתיד גוף-ראשון און אזוי יעדער פועל). דאגעגען דער מקור איז נישט

היטב — בזכותך, איטיב — בזכות אבותיך (רש"י)

בעגרעניצט און קען בענוצט ווערען אויף אלע זמנים און אלע גופים.

די חז"ל זאגען דאך אז די ברכה פון יעקב'ן איז א „נחלה בלי מצרים" — אהן שום גרעניצען, פאסט דעריבער דער „היטב" וואס איז דער גדר המקור אהן שום גבולים אין זמן און אין גוף, פאר'ן זכות פון יעקב'ן וואס איז אויך בלי מצרים...

(הגה"ק בעל אבני נזר ז"ל)

• • •

דעריבער האט אויך יעקב געזאגט „קטנתי" — ווארום דער רמב"ם פערטייטשט דאס לשון אין דער משנה „קטנותן של חסידים" (סוף סוטה) — אז מען מיינט דער „שורש" און מקור פון חסידים, ווייל יעדער שורש איז אין אנהויב קליין און ערשט שפעטער צושפרייט עס זיך און עס ווערט גרויס.

ווען אלזא יעקב איז „היטב" — די ברכה אין מקור וואס איז אהן גרעני-צען, איז ער דאך טאקי אלס שורש פון די אבות, ממילא אויך דער „קטן" פון די אבות — קטנתי...

(אבני אזל)

ויקח מן הבא בידו מנחה לעשו (לב–יד)

יעקב אבינו האט נישט געוואלט שיקען עשו'ן פון זיינע אייגענע בהמות,

װײַל ער האָט זיי נישט געװאָלט אַרויסגעמען פון דער קדושה אין דער טומאה אַרײַן. נור מען האָט איהם ספּעציעל צוגעשיקט די זאַכען כּדי ער זאָל זיי שיקען עשו'ן אַ מתּנה.

דאָס איז דער טייטש „מן הבא בידו" — פון דעם װאָס איז איהם געקומען אין דער האַנד אַרײַן ספּעציעל צו דעם צװעק.

(זר זהב)

כי יפגשך עשו אחי ושאלך לאמר למי אתה ואנה תלך ולמי אלה לפניך (לב—יח)

אין דער משנה שטעהט: הסתּכּל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה. דע מאין באת, ולאן אתה הולך ולפני מי אתה עתיד ליתּן דין וחשבון (אבות פ"ג מ"א).

איז אויב די דרײַ שאלות קומען מצד דעם יצר־טוב ברענגען זיי דעם מענש צו יראת־חטא. ס'איז אָבער פערהאַן אַז דער יצר־הרע שטעלט דעם מענש די זעלבע שאלות, כּדי אין איהם אַרײַנצוברענגען עצבות און דאגות — פאַר דעם מוז מען זיך היטען.

דאָס הייסט: ושאלך לאמור — אויב עשו װעט דיך פרעגען: למי אתה — פון װאַנען קומסטו אַרויס; ואנה תלך — װאו אַהין געהסטו, למקום עפר רמה ותולעה; ולמי אלה לפניך — פאַר װעמען װעסטו מוזען אָבגעבען רעכנונג פון די אַלע מעשים דײַנע — װען עשו פרעגט די שאלות כּדי אין דיר אַרײַנצוברענגען עצבות, זאָלסטו איהם ענטפערען: לעבדך ליעקב — איך אַליין בין טאַקי גאָרנישט, אָבער איך געהער צום כּלל ישראל װאָס איז זעהר חשוב און — מנחה היא שלוחה — אַפילו אַ קליין ביסעל עבודה, אַ מנחת־עני, איז חשוב אין הימעל, װען זי איז מיט מסירת־נפש, אַזוי װי די חז"ל זאָגען: „מי דרכו להתנדב מנחה עני, מעלה אני עליו כּאילו הקריב נפשו" און — לאדוני לעשו — װײַל די עבודה איז דאָך געגען עשו'ן, געגען דעם שטאַרקען יצר־הרע, איז אַפילו אַביסעל עבודות חשוב בײַ השי"ת...

(חדושי הרי"ם ז"ל)

ויותר יעקב לבדו ויאבק איש עמו (לב—כה)

דורכ'ן פּתח־הרבים, מיידט מען אויס די מלחמות פון יצר־הרע. װען אָבער — ויותר יעקב לבדו — מען האַלט זיך אַליין, אָבגעזונדערט פון כּלל, פונ'ם רבים, דעמאָלט איז באַלד — ויאבק איש עמו — הויבט זיך אָן די שטאַרקע מלחמת־היצר...

(בשם גדול אחד)

חד אמר כעכו"ם נדמה לו וחד אמר כתלמיד חכם נדמה לו (חולין צ"א)

פערהאן צווייערליי יצר-הרע. פערהאן א יצר-הרע וואס רעדט דעם מענש אן פשוט צו עבירות, כאטש דער מענש ווייסט אז מען טאר עס נישט, הייסט ער איהם נישט קוקען דערויף. אט דאס הייסט: כעכו"ם נדמה לו — ער זאגט איהם פשוט, זיי ווי א גוי. פערהאן אבער א יצר-הרע, וואס פערשטעלט זיך ווי א תלמיד-חכם און ווייזט דעם מענש אויף דער עבירה אז ס'איז גאר א מצוה...

(הגה"ק בעל אבני נזר ז"ל)

* * *

דאס איז אויך די כוונה אין דער גמרא: רב אמר יצר הרע דומה לזבוב ויושב בין שני מפתחי הלב ושמואל אמר יצר הרע דומה לחטה (ברכות סא).

רב רעדט פונ'ם יצר-הרע וואס איז נדמה כעכו"ם, ער רעדט אן צו טהוען איסורים, דעריבער פערגלייכט ער איהם צו א „זבוב" וואס פליהט אויף די מיאוסטע ערטער און גענישט פון זיי. שמואל רעדט אבער פון דעם תלמיד-חכם'דיגען יצר-הרע, וואס קומט מיט שכל'דיגע טענות און פשט'לעך, דעריבער גלייכט ער איהם צו „חטה" וואס איז דער צייכען פון דעת, אזוי ווי די חז"ל זאגען: אין התינוק יודע לקרות אבא ואמא עד שטועם טעם דגן (ברכות מ').

(שם משמואל)

וירא כי לא יכל לו ויגע בכף ירכו (לב—כו)

ווען דער שר של עשו, דער יצר-הרע, זעהט — כי לא יכול לו — ער קען איהם אליין דעם צדיק נישט בייקומען, דאן איז ויגע בכף ירכו — נעמט ער זיך צו זיינע קינדער די יוצאי-ירכו, זיי מכשיל צו זיין. דעריבער איז באלד געוועזען — ותצא דינה בת לאה...

(מפרשים)

———

ויאמר שלחני כי עלה השחר (לב—כז)

מיום שנבראתי לא הגיע זמני לומר שירה והיום הגיע זמני וצריך

אני לומר שירה. (מדרש רבה)

וואָס עפּעס פּונקט היינט איז געקומען זיין צייט צו זאָגען שירה?

נור די שירה פון אַ מלאך קומט דעמאָלט, ווען ער האָט ערפילט דאָס שליחות צו וועלכער ער איז בעשאַפען געוואָרען.

דער „איש" איז דאָך געווען דער „שר של עשו" דער שטן און יצר הרע וואָס איז בעשאַפען געוואָרען אַנצורעדען אַ מענש צו חטאים, כדי דער מענש, זאָל זיך מתגבר זיין איבער איהם און פערדינען זיין שכר. קומט דאָך אויס אַז דאָס שליחות פון יצר-הרע ווערט דאַן בשלימות ערפילט, ווען דער מענש איז זיך מתגבר איבער אַלע זיינע הסתות און איז איהם מנצח.

דאָס איז אַלזאָ די כוונה אין מדרש. ביז יעקב'ן איז נאָך נישט געווען אַ מענש, וואָס זאָל אין דער מלחמת מיט'ן יצר-הרע, אַזוי פולשטענדיג איהם מנצח זיין, דעריבער איז יעצט ביי יעקב'ס נצחון איבער'ן שר של עשו, זיין אויפגאַבע בשלימות ערפילט געוואָרען און ס'איז געווען דאַדורך — הגיע זמנו היום לומר שירה...

(עבודת ישראל)

ויאמר למה זה תשאל לשמי (לב—ל)

נאָכדעם ווי יעקב האָט מנצח געווען דעם שטן, דעם שר של עשו, האָט ער בעקומען אַנשטאָט יעקב, דעם נאָמען ישראל. וואָרום אַז מען גיט צו צום בעטרעף פון וואָרט „יעקב" (182) דעם בעטרעף פונ'ם וואָרט „שטן" (359), קומט אַרויס דער בעטרעף פון „ישראל" (541).

האָט דעריבער דער מלאך, וואָס איז געווען דער שטן, געזאָגט: למה זה תשאל לשמי — פון דעם וואָס דו האָסט יעצט בעקומען דעם נאָמען ישראל, ווייסטו דאָך וואָס מיין נאָמען איז, טאָ צו וואָס דאַרפסטו פרעגען...

(רמתים צופים)

ויפל על צואריו וישקהו (לג—ד)

דער מדרש זאָגט אַז עשו האָט איהם געוואָלט בייסען, איז דער האַלז געוואָרען ווי אַ מאַרמאָר-שטיין.

ווי איז דאָס מרומז אין פסוק? פערקעהרט שטעהט דאָך גאָר אַז ער האָט איהם געקושט?

נור אַז עשו וויל יעקב'ן קושען, איז עס פאַר יעקב'ן דער וועהטאָגליכסטער ביס...

די „נשיקה" איז אַ „נשיכה"...

(שפת אמת)

ויאמר הילדים אשר חנן אלהים את עבדך (לג—ה)

דער רמב"ן פרעגט: עשו האט דאך געפרעגט „מי אלה" אויף די נשים און ילדים, פארוואס האט איהם יעקב נור געענטפערט אויף די ילדים און נישט אויך אויף די נשים?

נור די גמרא זאגט: כל הנושא אשה לשם שמים מעלה עליו הכתוב כאילו ילדה (סוטה י"ב) — זענען דאך די נשים וואס ווערען גענומען לשם־שמים אויך בכלל „ילדים", איז דאך יעקב'ס ענטפער געווען אויף ביידע.

(בשם אדמו"ר שליט"א מגור)

ויאמר עשו יש לי רב (לג—ט)

יעקב האט געזאגט „וכי יש לי כל" — ווארום עשו קען קיין „כל" נישט האבען, וויפיל ער האט, איז עס נאך נישט איינגאנצען און ער וויל האבען מעהר — יש לו מנה רוצה מאתים.

יעקב אבער איז א „שמח בחלקו" — וויפיל ער האט, הייסט עס ביי איהם אז ער האט שוין אלץ און וויל נישט מעהר...

(בשם גדול אחד)

* * *

דער חפץ חיים ז"ל פלעגט זאגען: רצון יראיו יעשה — השי"ת טהוט ערפילען דעם ווילען פון זיינע יראים. די אמתע יראים אבער, ווילען נישט מעהר ווי דאס וואס השי"ת גיט זיי, קיין אנדערען ווילען האבען זיי נישט...

ויאמר נסעה ונלכה... ויאמר אליו אדני יודע כי הילדים רכים (לג—יב, יג)

עשו וויל אז יעקב זאל גצהן מיט איהם צוזאמען, שליסען בעקאנטשאפט און נישט זיין אבגעזונדערט איינער פון צווייטען. דערויף ענטפערט יעקב: איך אליין וואלט עס נאך אפשר געקענט טהוען, מיר אליין וואלט אפשר די נאהענטקייט מיט דיר נישט גע־שאדט אזוי פיל, אבער — אדוני יודע כי הילדים רכים — די יונגע קינ־דער, זיי וועלען שוין דורך מיין דער־נעהנטערהונג צו דיר, אינגאנצען ווע־רען אסימילירט און פערפרעמדעט, זיי וועלען אינגאנצען גייסטיג אבשטארבען — ומתו כל הצאן.

יעדער דערנעהנטערונג צו עשו'ן, ברענגט דערצו אז דאס צווייטע דור

זאָל שוין גאָרנישט וויסען אַז זיי זע־נען געוועזען יודען...

(ספרי דרוש)

ויבא יעקב שלם עיר שכם (לג—יח)

די ראשי תיבות פון „שלם", בע־דייטען: ש'ם, ל'שון, מ'לבוש – יעקב אבינו האָט נישט געענדערט דעם נאָ־מען, נישט די שפּראַך און נישט די קליידונג, טראָץ דעם וואָס ער איז געוועזען אַזוי לאַנג צוזאַמען מיט לבנ'ען און געשלאָפען פריינדשאַפט מיט עשו'ן, איז ער געבליבען „שלם".

דאָס שלימות פון אַ יוד בעשטעהט טאַקי אויב ער האַלט זיך פעסט נישט צו טוישען די דאָזיגע דריי זאַכען...

(בני יששכר)

ויחן את פני העיר (לג—יח)

בא עם דמדומי חמה וקבע להם תחומין

(מדרש רבה)

אין אַ צייט פון דעמערונג – דמדומי חמה – ווען עס הערשט א טשטוש־הגבולין און אַ צומישונג אין דיעות, נישט פערהאַן קיין הבדל צווישען טאָג און נאַכט, צווישען ליכט און פינסטער־נישט – דווקא דעמאָלט איז עס יעקב'ס כח. פעסטצושטעלען גרעניצען, פונאַנדערצוטיילען דאָס גוטע פון שלעכטען, אָנצווייזען דעם ריכטיגען סימן פון יעדער זאַך אין זיין מהות.

די קדושה פון ארץ ישראל, פאָדערט נאָך מעהר, קלאָהרקייט און הבדלה, נישט אויסצומישען קודש מיט חול און נישט צו פערטוישען דעם בעגריף ארץ־ישראל, לויט ווי די תורה פערשטעהט איהם, מיט דעם בעגריף „לאַנד" לויט ווי די וועלטליכע פעלקער פערשטעהען איהם.

ווען יעקב קומט אָן אין דער ערשטער שטאָדט פון ארץ־ישראל און דערזעהט—„דמדומים" ספיקות, טשטושים און נישט קלאָהרקייטען, איז ער „קובע תחומין" — ער שטעלט פעסט גרעני־צען און שאַפט בירור און קלאָהרקייט אין אַלע ענינים...

(אבני אזל)

אמר רבי שמעון הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב (רש"י)

וואָס איז שייך ביי דעם דער בע־גריף „הלכה"?

נור פערהאַן אַזעלכע וואָס ווילען געבען טעמים און זוכען סיבות צו

דער שנאת פון גוים צו יודען. באמת אָבער האָט די פּראַקטיק געוויזען, אַז קיין איין סיבה איז נישט קיין ריכטי־גע, די שנאה איז אָהן שום טעם און אָהן שום מאָטיוו, נור וויל „הפך לבם לשנוא עמו".

דאָ האָט מען יודען פיינט ווייל זיי זענען קאַפּיטאַליסטען, און דאָרט — ווייל זיי זענען סאָציאַליסטען; דאָ — ווייל זיי זענען צו פעהיג און צו קלוג און דאָרט — ווייל זיי פּאַלען צו לאַסט און ברענגען נישט קיין נוצען; דאָ — ווייל זיי זענען פּאַנאַטיש און צו פרום, און דאָרט — ווייל זיי זע־נען פאַרטגעשריטען און פערשפּרייטען אונגלויבען. אַזוי זענען עס די מאָטיווען כסדר סתירה'דיגע, אָהן לאָגיק און אָהן קאָנסעקווענץ.

רבי שמעון דרש'ענט דאָך אומעטום „טעמא־דקרא". ער זאָגט טעמים אויף דער תורה, זאָגט דעריבער דער זעל־בער רבי שמעון: הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב — די שנאה פון עשו צו יעקב'ן, דאָס איז אַ הלכה פּסוקה אָהן שום טעם און אהן שום מאָטיוו.

(הגאון ר' מנחם זעמבא שליט"א ווא־שא)

כי נבלה עשה בישראל... וכן לא יעשה (לד—ז)

פּערהאַן אַזעלכע שלעכטע מעשים וואָס מען נעמט נקמה פאַר זיי דורכ'ן אָבטהוען יענעם, אַזוי ווי ער האָט געטהוען צ. ב. ש. רציחה — הרג'עט מען איהם; גזל — נעמט מען איהם צו זיין געלד. דאָס איז אָבער אַזאַ נבלה וואָס — וכן לא יעשה — זי קען נישט ווערען צוריקגעטהוען, מען קען נישט יענעם אָבטהוען אַזאַ שטייגער זאַך...

(כנפי נשרים)

ויקחו שני בני יעקב שמעון ולוי אחי דינה איש חרבו (לד—כה)

לויט'ן חשבון זענען שמעון ולוי דעמאָלט אַלט געוואָרען דרייצעהן יאָהר. איז דאָס געווען — האָט דער חדושי הרי"ם ז"ל געזאָגט — זייער פּשט'על צו דער בר־מצוה. זיי האָבען מחדש געווען, אַז פּונקט ווי דער דין איז אַז „בן נח ששבת חייב מיתה" (סנהדרין נח) אַזוי אויך אַ בן־נח וואָס איז זיך מל'ה אויך חייב מיתה. וואָרום פּונקט ווי שבת איז אַ „אות" ספּעציעל פאַר יודען, האָט דעריבער אַ גוי קיין שייכות נישט דערצו, אַזוי אויך מילה וואָס איז אַ „אות", געהער נישט צו קיין גוי. אויב אָבער זיי האָבען זיך יאָ מל'ה געווען, קומט זיי מיתה על פי דין.

אָט דאָס איז געווען זייער בר־מצוה דרשה...

ויעשה שם מזבח לאל הנראה אליך בברחך מפני עשו אחיך (לה—א)

לויט וויפיל א מענש אנטלויפט פון עשו'ן, אזוי ווייט איז ער זוכה צו התגלות אלהות...
לאל הנראה אליך – השי"ת בעווייזט זיך צו דיר – בברחך מפני עשו – לויט וויפיל דו אנטלויפסט פון עשו'ן...

(זר זהב להה"ק מהורר' חאלף סטריקאווער זצ"ל)

הסירו את אלהי הנכר אשר בתככם והטהרו (לה—ב)

שיש בידכם משלל של שכם (רש"י)

מען קען מלחמה האלטען מיט שכם און דאך זאל זיך ביי דער מלחמה אליין, עפעס צוקלעבען...

(בשם ס' מגדולי המוסר)

ונקומה ונעלה בית אל ואעשה שם מזבח (לה—ג)

פאר'ן טהוען א מצוה מוז מען זיך גוט אויסרייניגען פונ'ם יצר-הרע – הסירו אלהי הנכר אשר בתוככם – איזוהי אל זר שהוא בגופו של אדם זה יצר-הרע (שבת ק"ה)–דערנאך קען מען ערשט בויען א מזבח און מקריב זיין קרבנות...

(תפארת שלמה)

* * *

דעריבער שטעהט אומעטום „תשובה ומעשים טובים" – ווייל פאר'ן טהוען די מעשים טובים דארף מען טהוען תשובה, דעמאלט האבען די מעשים טובים א ווערט...

(שם)

ויהי בהקשתה בלדתה... אל תיראי כי גם זה לך בן (לה—יז)

די יסורים פון דער קשוי-הלידה, דאס אליין וועט דיר ווערען פעררעכענט פאר א זוהן.
אזוי איז ביי יעדער מצוה, די שוועריגקייטען און די יגיעה וואס מען האט פון דער מצוה, אט דאס אליין איז א בעזונדערע מצוה...

(רמזי דחכמתא)

היא מצבת קברת רחל עד היום (לה-כ)

דאָס איז נישט „מצבת רחל" — ווייל רחל אַליין דאַרף נישט קיין מצבה — אין עושין נפשות לצדיקים דבריהם הם זכרונם — דער צדיק דאַרף נישט קיין שטיינערנע מאָנומענטען. נור ס'איז „מצבת קבורת רחל" — די מצבה פונ'ם קבר, אַז איהרע קינדער זאָלען וויסען, ווי דאָס קבר געפונט זיך, כדי דאָרט מתפלל צו זיין...

(תומת אש)

בשמת בת ישמעאל

ולהלן קורא לה מחלת מצינו... ג׳ מוחלין להם עוונותיהם... והנושא אשה... לכך נקראה מחלת שנמחל עוונותיו (רש"י)

פאַר וואָס איז דאָס דווקא מרומז ביי עשו'ן ?

כדי דער שטן, דער שר של עשו זאָל נישט מקטרג זיין אויפ'ן חתן, אַז ער האָט אַ סך געזינדיגט און עס קומט איהם נישט מוחל צו זיין, האָט עס די תורה געשטעלט ביי עשו'ן — אויב מען האָט עשו'ן מוחל געווען, דאַרף מען אַלע חתנים מוחל זיין, וואָרום ערגער ווי עשו קען דאָך שוין נישט זיין...

(בשם הה"ק מהרי"ח מקאזמיר ז"ל)

הפטרת וישלח (עובדיה א)

הנה קטן נתתיך בגוים בזוי אתה מאד זדון לבך השיאך (א—ב, ג)

ווען אדום זעהט אַז מען האָט איהם געגעבען אַ ממשלה צו פייניגען יודען און זיי פערביטערען דאָס לעבען, בעקומט ער גאות און ער רעדט זיך איין אַז ער איז טאַקי אַזוי שטאַרק און אַזוי חשוב אין הימעל. באמת אָבער, איז פון דעם אַליין אַ בעווייז ווי ווייט בזוי און קליין מען האַלט איהם, אַז

מען האט איהם אויסגעקליבען צו זיין דער פייניגער און דער הענקער פונ'ם הייליגען יודישען פאלק.

ס'איז פונקט אזוי ווי א מלך וואס האט געהאט א בן-יחיד, וואס איז ביי איהם געוועזען זעהר ליב און ממילא איז ער געוועזען ארומגערינגעלט מיט פיל דינער וואס האבען איהם ארויס-געוויזען גרויס צערטליכקייט. אמאהל איז דאס קינד שווער קראנק געווארען און האט געמוזט נעמען שטרענגע רפואות, האט דער דאקטאר געזאגט: איך וועל איהם היילען, נור מיט'ן בעדינג, אז דער מלך אליין זאל זיך נישט ווייזען פאר איהם, אויך די גע-טרייע דינערשאפט זאל ווערען צוגע-נומען, נור מען זאל אויסזוכען א שלעכטען מענש, אנ'אכזר וועלכער קען זיך לגמרי נישט אויפ'ן חשיבות און איידעלקייט פון בן-מלך און ער וועט אהן שום רחמנות איהם צוואונגען צו נעמען די שארפע רפואות און צו היטען די שטרענגע דיעטע.

דער דאזיגער מענש, ווען ער האט געזעהען, אז מען האט אלע הויף-מענ-שען בעזייטיגט און איהם איבערגעגע-בען איגנאנצען די השגחה איבער'ן קראנקען פרינץ, האט ער אנגעהויבען שטאלצירען און בעטראכט זיך פאר'ן גרעסטען חשוב ביי מלך. האבען איהם ערשט מענשען אויפגעקלערט: דו שוטה! דווקא ווייל דו ביזט א שפל ונבזה, אנ'אכזר און א טעמפער מענש, אהן שום איידעלקייט און אהן שום רחמנות, האט מען עס דיר איבערגעגעבען יעצט אויסצופיהרען אזעלכע פונקציעס, וואס א מענש מיט איידעלקייט און הארץ וואלט עס נישט געקענט. דיך דארף מען נור יעצט, כדי דער בן-יחיד זאל דורך דיין אכזריות האבען זיין רפואה, אבער שפעטער וועט מען דיר צוריק ווייזען דיין ארט צווישען נבזים און שפלים.

דאס זעלבע זאגט דער נביא צו אדום: דו בעקומסט גאות — זדון לבך השיאך — פון דיין מיסיע צו פייניגען יודען, באמת אבער איז פון דעם א ראיה, אז — קטן נתתיך בגויים, בזוי אתה מאד — דעריבער האט מען עס דיך, דעם אכזר, דעם הארצלאזען, דעם טעמפען מוח, אויס-געקליבען צו זיין דער מושל איבער יודען, בעת זיי דארפען די רפואה און זייער געטרייער פאטער מוז זיך מאכען אוועקקוקען און דיך לאזען טהוען וואס דו ווילסט. אבער געדענק ווען דיין סוף וועט קומען — וועט זיין — משם אורידך נאום ד'...

(כוכב מיעקב)

איך נחפשו עשו נבעו מצפניו (א—ויו)

געוועזען צייטען ווען עשו האט פארשטעלט זיין רשעות מיט שעהנע ווערטער און מכלומרשטע אידעאלען. ער האט גערעדט וועגן וועלטס-שלום און וועגן פרייהייט, וועגן נאציאנא-לע אויפלעבונג און מענשען-רעכט

און אונטער אַ דינע שאָל פון ציווי־ליזאַציע האָט ער בעהאַלטען זיין באַר־באַריזמוס און אכזריות.

דער נביא פערזיכערט, אַז, צום סוף פאַר זיין מפלה, וועלען ווערען אויפגעדעקט עשו׳ס בעהעלטענישען, ער וועט ווערען ענטבלויזט און בלייבען שטעהן פאַר דער גאַנצער וועלט אין זיין פולער נאַקעטקייט, אַזוי אַז אַלע וועלען זעהען וואָס ער איז באמת: אַ רשע, אַנ׳אכזר, אַ ווילדער בלוט־זויגער און מענשען פרעסער...

(אבני אזל)

—

מחמס אחיך יעקב תכסך בושה (א—יוד)

אַ חילד יונגעל קומט אַ היים צום פאָטער מיט אַ געוויין אַז זיין חבר, אַ שטיל בעשיידען קינד, האָט איהם צובלוטיגט. זאָגט דער פאָטער: לויפט נור זעהען וואָס דער חבר זיינער מאַכט, וואָרום אויב יענץ שטיל קינד האָט שוין דעם ווילדען מזיק צובלוטיגט, ווער ווייסט, וואָס ער האָט יענעם געטהון, ווער ווייסט צי ער לעבט נאָך.

ווען עשו שרייט, אַז יעקב האָט איהם שלעכטס געטהון, אַ יודיש יונגעל האָט צו איהם געשאָסען, אָדער אַ שטילער בעל־מלאכה האָט בעליידיגט זיין פאָלק, — מעג מען זיין זיכער אַז עשו האָט שוין יעקב׳ן אַזוי צוגעדריקט און אַזוי צו׳מזיקט אַז אפילו ער אַליין דאַרף זיך שוין שעמען.

מחמס אחיך יעקב — ווען דו האָסט געקענט ברענגען דעם שטילען יעקב צו אַ טהאַט פון חמס—תכסך בושה — דאַרפסטו זיך שעמען. ווי גרויס מוזען שוין זיין די צרות וואָס דו האָסט איהם אָנגעטהון, ווען דו האָסט איהם אַרויסגעברענגט פון געדולד...

(מפי השמועה)

—

עשו שרייט אַז יעקב האָט איהם צוגערויבט די בכורה. באמת אָבער ביי וואָסערע אומשטענדען איז דאָס פאַר־געקומען? ער האָט זי פריד־הער מבזה געוועזען, נישט געהאַט קיין שום בע־ציהונג צו איהר קדושה, צו איהר גייסטיגען ווערט און פאַר אַ טעפעל לינזען צום אָנ׳עסען זיך, האָט ער גע־שריגען „למה זה לי בכורה״—דעמאָלט האָט יעקב, וואָס האָט זיך יאָ געקענט אויפ׳ן ווערט פון דער בכורה, איהר ביי איהם צוגענומען.

דאָס זאָגט דער נביא: מחמס אחיך יעקב — פון דעם וואָס דו שרייסט אַז יעקב האָט דיך בערויבט—תכסך בושה —פון דעם אַליין דאַרפסטו זיך בעדע־קען מיט שאַנדע. ווי נידריג מוזטו זיין, אַז דיין השגה איבער אַזאַ גייס־טיג הויך ענין, ווי די בכורה איז, געהט נישט ווייטער ווי ביז אַביסעל לינזען צום אָנפרעסען זיך...

(צוארי שלל)

פרשת וישב

וישב יעקב (לז—א)

בקש יעקב לישב בשלוה קפץ עליו רוגזו של יוסף (רש"י)

יעקב האָט דאָס גאַנצע לעבען גע־פיהרט מלחמות מיט די שלעכטע כחות, מיט די שלוחים פון יצר־הרע, דאָ אין פאָרם פון אַ לבן, דאָ אין געשטאַלט פון אַנ'עשו. יעצט אויף דער עלטער, האָט ער שוין געוואָלט זיצען בשלוה, נישט פיהרען מעהר די מלחמת־היצר, האַלטענדיג אַז ער האָט איהם שוין מנצח געווען. פון הימעל האָט מען אָבער געוואָלט אַז יעקב זאָל ווייטער פיהרען די מלחמה, וואָרום כאָטש פאַר זיך האָט ער עס שוין נישט געדאַרפט, איז עס אָבער אַ טובה פאַר דער וועלט, ווען דער צדיק קעמפט געגען יצר־הרע און איז איהם מכניע. דעריבער איז געווען — קפץ עליו רוגזו של יוסף — און ער האָט דאָך געהאַט אַ סימן אַז אויב קיינער פון זיינע קינדער וועט נישט שטאַרבען בײַ זיין לעבען דאַן איז ער בטוח נישט צו זעהען דאָס גיהנם (רש"י ווייטער לז—לה), יעצט אָבער דורך יוספ'ן האָט ער געזאָגט „כי ארד אל בני אבל שאולה" און מורא בעקומען פאַר'ן גיהנם, דאַרף מען דאָך אויפסניי אָנהויבען די מלחמה מיט'ן יצר־הרע, איז מען דאָך נאָך גאָרנישט פערטיג מיט זיך...

(שמעתי מהרה"ג ר' יעקב אהרן ז"ל מקאָנסטאַנטין)

אמר הקב"ה לא דיין לצדיקים מה שמתוקן להם לעוה"ב אלא שמבקשים לישב בשלוה בעוה"ז (רש"י)

עס זענען דאָך פערהאַן פיל מצוות וואָס „אוכלין פירותיהם בעולם הזה והקרן קימת לו לעולם הבא" און יעקב האָט דאָך געוויס אויך די דאָזיגע מצוות מקיים געווען, טאָ פאַרוואָס זאָל איהם טאַקי נישט קומען קיין שלוה אויך בעולם הזה אַלס פירות פון די מצוות?

נור דער „קרן" הייסט דער שכר פאַר דער עצם מצוה, און „פירות" הייסט דער שכר פאַר די שוועריגקייטען און מניעות וואָס דער מענש האָט ביים טהוען די מצוה. די דאָזיגע שוועריגקייטען און מניעות קומען דער- פון וואָס דער יצר-הרע פערלייגט זיך אויפ'ן מענש נישט צו לאָזען איהם מקיים זיין דעם ציווי ד'. קומט אויס אַז דער וואָס איז א „אינו מצווה ועושה", האָט נישט די שוועריגקייטען, ווייל דער יצר-הרע פערלייגט זיך נישט אויף איהם אַזוי שטאַרק. ממילא יעקב אבינו וואָס האָט מקיים געווען די מצוות פון זיך אַליין אָהן אַ ציווי, ס'איז דאָך נאָך געווען פאַר מתן-תורה, איז טאַקי ביי איהם נישט שייך געווען קיין פירות...

(נחמד ונעים)

אלה תולדות יעקב יוסף (לז–ב)

אַ יוד דאַרף זיך קיינמאָל נישט בעגנוגנען מיט דעם וואָס ער האָט שוין דערגרייכט און בלייבען שטעהן אויף אַן אָרט, נור ער דאַרף שטרעבען צו שטייגען וואָס אַמאָהל מעהר אין יודישקייט, צו זיין אַ „מוסיף והולך".

אלה תולדות יעקב — דאָס דאַרפען זיין די מעשים טובים (תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים) פון יעדען יעקב — יוסף — צו דערגרייכען וואָס אַמאָהל מעהר...

(הה"ק מרימאַנאָוו ז"ל)

ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם (לז–ב)

ער האָט געזעהען אַז די ברידער זענען נישט אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין, האָט ער זיי מזכיר געווען פאַר'ן צדיק הדור, פאַר יעקב'ן, כדי ער זאָל מתפלל זיין אויף זיי...

(הה"ק מהרי"ד מאַמשינאָוו ז"ל)

אז א פאטער האט עטליכע קינדער און איינס פיהרט זיך גאר גוט, זעהען זיך דאדורך ארויס די חסרונות פון די איבריגע קינדער און דער פאטער שטראפט זיי פארוואס זיי זענען נישט אזוי ווי ער.

יוסף מיט זיין צדקות, האט ממילא גורם געווען אז יעקב'ן זאל נישט געפעלען די הנהגה פון די איבריגע קינדער.

דאך איז יוסף נענש געווארען, ווייל ער האט זיך געדארפען אזוי צו בע־האלטען מיט זיינע מעשים טובים, צו טהוען זיי אזוי בהצנע, אז אפילו זיין פאטער יעקב זאל איהם נישט דער־קענען...

(בשם הה״ק מהרים״ מווארקא ז״ל)

וישראל אהב את יוסף מכל בניו... ועשה לו כתנת פסים (לז—ג)

די חז״ל דערצעהלען אז רבי יוחנן בן נורי האט געזאגט: איך בין מעיד אויף מיר הימעל און ערד, אז פיל מאהל האט עקיבא בן יוסף בעקומען קלעפ דורך מיר, ווייל איך האב איהם אנגעקלאגט פאר רבן גמליאל'ן און דאך, איז זיין אהבה צו מיר פיל גרע־סער געווארען, אזוי ווי דער פסוק זאגט „הוכח לחכם ויאהבך" (ערכין טז).

דעריבער ביז יעצט, כאטש יעקב האט שטארק ליב געהאט יוסף'ן, אלס בן־זקונים, האט ער איהם דאך נישט געוואלט מאכען פאר אנ'אוינאהם פון די אנדערע קינדער כדי נישט ארויס־צורופען קנאה צו איהם, אזוי ווי די חז״ל זאגען: לעולם אל ישנה אדם לבן בין הבנים (שבת יוד) — נור יעצט ווען ס'איז געווען — ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם — ער האט זיי אנגעקלאגט פאר'ן פאטער כדי ער זאל זיי מוכיח זיין, האט יעקב גערעכענט, אז זיי האבען דאדורך צו איהם בעקומען א גרעסערע אהבה און זיי וועלען איהם ממילא נישט מקנא זיין, דעריבער האט ער איהם געמאכט א כתונת־פסים.

די ברידער האבען אבער נישט פערשטאנען, אז דאס מאכט יעקב איהם אנ'אויסנאהם צוליב זייער אהבה, נור־ ויראו אחיו כי אותו אהב אביהם מכל אחיו — זיי האבען עס תולה געווען, אז דער פאטער טהוט עס צוליב זיין אייגענער אהבה וואס ער האט צו יוסף'ן מעהר ווי צו זיי, דעריבער — וישנאו אותו...

(מלא העומר)

כי בן זקנים הוא לו (לז—ג)

דער בעל-הטורים זאָגט אַז „זקונים״ איז ראשי-תיבות פון די סדרי-משנה: ז׳רעים, ק׳דשים, נ׳שים, י׳שועות (נזיקין), מ׳ועד — יוסף האָט געלערענט ביי יעקב׳ן די דאָזיגע סדרי משנה.

איז דאָך שווער, ס׳איז דאָך פאַראַן נאָך אַ סדר משניות, סדר טהרות, פאַרוואָס זשע איז דאָס נישט דאָ דערמאָהנט?

נור — האָט דער גערער רבי שליט״א געזאָגט — אויף טהרות דאַרף מען אַליין אַרבייטען, דאָס קען מען נישט קענען פון בלויזען לערנען ביים טאַטען...

וישנאו אתו ולא יכלו דברו לשלם (לז—ד)

זיי האָבען נישט געקענט סובל זיין דאָס וואָס ער רעדט מיט זיי אַזוי פריידליך, דען זיי האָבען געטענה׳ט: אויב דו האַלסט אונז פאַר זינדיגע, איז דאָך אַ מצוה דו זאָלסט אונז פיינט האָבען — הרואה בחבירו דבר עבירה מצוה לשנאותו — טאָ פאַרוואָס רעדסטו מיט אונז אַזוי שלום׳דיג. מוז דאָך זיין איינס פון דיביידע, אָדער דו זעהסט נישט ביי אונז קיין דבר עבירה, האָסטו דאָך גלאַט גערעדט לשון-הרע, אָדער דו זעהסט יאָ אַ דבר עבירה ביי אונז און דאָך האָסטו אונז נישט פיינט — טהוסטו דאָך דערמיט אַליין אַ דבר-עבירה, פאַר וועלכען מען דאַרף דיך פיינט צו האָבען, דעריבער — וישנאו אותו...

(תורת משה)

וילכו אחיו לרעות את צאן אביהם (לז—יב)

לא הלכו אלא לרעות את עצמן

(רש״י)

דאָס דאָזיגע אַוועקגעהן פון די ברידער, וועלכעס האָט גורם געווען, אַז יוסף זאָל פערקויפט ווערען קיין מצרים און דאָרט ווערען משנה-למלך— איז געווען אַ סבה, אַז זיי זאָלען קענען בעקומען עסען זיך מפרנס צו זיין בשעת דעם שפּעטערדיגען הונגער, אַזוי ווי יוסף האָט געזאָגט: כי למחיה שלחני אלהים לפניכם (בראשית מה—ה)...

(תורת משה)

לך נא ראה את שלום אחיך (לז—יד)

דו זאָלסט זיך בעמיהען צו זעהען דאָס שלימות פון דיינע ברידער זיי·

ערע מעלות, נישט זייערע חס־רונות, וועסטו דערמיט אויסמיידען מחלוקת...

(הרבי ר"ב ז"ל מפשיסחא)

* * *

אין די תפלה פון רבי ר' אלימלך ז"ל פון ליזיינסק ווערט געזאגט: שנראה כל אחד מעלת חברינו ולא חסרונם...

והשבני דבר (לז—יד)

יעקב האט געוואוסט אז די ברידער האבען איהם פיינט און ער האט מורא געהאט אז עס זאל איהם נישט גע־שעהען קיין שלעכט'ס. האט ער איהם דעריבער פריהער געזאגט: לכה ואשלחך — כדי איהם צו מאכען פאר א שליח־מצוה, מקיים צו זיין כבוד־אב און „שליחי מצוה אינם נזוקים". ער האט אבער ווייטער מורא געהאט פאר צוריקוועגס, וואס דעמאלט וועט ער שוין נישט זיין קיין שליח מצוה און ס'איז דאך פערהאן א שיטה אז „שליחי מצוה אינם נזוקים דווקא בהליכתם ולא בחזירתן" — האט ער דעריבער געזאגט: והשיבני דבר — כדי דערמיט איהם צו מאכען פאר א שליח־מצות אויך ביים צוריקגעהן...

(אור החיים)

את אחי אנכי מבקש (לז־טז)

א יוד דארף שטענדיג ביי זיין תפלה, צו בעטען נישט בלויז פאר זיך בעזונדער, נור אז ער זאל גע־האלפען ווערען צוזאמען מיט זיינע ברידער, אינ'ם כלל ישראל. אזוי ווי די חז"ל זאגען אז מען בעט אויף א חולה, זאל מען בעטען „המקום ירחם עליך בתוך חולי ישראל" (שבת י"ב). דאס איז דער טייטש: את אחי — מיט מיינע ברידער — אנכי מבקש — בעט איך, אז מיין הילף זאל קומען צוזאמען מיט די הילף פון מיינע ברידער, פון אלע יודען.

(אור התפלה)

ונראה מה יהיו חלמתיו וישמע ראובן ויצלהו מידם (לז—כ. כא)

רוח הקודש אומרת כן ונראה מה

דעריבער שטעהט באלד דערנעבען „וישמע ראובן" — ראובן האט דער־הערט די שטימע פון רוח־הקודש וואס זאגט „ונראה מה יהיו חלומותיו", האט ער פערשטאנען אז אויב ער הערט עס און די אנדערע ברידער הערען עס נישט, איז א סימן אז מען מיינט איהם דערמיט, אז אויף איהם ליגט דער חוב מציל צו זיין, דעריבער — ויצילהו מידם.

יהיו חלומותיו נראה דבר מי יקום (רש"י)

אזוי דערצעהלט אויך די גמרא וועגען אילפא און רבי יוחנן, וואס זענען געזעסען צוזאמען, האט ר' יוחנן געהערט א בת־קול און אילפא האט עס נישט געהערט האט ר' יוחנן געזאגט אז עס איז א סימן, דאס מען מיינט נור איהם דערמיט ווייל ער האט עס געהערט (תענית כ"א).

(פנים יפות, פרדס יוסף)

———

והשליכו אותו הבורה והבור ריק אין בו מים (לז כד)

זיי האבען איהם געוואלט דערמיט מרמז זיין אז ער האט געזינדיגט מיט'ן חטא לשון־הרע, ווארום דער עונש פון א בעל לשון־הרע איז געביסען צו ווערען פון א נחש, אזוי ווי די חז"ל

מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו. (רש"י)

זאגען אויפ'ן פסוק: אם ישך הנחש בלא לחש ואין יתרון לבעל הלשון" (קהלת י—יא)

(שפתי כהן)

———

....

דאס איינציגע מיטעל צום יצר־הרע איז די תורה, אזוי ווי די חז"ל זאגען: בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קדושין ל') — דארט ווי ס'איז קיין תורה נישטא, איז פערהאן אנ'ארט פאר אלערליי נחשים ועקרבים, די שליחי־השטן פון דער וועלט שולט צו זיין אויפ'ן מענש.

דאס איז דער רמז: מים אין בו — אויב ס'איז נישטא קיין תורה, וואס הייסט „מים" — אין מים אלא תורה — דאן איז זיכער — נחשים ועקרבים יש בו — זענען שוין פערהאן די נחשים ועקרבים וואס זענען מזיק דעם מענש און ער קען זיך נישט קיין עצה געבען...

(אבני אזל)

———

אויב ס'איז פערהאַן וואַסער, איז נאָך קיין שלאַנג נישט אַזאַ סכנה, אַזוי ווי דער ירושלמי (ברכות פ"ה) זאָגט, אַז ווען אַ שלאַנג גיט אַ ביס אַ מענש, איז אויב דער מענש קומט פריהער צום וואַסער, ווערט ער ניצול. נור אויב — מים אין בו — קיין וואַסער איז נישטאַ, דאַן איז אַ גרויסע סכנה ווען ס'איז נחשים ועקרבים יש בו...

(שמעתי)

והנה ארחת ישמעאלים באה... ויאמר יהודה אל אחיו מה בצע (לז—כה, כט)

ערשט יעצט האָט יהודה דאָס געזאָגט. וואָרום דער מדרש זאָגט אַז די שבטים האָבען געוואָלט הרג'ענען יוסף'ן ווייל זיי האָבען געזעהען ברוח הקודש, אַז פון איהם וועט אַרויסקומען ירבעם בן נבט. ווען אָבער עס זענען גראַד יעצט אָנגעקומען ישמעאלים, האָט יהודה דערין געזעהען אַן אָנדייטונג פון הימעל זיך צו דערמאָהנען, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען ביי ישמעאל'ן „באשר הוא שם" — אַז השי"ת איז נישט דן דעם מענש צוליב דאָס שלעכטע פון עתיד. דעריבער האָט יהודה געזאָגט אַז מען דאַרף איהם נישט הרג'ענען צוליב דעם וואָס „ירבעם עתיד לצאת הימנו" — מה בצע כי נהרוג את אחינו...

(פלא העומר)

* * *

דאָס איז אויך דער פשט אין מדרש אויפ'ן פסוק „נסעו מזה" — נסעו ממדותיו של מקום (מד"ר וישב פ"ד) — דערמיט וואָס זיי האָבען איהם געוואָלט הרג'ענען, על שם העתיד, זענען זיי אַוועק פון די מדות פון השי"ת, וואָס ער איז נישט דן על העתיד, נור-באשר הוא שם...

(שמעתי)

כי נהרוג את אחינו וכסינו את דמו (לז—כו)

ביים הרג'ענען אַ מענש פאַר אַ פערברעכען קענען זיין צוויי מאָטיוען. אָדער זיך צו בערוהיגען דורך די נקמה וואָס מען האָט גענומען, אָדער כדי אָבצושרעקען אַנדערע מענשען כדי זיי זאָלען אַזאַ פערברעכען נישט טהוען — למען ישמעו וייראו. דאָ אָבער — זאָגט יהודה — וועט מען

ביידע זאלען נישט דערגרייכען. מיר וועלען זיך נישט בערוהיגען וואָרום — נהרוג את אחינו — און דאָס געוויסען וועט אונז שטענדיג פייניגען אז מיר האָבען דער'הרג'עט א ברודער און נישט אַנדערע מענשען וועלען זיך אָבשרעקען, וואָרום — וכסינו את דמו — מיר וועלען דאָך מוזען די מעשה פערדעקען. אויב זשע אַזוי — מה בצע — וואָס פאַר א נוצען וועלען מיר האָבען דערפון?..

(ספורני)

אויב מען וועט מוזען פערדעקען די זאַך און האַלטען עס פאַר א סוד, איז שוין א סימן אַז עס איז נישט קיין גוטע זאַך. דאָרט ווי ס'איז א סוד, איז א גניבה...

(הה"ק מקאצק זצ"ל)

לכו ונמכרנו לישמעאלים... וישמעו אחיו ויעברו אנשים מדינים סחרים וימשכו ויעלו את יוסף מן הבור וימכרו את יוסף לישמעאלים (לז—כו, כח)

די ברידער האָבען געהערט וואָס יהודה האָט געראָטען צו פערקויפען יוספ'ן צו די ישמעאלים און האָבען געטראַכט אַזוי צו טהוען. דערווייל זענען אַדורכגעגאַנגען מדינים און האָבען דערזעהען יוספ'ן אינ'ם גרוב, האָבען זיי, די מדינים, איהם אַרויסגעצויגען פונ'ם גרוב, און זיי האָבען איהם פערקויפט די ישמעאלים. די ברידער האָבען אַלזאָ פאַקטיש יוספ'ן נישט פערקויפט, מען האָט פון הימעל נישט דערלאָזט אַז זיי זאָלען אַזעלכעס טהוען. דאָך ווערט עס בעטראַכט פאַר א חטא, אַזוי ווי זיי וואָלטען איהם פערקויפט, ווייל זיי האָבען געהאַט אַזאַ מחשבה און זיי האָבען אויך דערצו גורם געוועזען...

(רשב"ם)

וישב ראובן אל הבור (לז—כט)

ובמכירתו לא היה שם, עסוק היה בשקו ובהתעניתו על שבלבל יצועי אביו

(רש"י)

די חז"ל זאָגען אין מדרש: ראובן פתח בתשובה תחלה. איז דאָך שווער, מיר געפונען דאָך נאָך תשובה ביי אדם הראשון און ביי

קין?
נור דאָרט איז געווען תשובה אויף אַן עבירה, ראובן איז אבער געווען דער ערשטער, וואָס כאָטש ער האָט קיין חטא נישט געטהוען, אדרבה ער האָט זיך אָנגענומען די מוטער'ס כבוד — כל האומר ראובן חטא אינו אלא טועה, עלבון אמו תבע — דאָך האָט ער תשובה געטהוען, טאָמער איז די גוטע מעשה נישט געווען געווען בשלימות לשם שמים...

(קול שמחה)

* * *

עהנליך ווערט געטייטשט דער מדרש: מעולם לא חטא אדם לפני ועשה תשובה אלא ראובן — קיינמאָל איז נאָך נישט געווען קיין מענש, וואָס „לא חטא" — ער האָט נישט געזינדיגט און דאָך — ועשה תשובה — נור ראובן איז געווען אַזעלכער, וואָס האָט געטהוען תשובה אויף „לא חטא"...

(ילקוט האורים)

הילד איננו ואני אנה אני בא (לז—ל)

וישב ראובן אל הבור — ווען מען קומט נעהנטער צו די טעג וואָס מען דאַרף געהן אין בור — לאן אתה הולך למקום עפר רמה ותולעה — און מען זעהט אַז — אין יוסף בבור — מען האָט גאָרנישט מוסיף געווען אין עבודת השם און אין יודישקייט, אַז מען זאָל זיך האָבען וואָס מיטצונעמען אין בור אַריין, דאַן שרייט מען אויס: הילד איננו — די יוגענד איז שוין נישטאָ, אַוועק די יונגע יאָהרען — ואנה אני בא — ווי אַזוי וועל איך דאָרט אַהין קומען...

(הה"ק ר' דוד מזאבליטוב ז"ל)

דאָס איז דער סימן פון' אמת'ן בעל תשובה, ער קען זיך קיין אָרט נישט געפונען, ער שרייט: ואנה אני בא...

דער וואָס האָט נאָך ביי זיך אַן אָרט, ער קען זיך נאָך געפונען אַן אָרט אויף דער וועלט, דער איז נאָך נישט קיין אמת'ער בעל תשובה.

(בשם גדול אחד)

אנה אני בא במעשה בלהה (רש"י)

קיינעם פון די שבטים וועט יעקב נישט חושד זיין דערין, ווארום צוליב דעם „ויבא יוסף דבתם רעה", האבען זיי איהם בעדארפען נאכמעהר ליב צו בעקומען אלס מוכיח. נור בלויז אויף ראובנ'ען, וואס צוליב די מעשה-בלהה האט ער פערלוירען די בכורה און זי איז איבערגעגעבען געווארען יוסף'ן, אלס ערשטער זוהן פון רחל'ען — ובחללו יצועי אביו נתנה בכורתו לבני יוסף (דה"א ה—א) — וועט דעריבער פאלען דער חשד, אז ער איז עס אויסען געווען אראבצוברוימען יוסף'ן פונ'ם וועג, כדי עס זאל נישט זיין וועמען איבערצוגעבען די בכורה און ממילא וועט זי צוריקקומען צו איהם.

דאס האט ער געשריגען: ואנה אני בא במעשה בלהה — דורך די מעשה בלהה, וועל איך זיך נישט קענען פערענטפערען...

(מלא העומר)

ויטבלו את הכתנת בדם (לז-לא)

עס קען זיין, אז דאס וואס יודען ליידען אזוי פיל פונ'ם עלילת-דם — וועלכעס עס איז גארנישט צום בעגרייפען, ווי אזוי מען קען יודען חושד זיין אין אזא זאך צו געברויכען מענשליך בלוט, וואס האט גאר קיין שום יסוד נישט — איז עס אלס עונש, פאר דעם בלוט אין וועלכען זיי האבען איינגעטונקט דעם כתונת-פסים, כדי צו פרעגען יעקב'ן „הכר נא"...

(הג"ר אלחנן וואסערמאן שליט"א)

הכר נא הכתנת בנך היא אם לא (לז-לב)

די שבטים האבען געזאגט אזא לשון אין וועלכען ס'איז פערהאן א רמז צו יעקב'ן, אז ער האט גורם געווען צו דעם אלעם, וייל ער האט געמאכט יוסף'ן פאר אנ'אויסנאהם פון אלע קינדער, געבענדיג איהם א כתונת-פסים און דערמיט ארויסגערופען זייער קנאה. אזוי ווי די חז"ל זאגען: לעולם אל ישנה אדם לבן בין הבנים שהרי בשביל משקל שני סלעים מילת שנתן יעקב ליוסף נתגלגל הדבר וירדו אבותינו למצרים (שבת יוד).

דאס האבען זיי געזאגט: הכר נא — אנערקען יעצט — הכתונת בנך הוא — צו איז עס באמת, דאס כתונת וואס דו האסט געמאכט פאר דיין זוהן, מעהר ווי פאר די אנדערע קינדער, און זעה צו וואס דאס האט צוגעברענגט.

(אבני אזל)

ווען מען האָט איינעם פיינט, דערמאָהנט מען איהם נישט ביים אייגענעם נאָמען, אַזוי ווי שאול האָט געזאָגט וועגען דוד'ן, ווען ער איז געוועזען אין כעס אויף איהם: מדוע לא בא בן ישי (שמואל א' כ—כז) — און ער האָט נישט געזאָגט „דוד".

ווען די ברידער האָבען געזאָגט: הכתונת בנך היא — און נישט געזאָגט „הכתונת יוסף היא", האָט יעקב אַרויסגעפיהלט זייער שנאה און האָט געזאָגט: חיה רעה אכלתהו — דאָס האָבען איהם פערגיכטעט די ברידער וואָס זענען געגליכען צו חיות (יהודה גור אריה). אַ ראיה דערצו איז וואָס — „טרף טרף יוסף" — דער נאָמען „יוסף" איז ביי זיי פערציקט געוואָרען זיי קענען דעם נאָמען נישט דערמאָהנען...

(שמעתי בשם גדול אחד)

והמדנים מכרו אתו אל מצרים (לז—לו)

פונקט אַזוי ווי דורך די קנאה וואָס די שבטים האָבען מקנא געוועזען יוספ'ן, איז ער פערקויפט געוואָרען אַלס עבד קיין מצרים, אַזוי זענען יודען שפעטער געוואָרען עבדים צו די מצריים, צוליב די קנאה וואָס די מצריים האָבען זיי מקנא געוועזען זאָגענדיג: הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו (שמות א—ט) — און אַזוי ליידען יודען עבדות און פיין אין אַלע גלות'ן אַממייסטען צוליב די קנאה פון די גויים...

(חזקוני)

———

ויהי ער בכור יהודה רע בעיני ד' (לח—ז)

„ויהי" — ס'איז אַ גרויסער צער און וועהטאָג (אין „ויהי" אלא לשון צער) ווען „ע ר בכור יהודה" — דער וואָס דאַרף צו וועקען („ער" פון לשון: התעוררות) צו יודישקייט, אַז דאָס יודישקייט זאָל זיין בעפאָרצוגט און האָבען די בכורה, ווען דער דאָזיגער מעורר איז גאָר — רע בעיני ד' — טהוט אַליין שלעכטס אין ג—ט'ס אויגען...

וועה איז צום דור, ווען די וואָס דאַרפען איהם מעורר זיין צו יודישקייט, טויגען אַליין נישט...

(הה"ק מהר"מ ז"ל מקאברין)

עד יגדל שלה בני כי אמר פן ימות גם הוא כאחיו (לח—יא)

פארוואס אז ער וועט גרויס ווע־רען, איז נישט די מורא „פן ימות גם הוא כאחיו"?

נור באמת מעג א קטן אויך מייבם זיין און מען איז נישט חושש טאמער וועט ער זיין א סריס ווייל מען גייט נאכ'ן רוב. אבער אקעגען א סכנה וואס „חמירא סכנתא מאיסורא" קוקט מען נישט אויפ'ן רוב. האט ער גע־קלערט, טאמער וועט ער זיין א סריס, איז דאך נישטא די מצוה פון יבום וואס זאל מגין זיין, ממילא וועט ער אויך שטארבען ווייל זי איז דאך גע־וועזן א קטלנית (א פרוי וואס די ערשטע צוויי מענער זענען איהר גע־שטארבען). דעריבער האט יהודה גע־הייסען ווארטען ביז ער וועט גרויס ווערען און ס'וועט קלאהר ווערען אז ער איז נישט קיין סריס, איז דאך פערהאן די מצות יבום, וועט די מצוה מגין זיין אז ער זאל נישט שטארבען — שומר מצוה לא ידע דבר רע...

(הכתב והקבלה בשם הגורע ביהודה ז"ל)

———

ותשב בפתח עינים (לח—יד)

זי איז געזעסען מיט אפענע אויגען. זי האט געזעהען וואס עס וועט פון דעם ארויסקומען — דאס מלכות־בית־דוד...

(בשם החדושי הרי"ם ז"ל)

———

ויחשבה לזונה כי כסתה פניה (לח—טו)

די גמרא דערצעהלט: רבי חנינא און רבי יונתן זענען געגאנגען אין וועג, האט איינער געזאגט צום צווי־טען: לאמיר ספעציעל אדורכגעהן „אפתחא דבי זונות", כדי מיר זאלען אונטערדרוקען דעם יצר־הרע. ווי זיי זענען דארט אהינגעקומען, האבען זיך די זונות פאר זיי בעהאלטען, זיי הא־בען זיך נישט געקענט ארויסווייזען אין געגענווארט פון זייער תורה און קדושה (עבודה זרה י"ז).

דעריבער ווען יהודה האט געזעהען — כי כסתה פניה — אז זי קען נישט ווייזען דאס פנים אין זיין געגענווארט, האט ער גערעכענט אז דאס איז א זונה...

(מלא העומר)

———

איה הקדשה היא בעינים על הדרך (לח—כא)

„איה הקדשה" — וואו איז דער מקור פון „קדשות", דער שורש פון ניאוף און דעמאראליזאציע — היא בעינים, על הדרך — דער מקור פון דעם חטא, ליגט אין די אויגען, ווען זיי זעהען אלץ וואס קומט זיי אונטער אויפ'ן וועג...

עינא ולבא תרי סרסורי דחטאה...

העין רואה והלב חומד...

(הה"ק מהר"מ מפשעחארסק ז"ל)

לא היתה בזה קדשה (לח—כא)

עס איז ביי דעם גאנצען ענין, נישט געווען דאס מין „קדשות", נור א בכוונה'דיגער פלאן פון הימעל, כדי צו בעשאפען דעם אור פון משיח'ן, דורך אזא פערשטעלטען און בעהאלטענעם וועג, אז דער שטן זאל עס נישט מרגיש זיין...

(הה"ק ר' מאיר'ל מפרעמישלאן ז"ל)

ויהי כמשלש חדשים... ויאמר יהודה הוציאוה ותשרף (לח-כד)

פונדאנען איז א רמז אויף נר-חנוכה. וואס איז דריי חדשים נאך ראש-השנה. נר-חנוכה איז די מצוה אז עס זאל זיין מבחוץ — הוציאוה — ארויסצונעמען איהר דרויסען „על פתח ביתו". „ויאמר יהודה" — איז א רמז אויף דעם וואס רבי יהודה זאגט: חנוני שהדליק נרו מבחוץ ונשרף הפשתן פטור מפני שהוציא ברשות (שבת כא)...

(קול שמחה)

———

• • •

ויהי ד' את יוסף ויהי איש מצליח ויהי בבית אדוניו המצרי (לט—ב)

פערהאן מענשען וואס קענען נור דינען השי"ת, ווען זיי זענען ארים. ביי עשירות פערגעסען זיי — וישמן ישורון ויבעט. פערהאן ווידער אזעלכע וואס נור בעת עס פעהלט זיי ניש זענען זיי עובדי ד', אבער ביי ארימ

קייט איז „ענוות מעבירה את האדם על דעתו ועל דעת קונו".

ביי יוסף'ן זאָגט די תורה עדות אַז — ויהי ד' את יוסף — ער איז געווען דבוק אין השי"ת, סיי — ויהי איש מצליח — ווען עס איז איהם געגאַנגען גאָר גוט און סיי — ויהי בבית אדוניו המצרי — ווען ס'איז איהם געווען גאָר שלעכט. ער איז בייגעשטאַנען ביידע נסיונות, דעם נסיון העוני און דעם נסיון העושר...

(דעת זקנים מבעלי תוס')

ווייל ער איז געווען „בבית אדוניו המצרי" איז ערשט געווען „ד' אתו" — אַז איינער האָט אַ פּאַס גוטען ווייַן ביי זיך אין שטוב, דאַרף ער עס נישט אַזוי היטען, ווען אָבער דאָס פּאַס ווייַן געפינט זיך ביי אַ גוי אין שטוב, מוז מען דערויף גאָר שטאַרק אַכטונג געבען און עס אָבהיטען פון אַ „מגע נכרי"...

(בית יעקב)

ויעזב כל אשר לו ביד יוסף ולא ידע אתו מאומה כי אם הלחם אשר הוא אוכל ויהי יוסף יפה תאר ויפה מראה

(לט—ו)

כאָטש פּוטיפר האָט איהם אַלץ איבערגעגעבען, דאָך — ולא ידע אתו מאומה — האָט יוסף נישט געוואָלט פון גאָרנישט נהנה זיין, ווייל די מאכלים זענען דאָך געווען נבילות וטריפות — כי אם הלחם אשר הוא אוכל — נור בלויז טרוקען ברויט האָט ער געגעסען. דאָך — ויהי יוסף יפה תאר ויפה מראה — האָט ער אויסגעזעהען שעהן. אַזוי ווי דער פּסוק זאָגט אויך ביי דניאל'ן: אשר לא יתגאל בפתבג המלך... מראיהם טוב ובריאי בשר (דניאל א—ח, טו) — כאָטש זיי האָבען נישט געגעסען פון מלך'ס מאכלים, האָבען זיי דאָך גוט אויסגעזעהען...

(שפתי כהן ועו"ד)

וימאן ויאמר (לט—ח)

ווען מען רעדט אָן דעם מענש צו אַן עבירה, איז ס'ערשטע, דאַרף ער זיך געגענשטעלען אָהן אַ שום טעם, נישט אַריינגעהן אין קיין סברות און וכוחים, נור זאָגען: „איך וויל נישט" ווייל מען טאָר נישט — וימאן. ערשט דער

נאך קען ער מסביר זיין מיט לאגישע מאטיוועו: הן אדוני... אינני גדול... ואיך אעשה...

(שפת אמת)

אמר לה בדבר מצוה ממאנין — מאן יבמי — בדבר עבירה אין ממאנין!

(מדרש)

וואס איז דא דער פשט אין מדרש?

נור זי האט דאך געטענה'ט אז זי זעהט באיצטגנינות דאס איהר מזל איז צו האבען קינדער פון איהם, האט איהר יוסף געענטפערט, ווען אפילו דער אמת איז אזוי, דארף מען אויך ממאן צו זיין. ווען מען זעהט ביי יבום וואס איז א מצוה, פונדעסטוועגען אז מען וויל נישט, האט די תורה געפונען אנ'אנדערע עצה, דורך חליצה, מכל-שכן ביי אנ'עבירה, ווען מען וויל נישט, וועט מוזען געפונען ווערען אנ'עצה ווי אזוי מתקן צו זיין דאס וואס עס דארף געשעהען לויט'ן מזל. באמת איז טאקי אזוי געוועזען, אז ער האט שפעטער גענומען די טאכטער אסנת און פון איהר געהאט קינדער...

(שפת אמת לקוטים)

ואיך אעשה הרעה הגדולה הזאת וחטאתי לאלהים (לט—ט)

ער האט דאך געגעבען צו פערשטעהן אז ס'איז א זינד צום אדון, וואס האט צו איהם אזוי פיל צוטרוי, וואס דען פיהרט ער אויס „וחטאתי לאלהים"?

נור, לויט'ן מדרש, האט זי איהם געגעבען צו פערשטעהן אז אין הימעל וויל מען אזוי האבען, דאס זי זאל האבען קינדער פון איהם, ווייל זי האט אזוי געזעהען באיצטגנינות (באמת האט טאקי יוסף גענומען איהר טאכטער אסנת און געהאט פון איהר קינדער). דערויף האט יוסף געענטפערט אז היות די זאך איז געגען מענשליכקייט, קען נישט זיין אז דאס זאל זיין דער רצון פון הימעל. אין הימעל קען מען נישט וועלען א זאך, וואס איז געגען מענשליכען נימוס.

אויב ס'איז א „רעה גדולה" פאר'ן אדון, ס'איז א מיסברויך מיט זיין צוטרוי, דאן מוז עס זיכער זיין — וחטאתי לאלהים — א חטא אויך כלפי שמים, געגען רצון ד'...

(הה"ק ר' יעקיל'ע ראדזמינער ז"ל)

וחטאתי לאלהים (לט—ט)

בני נח נצטוו על העריות (רש"י)

אויב אזוי, איז זי דאך אויך מצווה דערויף, האט ער דאך געדארפט זאגן „וחטאנו" א לשון רבים?
נור יוסף האט זיך נישט געוואלט, מיט איהר צוזאמען נעמען אפילו אין רעדען, אפילו מיט'ן דיבור האט ער נישט געוואלט זיך מיט איהר מתייחד זיין אין איין ווארט...

(הרבי ר' בונם ז"ל מפשיסכא)

ויבא הביתה לעשות מלאכתו (לט—יא)

לעשות צרכיו נכנס אלא שנראה לו דמות דיוקנו של אביו (רש"י)

יעקב'ס דרך איז געווען, נישט צו ענדערען גארנישט דעם אלט-יודי־שען לבוש, נישט צו פוצען זיך און צו מאדערניזירען זיך. יוסף האט אבער געהאט א שיטה, צו בעהאלטען דאס אינערליכע צדקות, דורכ'ן אויס־ערליכען זיך שעהן מאכען. אזוי ווי רש"י זאגט: מתקן בשערו, ממשמש בעיניו כדי שיהיה נראה יפה (לז—ב). דעריבער האט פוטיפר'ס ווייב געהאט צו איהם א צוטרויען ווייל זי האט גערעכענט אז לויט זיין אויסערליכער האלטונג וועט ער זיך נישט געגענ־שטעלען. אזוי ווי עס שטעהט אין זוהר הקדוש אויפ'ן „ותתפשהו בבגדו" — אז זי האט זיך געקענט אין איהם אנכאפען נור צוליב זיין אויסערליכקייט, זיינע בגדים, וואס זענען געווען שעהן און צוגעפאסט צום מאדערנעם געשמאק.

ווען יוסף האט געזעהען צו וועל־כען זיין דרך האט געקענט צוברענגען, האט ער אנערקענט, אז דער וועג פון זיין פאטער איז א בעסערער וועג, ער פיהרט נישט צו נסיונות און דערהייטערט דעם יצר-הרע — נראה לו דמות דיוקנו של אביו — ס'איז איהם יעצט געפעלען געווארען (פון לשון: רואה אני את דברי אדמון) דער פארם און די געשטאלט פון זיין פאטער, דער אלטער יודישער דרך, סיי אין דער הלבשה, סיי אין דער האלטונג...

(הרבי ר' מאיר'ל פרעמישלאנער
ובספרם יוסף—בשם מהר"י מקארקא ז"ל)

פריהער שטעהט „ויהי ד' את יוסף" — דער שם „הויה" איז געווען מיט

יוספ'ן. ווען מען גיט צו דעם בעטרעף פון שם „הויה" (26) צום בעטרעף פון „יוסף" (156), ווערט צוזאמען דער בעטרעף פון „יעקב" (182) — ווען יעצט האט ער זיך אבגעהאלטען פונ'ם חטא, צוליב דעם וואס דער שם „הויה" איז איהם געשטאנען פאר די אויגען — שויתי ד' לנגדי תמיד — איז דאס דער „דמות דיוקנו של אביו" — דורך שם „הויה" ווערט דאך פון יוסף — יעקב...

(ילקוט ראובני)

דאס איז דער רמז פון פסוק: ויבא ויצא החוצה — „ויצא" איז די ראשי תיבות פון: „ו'ירא י'וסף צ'ורת א'ביו" — דעריבער איז ער אנטלאפען החוצה...

(ספרים)

פארוואס האט מען יוספ'ן געפרובט מיט אזא נסיון?

וייל ער האט דאך געדארפען ווערען א מושל איבער מצרים וואס איז געוועזען פול מיט טומאה און זנות — ערות הארץ — האט מען איהם געמוזט אויספרובען, אז ער זאל קענען ביי־שטעהן דעם נסיון, כדי ער זאל ווע־רען דער צדיק יסוד עולם און די טומאת־מצרים זאל איהם נישט פוגם זיין. ממילא וועט ער קענען בלייבען דער מושל...

(שמעתי)

איך שר בית הסהר ראה את כל מאומה בידו
באשר ד' אתו (לט—כג)

ווען דער שר בית הסוהר האט געזעהען אז יוסף איז אזוי שטארק מצליח, האט ער איהם אנגעהויבען נאכקוקען, צו זעהען זיינע מעשים פאר וועלכע ער איז זוכה צו הצלחה. אבער ער האט גארנישט געזעהען, וייל יוסף האט זיך שטארק בעהאלטען מיט זיין צדקות — באשר ד' אתו — דאס אלקות איז געוועזען נור מיט איהם, אזוי אז קיין אנדערער האט עס נישט דער־קענט, אזוי ווי דער פסוק זאגט: והצנע לכת את אלהיך (מיכה ו—ח)...

(בוצינא דנהורא)

בעוד שלשת ימים ישא פרעה את ראשך מעליך ותלה אותך על עץ ואכל העוף את בשרך (מ—יט)

פארוואס האט יוסף פותר געוועזען דעם שר האופים אז מען וועט איהם אויפהענגען?

נור מען דערצעהלט אז אויף א געוויסע בילדער־אויסשטעלונג האט א גרויסער מאהלער אויסגעשטעלט א בילד, ווי א מענש האלט א קארב מיט פירות און דאס בילד אזוי נאטירליך און לעבעדיג, אז די פויגעל האבען געמיינט דאס עס איז פאקטישע פרוכטען און זענען צוגעפלויגען עסען פון זיי. די גאנצע וועלט האט דאס בילד בעוואונדערט, און מען האט בעשטימט א פריז פאר דעם וואס וועט געפונען דערין א חסרון. איז געוועזען איינער א חכם און האט געזאגט: די פירות זענען טאקי גוט ארויסגעקומען אבער דער מענש איז נישט נאטירליך, ווארום ווען דער מענש וואלט אויך געוועזען ווי לעבעדיג, וואלטען דאך די פויגעל מורא געהאט פאר איהם און זיי וואלטען נישט צוגעפלויגען עסען די פירות וואס ער טראגט אין האנד —דער האט טאקי דעם פריז בעקומען.

דעריבער אויך דא, האט יוסף פערשטאנען ווען דער שר האופים דערצעהלט אז דאס עוף האט געגעסען דאס געבעקס וואס ער האט געטראגען אויפ׳ן קאפ, איז עס א סימן אז ער דארף נישט בעטראכט ווערען ווי א לעבעדיגער מענש, ווארום פאר א לעבעדיגען מענש וואלטען די פויגעל מורא געהאט צו צופליהען צו זיין קאפ און עסען פון דארט. מוז זיין אז ער איז א בן־מות און דעריבער האט ער איהם פותר געוועזען למיתה...

(הה״ג מהר״ם שפירא ז״ל מלובלין)

———

כמשפט הראשון אשר היית משקהו (מ—יג)

וואס פאר א „משפט" איז עס, צו געבען צו טרינקען?

נור באמת איז לויט׳ן געזעץ דעם שר־המשקים נישט געקומען קיין שטראף, ווייל בשלמא דער שר־האופים וואס מען האט געפונען א שטיינדעל אין געבעקס, איז עס פון זיין זייט א פשיעה, ער האט נישט גוט געזיפט דאס מעהל, אבער דער שר־המשקים, וואס ס׳איז אריינגעפאלען א פליג אין בעכער, איז ער דאך גארנישט שולדיג דערין, דאס איז דאך אנ׳אונס. דאך האט מען פון הימעל געוואלט אז פרעה זאל בייז ווערען אויפ׳ן שר המשקים און איהם זעצען אין תפיסה, צוליב יוסף׳ן. אזוי ווי דער מדרש זאגט: הקציף הקב״ה אדון על עבדיו כדי ליתן גאולה ליוסף — און מען האט איהם פער׳משפט נישט ריכטיג.

קומט אויס אז דערנאך ווען דער

הימלישער ציעל איז שוין דערגרייכט געוואָרען און דער שר המשקים האָט צוגעזאָגט צו געדענקען אין יוסף'ן, איז צוריק געוואָרען „כמשפט הראשון"— ווי דער אמת'ער געזעץ איז געוועזען, אַז עס קומט פאַר אַזאַ חטא קיין שטראָף נישט...

(שמעתי)

הפטרת וישב (עמוס ב, ג)

ועל בגדים חבלים יטו אצל כל מזבח (ב—ח)

ווי בעוואוסט איז געוועזען אין בית המקדש אַ גורל — פייס — איי־דער די כהנים זענען געגאַנגען טהוען די עבודה, כדי מען זאָל וויסען וועלכע עבודה יעדער כהן האָט צו טהוען.

דער עיקר פון די עבודת־הקרבנות איז דאָך געוועזען די כוונה — שבלב פון די כהנים. נישט דאס פערברענען דאס פלייש און שפריצען דאס בלוט, מיינט דאָך השי"ת, נור די כוונה לשם שמים — נחת רוח לפני שאמרתי ונעשה רצוני.

ווען די כהנים טהוען די עבודה לשם־שמים, הייסען זיי כהנים און דער גורל ווערט געוואָרפען אויף כהנים. אויב די כהנים מיינען נישט לשם שמים, נור בלויז צוליב זייער כבוד כדי צו בעשעהנען זיך מיט די בגדי־כהונה, הייסט עס ממילא, אַז זיי בעטראַכטען אַלס עיקר פון דער כהונה, די בגדים זייערע און אויף אַט די בגדים ווערט געוואָרפען דער גורל.

דאָס שטראָפט דער נביא: ועל בגדים חבולים יטו אצל כל מזבח — דעם גורל וואָס מען האָט געוואָרפען נעבען מזבח, ביי דער עבודה פון די כהנים, איז נור געוועזען אַ גורל אויף „בגדים", ווער עס זאָל געהן די בגדי־כהונה, אָבער נישט אויף ריכטיגע כהנים, ווייל זייער כוונה איז נישט געוועזען לשם שמים...

(אהבת יהונתן)

רק אתכם ידעתי מכל משפחות האדמה על כן אפקד עליכם את כל עונתיכם (ג—ב)

אַ טעמפּער תלמיד וואָס האָט נישט קיין כשרונות און פערשטעהט גאָרניסט, דער ווערט פון לעהרער נישט געשטראָפט, ווייל ער ווייסט אַז ער האָט נישט מיט איהם וואָס צו מאַכען. ווען אָבער אַ גוטער תלמיד, מיט פעהיגקייטען און וויסען, ווען דער וויל נישט לערנען אָדער לאַכט זיך אויס פונ'ם געלערנטען, בעקומט ער געשטראָפט און געשלאָגען...

רק אתכם ידעתי — איך קען אייך, איך ווייס אייערע כשרונות, דעריבער ווען איהר פאָלגט נישט, איז אייער שטראָף אַ גרויסע — על כן אפקוד עליכם עוונותיכם...

(כוכב מיעקב)

דאָס וואָס יודען ליידען מעהר פון אַלע פעלקער כאָטש יענע זענען ערגער און זינדיגער פאַר זיי, דאָס איז צוליב די גרויסע מעלה פון יודען. צוליב זיי איז די וועלט בעשאַפען געוואָרען, זיי זענען בעשטימט געהאַרען צו זיין דער מוסטער פאַר דער גאַנצער מענשהייט, זיי זענען דאס הארץ פון דער וועלט, ממילא איז זייער אַחריות גרעסער. מיט זייערע זינד זענען זיי פוגם דער גאַנצער בריאה, מוזען זיי דעריבער בעשטראפט ווערען פאר זייערע קליינע זינד וואס ריהרען אבער אן גאר הויך...

(ספרים)

פרשת מקץ

ויהי מקץ שנתים ימים ופרעה חלם (מא—א)

ויהי מקץ — ווען ס'קומט דער סוף פון מענש און ער דאַרף אָבגעבען אַ דין-וחשבון אויפ'ן עולם-העליון, דאַן איז — שנרתים ימים — פיל יאָהרען ווערען גערעכענט פאַר איינצעלנע טעג, חייל עס ווערען נור גענומען אין בעטראַכט די טעג אין וועלכע ער האָט עפּעס אויפגעטהוען אין יודישקייט, אין תורה ותפלה. ממילא איז דאַן — ופרעה — ווערט ענטפּלעקט (פון לשון: פרעה אהרן) אַז — חולם — דאָס גאַנצע לעבען איז נור געווען אַ חלום...

(חח"ק מהר"א ממיקאלאיעוו זצ"ל)

אשרי הגבר אשר שם ד' מבטחו — זה יוסף. ולא פנה אל רהבים — שבשביל שאמר לשר המשקים „זכרתני והזכרתני" נתוספו לו שתי שנים. (מדרש רבה)

אין פלוג איז זיך דאָך דער מדרש סותר אין די רייד, פריהער רופט ער אָן יוסף'ן „גבר אשר שם ד' מבטחו" און דערנאָך זאָגט ער, אַז ער איז געשטראָפט געוואָרען ווייל ער האָט זיך יאָ פערזיכערט אויפ'ן שר-המשקים?

נור באמת וואָס פאַר אַ חטא איז דאָס וואָס יוסף האָט זיך משתדל גע-

װעזן ביים שר-המשקים, ער זאָל איהם געדענקען אַ טובה צו טהוען, אַ מענש דארף דאָך טהוען עפּעס בדרך הטבע װען ער איז אין אַ צרה, און דאָס איז גאָרנישט קיין סתירה צום בטחון?

איז דערפון אַ ראיה אַז יוסף איז געװעזען אַזוי שטאַרק אין דער מדת פון בטחון, דאָס ער האָט זיך קיינמאָל נישט געהאַלט בענוצען מיט מענשליכע השתדלות און איינגאַנצען זיך פער-לאָזט אויף השי"ת. האָט ער דעריבער עס אַליין בעטראַכט פאַר אַ חטא, דאָס װאָס יעצט האָט ער זיך יאָ בע-נוצט מיט מענשליכע השתדלות, און אויף זיך מקבל געװעזען אַ ג'עונש.

איז דאָך פון דעם אַליין װאָס „שבשביל שאמר לשר המשקים זכרתני והזכרתני נתוספו לו שתי שנים" — עס איז לגבי איהם בעטראַכט געװאָרען פאַר אַ חטא, אַזאַ שטייגער השתדלות, װאָס ביי אַ געװעהנליכען מענש איז עס ערלויבט און גאָר געװאונשען, דערפון אַליין איז אַ ראיה אַז ער איז עס געװעזען דער „גבר אשר שם ד' מבטחו" — זיין מדרגה און בטחון איז געװעזען זעהר גרויס, ער האָט זיך תמיד פערזיכערט נור אין השי"ת און לויט זיין מדרגה, איז דאָס השתדלות אויך געװעזען אַ חטא פאַר װעלכען ער האָט בעקומען אַ ג'עונש...

(בית הלוי ועוד ספרים)

———

• • •

דעריבער שטעהט פריהער (אין סוף פרשת וישב): ולא זכר שר המשקים את יוסף וישכחהו — אייגענטליך איז עס דאָך אַ דאָפּעלט לשון, אויב „ולא זכר" פערשטעהט מען אַז „וישכחהו"? — װאָרום יוסף הצדיק האָט באַלד זיך מיישב געװעזען אַז ער האָט שלעכט געטהוען דערמיט װאָס ער האָט זיך געװענדעט צו אַ מענש מיט השתדלות, האָט ער מתפלל געװעזען אַז דער שר המשקים זאָל פערגעסען, כדי ס'זאָל נישט אַרויסקומען קיין טובה פון אָט דער השתדלות.

איז דאָס דער פשט: ולא זכר שר המשקים את יוסף — דעריבער האָט דער שר המשקים נישט געדענקט אין יוסף'ן, חייל — וישכחהו — יוסף האָט געטהוען פעולות דערצו און איהם גע-מאַכט פערגעסען...

(הה"ק מהר"ם מאַמשינאָװ זצ"ל)

והנה שבע פרות עלות אחריהן... ותעמדנה אצל הפרות... ותאכלנה הפרות (מא—ג, ד)

דאָס איז מרומז דאָס װאָס די חז"ל זאָגען אַז דער יצר-הרע ביים מענש איז אין אָנהויב װי אַ „הלך" - אַדורכ-געהער, דאַן װערט ער אַנ'אורח, צום

סוף ווערט ער זיין בעל־הבית און איז מושל איבער איהם.

די „שבע פרות הרעות" זענען דער סימבאל פון די כחות פון יצר־הרע, איז אין אנהויב זענען זיי „עולות" — קומען ארויס לאנגזאם און בעווייזען זיך זעלטען דאן איז „ותעמודנה אצל" — זיי שטעלען זיך נעבען איהם, אזוי ווי אנ'אורח, ביז צום סוף איז „ותאכלנה" — שלינגען זיי איהם איין איינגאנצען...

(בשם השפת אמת ז"ל)

והנה שבע שבלים עלות בקנה אחד בריאות וטבות (מא-ה)

ביי די „שבע שבלים דקות ושדופות קדים" אין צווייטען פסוק שטעהט נישט „בקנה אחד"?

ווייל די „שבע שני השבע" וואס זענען דער פתרון פון די גוטע זאנגען זענען געקומען צוזאמען אהן איבער־רייס, דאגעגען די זיבען הונגער־יאהרען וואס זענען דער פתרון פון די שלעכטע זאנגען, זענען נישט געוועזען צוזאמען. פריהער זענען געוועזען צוויי הונגער יאהרען, דאן האט דער הונגער אויפגעהערט ביים קומען פון יעקב'ן קיין מצרים און ערשט נאך יעקב'ס טויט איז דער הונגער צוריק געקומען. דעריבער שטעהט נישט ביי זיי „בקנה אחד"...

(כלי יקר)

ויהי בבקר ותפעם רוחו (מא—ח)

דער ערשטער טייל פון חלום, מיט די פרות, האט בעדייטעט אז ס'וועט אויספעהלען פלייש צום עסען. האט זיך נאך פרעה נישט אזוי שטארק איבערגענומען. ווען ס'איז נישטא גענוג פלייש עסט מען מעהר ברויט. אז ס'איז אבער געקומען דער צווייטער טייל פון חלום מיט „שבלים" וואס האט בעדייטעט אז אפילו ברויט וועט אויספעהלען, איז שוין געוועזען „ותפעם רוחו"...

(ספרי דרוש)

ויריצהו מן הבור ויגלח (מא—יד)

מפני כבוד המלכות (רש"י)

און ווען נישט כבוד המלכות דארף מען זיך נישט אבשערען, נאכ'ן זיצען אזוי לאנג אין תפיסה?

נור די חז"ל זאגען דאך „בראש השנה יצא יוסף מבית האסורים" (ר"ה יוד) טא ווי אזוי האט ער זיך אבגע־

שוירען אין יום-טוב? — דערויף ענטפערט רש״י: מפני כבוד המלכות — אזוי ווי עס פסק׳ענט דער ש״ך (יו״ד סימן קצ״ח) אז לצורך מצות מעג מען...

(תורת משה)

„בראש השנה יצא יוסף מבית האסורים״ — אין יעדען יוד איז פערהאן א נקודה-פנימית פון צדקות און עהרליכקייט וואס ווערט קיינמאל נישט קאליע. אויף דער דאזיגער נקודה זאגען די חז״ל „צדיק גמור אינו בולע״ (מגילה ו) — דער יצר-הרע קען אט דער נקודה נישט איינ-שלינגען. א גאנץ יאהר איז אבער די דאזיגע נקודה — וואס ווערט אנגערו-פען „יוסף הצדיק״ — אין תפיסה, צווישען די גשמיות׳דיגע כחות און תאוות פונ׳ם גוף. נור ווען עס קומט ראש-השנה, ווען א יוד ווארפט אוועק אלע גופניות׳דיגע תאוות און איז מקבל אויף זיך עול-מלכות-שמים, דעמאלט געהט די נקודה ארויס פון תפיסה און ווערט נתגלה...

(ספרים)

וידבר פרעה אל יוסף בחלמי הנני עמד על שפת היאר (מא—יז)

הדא הוא דכתיב: עדות ביהוסף שמו בצאתו על ארץ מצרים שפת לא ידעתי אשמע. (מדרש)

באמת איז דאך געווען פרעה׳ס חלום „והנה עמד על היאר״-פארוואס דען האט ער געזאגט „על שפת היאר״?

נור ער האט בכוונה אביסעל משנה געווען כדי אויסצופרובען יוסף׳ן צי ער וועט וויסען ווי אזוי דער פאקטי-שער חלום איז געווען. יוסף ווצלכער האט אויך גע׳זאוסט דעם חלום, האט טאקי באלד געזאגט פרעה׳ן, אז ס׳איז נישט געווען „על שפת היאר״ נור „על היאר״ און דערפון איז פרעה אזוי שטארק נתפעל געווארען און געזאגט: הנמצא כזה איש אשר רוח אלהים בו — ער האט אין זיך רוח-הקודש צו וויסען נישט בלויז דעם פתרון, נור אפילו די פונקטליכקייט פון חלום.

דעריבער ברענגט דער מדרש דעם פסוק: עדות ביהוסף שמו — דאס איז געווען ביי פרעה׳ן אן עדות אויף יוסף׳ן אז ער איז אן איש אלהים,

וואָרום — „שפת" לא ידעתי אשמע — פרעה האָט געהעריט פון יוסף'ן די ווערטער: „שפת — לא ידעתי" — דאָס וואָס דו זאָגסט „על שפת היאר", דאָס ווייס איך נישט, ווייל „שפת" איז נישט געווען אין חלום...

(מרגניתא דרבי מאיר)

ותבאנה אל קרבנה ולא נודע כי באו אל קרבנה (מא—כא)

דאָס, וואָס דאָס רשעות קען עקזיסטירען אויף דער וועלט, איז נור, ווייל ס'איז דערין טיעף בעהאַלטען אַ ניצוץ פון קדושה און אָט דער פונק גיט דעם „רע" עקזיסטענץ מעגליכקייט. כאָטש מען דערקענט גאָרנישט דעם דאָזיגען ניצוץ — ולא נודע כי באו אל קרבנה — ער איז זעהר בהסתר, אָבער ס'איז דאָך — ותבאנה אל קרבנה...

די אַרבייט פון אַ יוד דאַרף טאַקי זיין, אַרויסצוציהען דורך עהרליכע תורה ותפלה, די דאָזיגע בעהאַלטענע הייליגע פונקען, וואָס ליגען בעהאַלטען אין די כחות-הטומאה — וועלען זיי ממילא אויפהערען צו עקזיסטירען און ס'וועט זיין: וכל הרשעה כעשן תכלה...

(לויט'ן שפת אמת)

ואמר אל החרטמים ואין מגיד לי (מא—כד)

פאַרוואָס שטעהט נישט „ואין פותר" אַזוי ווי פריהער (אין פסוק ח')?

נור די חרטומים וועלכע האָבען זיך אויסגעטייטשט דעם חלום אויף פרעה'ס פערזענליכע ענינים, ווי: „שבע בנות אתה מוליד ושבע בנות אתה קובר", אָדער אַז זיבען מדינות וועלען אין איהם מורד זיין (מדרש), האָבען נישט געוואָלט דעם דאָזיגען שלעכטען פתרון אויסזאָגען פרעה'ן, נור צווישען זיך האָבען זיי זיך געסוד'עט דערפון.

דאָס האָט פרעה געזאָגט: ואין מגיד לי — מיר זאָגט קיינער נישט דעם פתרון, נור זיי רוימען זיך עפעס שטילערהייט צווישען זיך...

(כלי יקר)

ועתה ירא פרעה איש נבון וחכם (מא—לג)

די מפרשים פרעגען: פרעה האָט דאָך איהם נור גערופען פותר חלום צו זיין, נישט צו געבען קיין עצורת, סאָ ווי פאַלט אויס יוסף איהם עצות צו געבען?

נור די משנה זאָגט דאָך: בפסח נדון על התבואה (ר"ה טז) און דער חלום איז דאָך געווען אין דער נאַכט פון ראש-השנה — בראש השנה יצא יוסף מבית-האסורים — וואָלט מען דאָך געקענט פרעגען יוסף'ן, אויב ס'זאָל אַזוי זיין, אַז מ'האָט געוואָלט

פון דיטעל ווייזען פרעה'ן אז ס'וועלען זיין הונגער יאָהרען, האָט מען עס דאָך געדאַרפט ווייזען אין פסח, וואָס דעמאָלט איז דער משפט איבער די תבואות, ווי קומט עס עפעס אין ראש־השנה? — האָט דעריבער יוסף צוגעגעבען, אז ווייל פרעה וועט דאָך מוזען אויסקלויבען אַ ג'„איש נבון וחכם" און איהם מאַכען פאַר אַ הערשער איבער'ן לאַנד, איז דאָך אין דעם אָבהענגיג דער אויפשטייג פון אַ מענש, געהער דאָס שוין צו ראש־השנה, וואָס דעמאָלט איז דער משפט פון מענשען — כל באי עולם עוברין לפניו כבני מרון (ר"ה שם).

דאָס איז דער פשט אין פסוק: ועתה — אויב דו ווערסט פרעגען, ווי קומט עס אַזאַ שטייגער חלום, וועגען געררעטעניש און אונגערעטעניש פון תבואה, יעצט אין ראש־השנה, ער האָט דאָך געדאַרפט זיין אין פסח? — איז דערויף דער ענטפער — ירא פרעה איש נבון וחכם וישיתהו על ארץ מצרים — און דאָס עולה זיין לגדולה פון אַ מענש, געהער טאַקי צו ראש־השנה...

(קהלת משה)

פריהער שטעהט אין פסוק: וייקץ פרעה ויישן ויחלם שנית (מא—ד, ה) — דאָס הייסט, אז דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין חלום. עס האָט זיך איהם געחלומט, דאָס ער איז אויפגעקומען און צוריק איינגעשלאָפען. קומט דאָך אויס אַז בעת יוסף האָט פותר געווען דעם חלום, האָט ער געדאַרפט פותר זיין אויך דעם טייל פון חלום וואָס ער איז אויפגעקומען אין מיטען.

האָט דאָס יוסף געזאָגט: ועתה — און יעצט וועל איך דיר פותר זיין דעם חלום פון „וייקץ", — דער פתרון דערפון איז — ירא פרעה איש נבון וחכם — דו זאָלסט ערוואַכען, אַריינטראַכטען אין דער לאַגע און נעמען זיך ענערגיש צו געפונען אַ נ'איש נבון וחכם וואָס זאָל מציל זיין דאָס לאַנד...

(נחל קדומים)

ועתה — דאָס וואָס מען האָט דיר עס שוין יעצט געוויזען אַפילו די הונגער־יאָהרען, עס וואָלט דאָך צייט געווען אז וועגען די הונגער־יאָהרען זאָל דיך חלומ'ען מיט זיבען יאָהר שפּעטער, נאָך די שני־השבע — דאָס איז, כדי — ירא פרעה איש נבון וחכם — דו זאָלסט קענען זוכען עצות שוין יעצט אין די זאַטע יאָהרען צו פערזאָרגען מיט תבואה־זאַפּאַסען אויף שפּעטער...

(ספרים)

הנמצא כזה איש אשר רוח אלהים בו (מא—לח)

אם נלך ונבקשנו מסוף העולם ועד סופו לא נשכח כמותו (מדרש)

די שרים האָבען דאָך גע'טענה'ט, אַז לויט די געזעצען פון מצרים קען קיין עבד נישט זיין קיין הערשער (רש״י פסוק י״ב). דערויף האָט פרעה געזאָגט, אַז דער איז נישט קיין געוועהנליכער עבד, נור אַנ'אויסנאַהם און אַזעלכען מיינט נישט דאָס געזעץ. האָבען ווידער די שרים געפרעגט: האָט דאָך דאָס אַליין געדאַרפען זיך צו געפונען אַ ספעציעלער פונקט אין געזעץ, אַז אַנ'עבד. מיט גרויסע פעהיגקייטען איז אַנ'אויסנאַהם און מען קען איהם יאָ מאַכען פאַר אַ מלך? — דעריבער האָט פרעה געזאָגט: ווען אפילו מען וועט זוכען פון איין עק וועלט ביז'ן צווייטען וועט מען אַזעלכען נישט געפונען, האָבען דאָך ממילא נישט געקענט די פערפאַסער פון געזעץ שרייבען אַ פונקט דאוועגען, עס האָט דאָך זיי גאָרנישט געקענט איינפאַלען אַז ס'קען אַזאַ אויסנאַהם זיין אויף דער וועלט...

(נחמד ונעים)

אחרי הודיע אלהים אותך את כל זאת אין נבון וחכם כמוך (מא—לט)

ווייזט אויס, אַז פרעה האָט אויך פערשטאַנען דאָס דער וואָס פערמאָגט יראת־שמים און דעת ד׳, דער איז ממילא אויך אַ „נבון וחכם״ און אַ גוטער דיפּלאָמאַט...

(בשם גדולי המוסר)

ויקרא פרעה את שם יוסף צפנת פענח ויתן לו את אסנת בת פוטי פרע כהן און לאשה (מא—מה)

די מצריים האָבען דאָך געהאַט אַ טענה צו פרעה'ן, וואָס ער מאַכט עפּעס אַנ'עבד פאַר אַ מושל איבער זיי. האָט פרעה געזוכט דעריבער עצות צו בעווייזען אַז ער איז נישט קיין עבד. האָט ער ס'ערשטע איהם אַ נאָמען געגעבען „צפנת פענה״ — אַז ער ענטדעקט געהיימניסען מיט'ן „רוח־אלהים״ וואָס ער בעזיצט, ממילא קען דאָך נישט זיין אַז ער איז אַנ'עבד וואָרום „אין הקב״ה משרה שכינתו אלא על משפחות מיוחסות שבישראל״ (קדושין ע׳). צווייטענס האָט ער איהם געגעבען די טאָכטער פון זיין אייגע-

נעם האַר פּוטיפרע. וואָרום דער דין איז ביי אַן׳עבד אַז „הִשִׂיאוֹ רבו אשה יוצא לחירות״ (גטין לט) — ווייל דער אדון וואָלט זיין טאָכטער נישט געגעבען פאַר אַ פרוי צו אַן׳עבד. אין מצרים איז דאָך אָבער געווען דער נימוס אַז זיי האָבען קיינמאָל נישט בעפרייט קיין עבד, איז דאָך פון דעם, וואָס פּוטיפר האָט איהם געגעבען זיין טאָכטער, אַ בעווייז אַז ער איז קיינמאָל קיין עבד נישט געוועזען...

(הגאון מהר״ל חריף ז״ל)

מגלה הצפונות (רש״י)

האָט ער דאָך געדאַרפט הייסען „פענח־צפנת״?

נור יוסף האָט זוכה געוועזען צו זיין הויכער מדרגה פון קענען ענט־דעקען אַלע פערבאָרגענע זאַכען, ווייל ער איז געוועזען אַ גרויסער צנוע, און האָט בעהאַלטען זיין צדקות אַז קיינער האָט עס נישט אַרויסגעזעהען.

דאָס איז דער טייטש: צפנת — ווייל ער איז בעהאַלטען, דעריבער — פענח — קען ער ענטדעקען...

(שפת אמת)

כי נשני אלהים את כל עמלי ואת כל בית אבי (מא—נא)

כל זמן יוסף איז געווען אין מצרים, האָט דאָך יעקב געהאַט אַ סך צער, און דערפון אַליין ד׳האָט יוסף געהאַט צער, וואָס יעקב האָט צער פון איהם. יעצט אָבער ווען ער איז געוואָרען מלך, איז דאָך יעקב׳ס צער קלענער געוואָרען, ער האָט דאָך געזעהען „כי יש שבר במצרים״ — אַז זיין האָפנונג איז אין מצרים (רש״י פסוק מב—א), ממילא איז אויך יוסף׳ס צער קלענער געוואָרען.

דאָס איז דער פשט: כי נשני אלהים את כל עמלי — מיין עמל איז לייכטער געוואָרען און—ממילא ואת כל בית אבי—דער צער וואָס איך האָב געהאַט פון טאַטענ׳ס צער איז אויך לייכטער געוואָרען...

(לקוטי מגדים)

לכו אל יוסף אשר יאמר לכם תעשו (מא—נה)

שהיה יוסף אומר להם שימולו (רש״י)

ווי פאַלט אויס יוסף צו צוואונגען די מצריים זיך מל׳ה צו זיין?

נור יוסף וואָס איז געווען זעהר שטאַרק אויסגעאַרבייט אין שמירת־הברית, אַז ער ווערט אָנגערופען „צדיק יסוד עולם״ צוליב אָם דער

מדה, האָט נישט בשום אופן געקענט סובל זיין קיין ערל...

דאָך ווערט עס — לויט די חז"ל אין מדרש — אידה"ם גערעכענט פאַר אַ חטא, דאָס וואָס ער האָט געלייגט דעם הייליגען חותם אויף די מצריים — ווייל אַ צדיק דאַרף זיין אַ סבלן און קענען פערטראָגען אפילו אַזעלכע וואָס זענען דער פולער היפוך פון זיינע מדות...

(שפת אמת)

ויוסף הוא השליט על הארץ, הוא המשביר לכל עם הארץ (מב—ו)

כאָטש ער איז געווען דער שליט און הערשער, דאָך האָט ער נישט דאָס פערטיילען די תבואה, איבערגעגעבען זיינע בעאַמטע און אונטערגעאָרדענטע נור ער איז אַליין געווען דער משביר, כדי קיינער זאָל נישט בע־עולה'ט ווערען און כדי צו ווייזען אַ מוסטער וויפיל מען דאַרף זיך בעמיהען אין דער מדה פון רחמנות, צו ראַטעווען הונגעריגע.

(שפתי כהן)

---

* * *

אין מדרשים איז פערהאַן, אַז אין דער גאַנצער צייט פון הונגער, האָט יוסף נישט טועם געווען קיין ביסען ברויט, ביז'ן סוף פון טאָג, נאָכדעם ווי דער לעצטער קונה איז שוין געהאט ערלעדיגט געוואָרען...

(תוכן עלילות)

וישתחו לו... ויכרם ויתנכר אליהם (מב—ו, ז)

דער שטייגער איז, אַז ווען אַ מענש ווערט בעזיגט פון אַ צווייטען, האָט ער גרויס צער דערפון. ווען די ברידער וואָלטען אַלזאָ יעצט, בשעת זייער בוקען זיך צו דער ערד, געוואוסט אַז דאָס איז יוסף, וועמען זיי האָבען אַזוי אויסגעלאַכט, בעת ער האָט זיי געזאָגט דעם חלום, אַז זיי וועלען זיך אַמאָהל בוקען צו איהם — וואָלטען זיי דאָך געווען זעהר פערביטערט און נידערגעשלאָגען אַזוי ווי אַ בעזיגטער. האט דעריבער יוסף זיך נישט געוואָלט געבען צו דערקענען צו זיי יעצט, כדי אויסצומיידען דעם דאָזיגער צער זייערען.

די תורה דערצעהלט דערמיט דעם שבח פון יוסף הצדיק, אַז כאָטש אַנ־אנדערער מענש וואָלט דאָך אויסגענוצט אַזאַ געלעגענהייט אויף נקמה, אַז זיין שונא זאָל טאַקי פיהלען ווי ער פאַלט

און מוז זיך אונטערגעבען, ער אָבער האָט געטה־ון פונקט פּערקעהרט. דעמאָלט ווען ס׳איז געוועזען — וישתחוו לו — איז געוועזען — ויתנכר עליהם — טראָץ דעם וואָס „ויכירם״, כדי אויס־צומיידען פון די ברידער דעם צער און די בושה פון בעזיגטע...

(קדושת לוי)

ויכר יוסף את אחיו והם לא הכרוהו (מב—ח)

רש״י זאָגט דאָך אויפ׳ן פסוק „כי בן זקנים הוא לו״ — שהיה זיו איקונין שלו דומה לו (לז—ג) — איז ער דאָך געוועזען אינגאַנצען עהנליך צו יעקב׳ן טאָ פאַרוואָס האָבען זיי איהם נישט דערקענט?

נור יוסף איז עס טאַקי געוועזען אינגאַנצען עהנליך צו יעקב׳ן, און ער האָט אויסגעזעהען יעצט ווען ער איז אַלט געוועזען ניין און דרייסיג יאָהר, פונקט ווי יעקב האָט אויסגעזעהען בעת ער איז געוועזען אין די זעלבע יאָה־רען. ממילא האָבען איהם די ברודער נישט געקענט דערקענען וואָרום זיי זענען דאָך געבוירען געוואָרען ווען יעקב איז שוין געוועזען איבער די אַכציג יאָהר, האָבען זיי דאָך די צורה קיינמאָל נישט ג׳זעהען...

(שפתי צדיק)

ויאמר אליהם מרגלים אתם (מב—ט)

פאַרוואָס האָט ער עפּעס אויס־געזוכט אויף זיי פונקט אַזאַ חטא פון „מרגלים אתם״?

נור יוסף האָט מורא געהאַט, אַז די ברידער, וויסענדיג דאָס ער איז פערקויפט געוואָרען קיין מצרים, וועלען זיך אָנהויבען נאָכפרעגען און נאָכזוכען ביז זיי וועלען דערגעהן אַז ער איז עס. בפרט אַז זיי וועלען דער־קענען אַביסעל אַ עהנליכקייט אין איהם: צו יוספ׳ן — האָט ער דעריבער זיך געגעבען אַ ג׳עצה און געזאָגט „מרגלים אתם״ — און אַזוי אַרום זיי פערמאַכט דאָס מויל און געשלאָסען אַלע וועגען פון נאָכזוכענישען. וואָרום דער וואָס איז חשוד אין שפּיאָנאַזש וועט שוין נישט צופיל פרעגען וועגען הערשער פונ׳ם לאַנד...

(הה״ק ר׳ אברהם משה׳לי זצלה״ה מפשיסכא)

ויאסף אתם אל משמר שלשת ימים...
זאת עשו וחיו (מב-יח)

ער האָט זיי דערמאָהנט וואָס זיי האָבען געטהוען דורך דריי טעג אין שכם. דעמאָלט האָבען זיי אויסגע׳הרג׳עט אַ גאַנצע שטאָדט, נאָכדעם ווי זיי

האָבען זיי געצוואונגען זיך מל'ה צו זיין, ער אָבער האָט נאָכ'ן צוואונגען מל'ה צו זיין, געגעבען זיי צום לעבען. טאָקי: זאת עשו — צו צוואונגען צום ברית־מילה, אָבער — וחיו — דאָס טהוט מען כדי דערנאָך מחיה צו זיין נישט כדי דערנאָך צו ערמאָרדען..

(זוהר)

את האלהים אני ירא (מב־יח)

איך האָב טאָקי געשוואוירען ביי פרעה'ס לעבען אז „מרגלים אתם" דאָך הייסט עס נישט קיין גרינגשעצונג אין זיין כבוד ווען איך בעפריי איך, ווייל ס'איז פערהאַן אַ גרעסערער מלך פון פרעה'ן און מען מוז פאַר איהם מורא האָבען..

(שפתי כהן)

ווי פאַלט אויס יוסף זיך צו ריהמען אַז ער איז אַ „ירא אלהים"?

נור ער האָט געהאָלט אין זיי אריינבּרענגען יראת־שמים, כדי זיי זאָלען נתעורר ווערען צו תשובה. דעריבער האָט ער געזאָגט: את האלהים אני ירא — און אזוי אָרום אין זיי אויפגעוועקט די יראה, האָבען זיי טאַקי באַלד אויסגעשריגען: אבל אשמים אנחנו על אחינו...

(הרה"ק מהר"ם ז"ל מאמשינאוו)

* * *

דעריבער זאָגען די חז"ל אין מדרש — אויף דעם וואָס השי"ת האָט געהייסען אַז יהושע זאָל פיהרען די מלחמה מיט עמלק'ן—יבא בן בנו של מי שנאמר בו „את האלהים אני ירא" ויפרע ממי שנאמר בו „ולא ירא אלהים" — וואָרום עמלק איז געוועזען פונקט דער היפוך פון יוספ'ן, יוסף האָט פון זיין יראת־שמים משפיע געוועזען אויף אַנדערע אַז זיי זאָלען אויך בעקומען יראה און תשובה טהוען. ביי עמלק'ן איז געוועזען פערקעהרט: ואתה עיף ויגע ולא ירא אלהים — ער איז געוועזען אַזוי ווייט פון יראת־ד', אַז ער האָט משפיע געוועזען קאַלטקייט און מיעדקייט אויף אַנדערע. דו ביזט געוועזען מיעד און מאַט, פערלוירען יעדע התלהבות פון יודישקייט, ווייל ער איז געוועזען „לא ירא אלהים", האָט ער עס משפיע געוועזען אויף דיר. ממילא קען נור פיהרען דעם קאַמף געגען עמלק'ן אַ קינד פון יוספ'ן...

(אבני אזל)

אבל אשמים אנחנו על אחינו.. בהתחננו אלינו ולא שמענו (מב–כא)

כאטש מיר האבען נישט געטהוען קיין עוולה מיט די מכירה, ווייל ס'איז איהם געקומען על פי דין, אבער ווען ער האט זיך ביי אונז געבעטען, האבען מיר געדארפען טהוען לפנים-משורת-הדין און אויף איהם זיך מרחם זיין...

(ספורני ומלבים)

• • •

דאס איז אפשר די כוונה פון די חז"ל: לא חרבה ירושלים אלא על שהעמידו דיניהם על דין תורה (ב"מ ל') — ווארום די ספרים זאגען דאך אז דער חורבן בית שני איז געווען צוליב דעם חטא פון מכירת יוסף (זעה ספורני לז–כח) און דארט איז דאך געווען דער חטא, וואס זיי זענען נישט געגאנגען מיט יוסף'ן לפנים משורת-הדין, מיט רחמנות..,

(אבני אזל)

זיי האבען געזעהען אז יוסף בעזיצט אזוי פיל יראת-שמים כאטש ער האט געשוואוירען „חי פרעה", און אז מען שווערט ביים לעבען פון מלך און מען איז נישט מקיים איז מען חייב מיתה, פונדעסטוועגען שטעלט ער איין זיין לעבען און בעפרייט זיי פון תפיסה, זייענדיג לגמרי א פרעמדער. האבען זיי ערשט אנגעהויבען צו בעגרייפען זייער חטא, וואס אפילו צו א ברודער האבען זיי זיך בעצויגען אזוי שטרענג אהן רחמנות.

דעריבער האבען זיי געזאגט: על כן באה אלינו הצרה הזאת — ס'איז אויף אונז געקומען א שטראף מדה כנגד מדה — מיר האבען זיך נישט געוואלט מרחם זיין אויף א ברודער, מוזען מיר יעצט אנקומען צום רחמנות פון א פרעמדען גוי...

(שפתי כהן)

על כן באה אלינו הצרה הזאת (מב—כא)

ס'איז אויף אונז געקומען א שטראף מדה כנגד מדה. מיר האבען געוואלט הרג'ענען יוסף'ן, ווייל ס'וועט פון איהם ארויסקומען ירבעם בן נבט (מדרש) און מיר האבען איהם דן געווען „על שם סופו" — זאגט מען דעריבער יעצט אויף אונז „מרגלים אתם" — ווייל די שפעטערדיגע דורות

אונזערע וועלען אמאהל זינדיגען מיט'ן זיין מרגלים, און מען איז אונז אויך דן על שם העתיד..

(מלא העומר)

הלא אמרתי אליכם לאמר אל תחטאו בילד (מב—כב)

דאס וואס ער האט געטהוען, איז נישט געווען בכוונה אייך שלעכטס צו טהוען, נור מעשי-ילדות, אלס קינד, ממילא האט מען איהם נישט געדארפען בעטראכטען אלס רודף, וועמען ס'קומט א שטראף, דעריבער — וגם דמו הנה נדרש..

(ספורני)

ויאמר ראובן... את שני בני תמית... ויאמר לא ירד בני עמכם (מב-לז. לח)

לא קבל דבריו של ראובן אמר בכור שוטה הוא זה (רש"י)

דאס וואס ראובן האט געזאגט „את שני בני תמות" — האט ער געמיינט, אז ער זאל פון איהם צונעמען דעם חלק בכורה אז זיינע קינדער זאלען נישט האבען דעם געהעריגען חלק אין ארץ-ישראל. פונקט ווי די חז"ל זאגען אויפ'ן פסוק „ויהושע וכלב חיו מן האנשים ההם" — שנטלו חלקם בארץ (ב"ב קי"ח) — אויב אלזא יא נעמען א חלק בארץ הייסט „חיות", איז ממילא דאס נישט נעמען דעם געהעריגען חלק הייסט „מיתה". באמת אבער האט שוין יעקב איהם נאך פריהער געהאט צוגענומען די בכורה ביי מעשה-בלהה, דהאט ער דעריבער געזאגט: „בכור שוטה הוא זה" — ווארום אין דער גמרא ווערט אזא בכור וואס נעמט נישט קיין צוויי חלקים אנגערופען „בכור שוטה" (בבא בתרא קכ"ז) — ער האט שוין סיי ווי נישט קיין חלק בכורה...

(תורת משה)

יעקב האט געזעהען אז מיט'ן זאגען אויף זיי „מרגלים אתם", וויל מען זיי מעניש זיין אויפ'ן שפעטערדיגען חטא פון די מרגלים, פונקט ווי זיי האבען יוספ'ן מעניש געווען על שם העתיד, וואס פון איהם וועט ארויסקומען ירבעם. דעריבער האט יעקב נישט געוואלט אננעמען דאס ערבות פון ראובנ'ען, וואס זיין שבט האט זיך בעטייליגט אינ'ם חטא פון די מרגלים. אבער דאס ערבות פון יהודה'ן האט ער יא אנגענומען, ווייל פון יהודה'ן

זענען קיין מרגלים נישט ארויסגעקו־
מען, אדרבה כלב וואס איז געוועזן
דער שליח פון שבט יהודה האט זיך
גאר אקעגענגעשטעלט די מרגלים,
ממילא איז ער פון דעם חטא נישט
בעדראהט און זיין ערבות איז געזו־
כערט...

(מלא העומר)

כי לולא התמהמהנו כי עתה שבנו זה פעמים (מג—יוד)

מען זאגט נאך פון א גרויסען
פערציייטישען רבי'ן, אז ער האט גע־
זאגט ראש־השנה פאר תקיעות: כי
לולא התמהמהנו — מיר האבען שוין
אויך דעם „אלול" פערזוימט („לולא"
איז די זעלבע אותיות וואס „אלול")—
כי עתה שבנו זה פעמים—מיר האבען
שוין געדארפען יעצט צו האבען צוויי
מאהל תשובה געטהוען, אין אלול און
אין ראש השנה..

ואת אחיכם קחו וקומו שובו אל האיש (מג-יג)

נעמט אייך מיט די „אחוה", דאס
ברודערשאפט — וקומו שובו אל האיש
— מיט דעם וועט איהר תשובה טהוען
צו השי"ת וואס ווערט אנגערופען
„איש". איהר האט געזינדיגט מיט דעם
וואס איהר האט פערלאזט דאס ברו־
דערשאפט — הסיעו עצמן מן האחוה
(רש"י לז—יז) — איז יעצט אייער
תשובה צוריקצונעמען די „אחוה"..

(שמעתי)

ואל שדי יתן לכם רחמים (מג—יד)

די חז"ל זאגען: כל המרחם על
הבריות מרחמין עליו מן השמים (שבת
קנ"א) האט דאס יעקב געזאגט: השי"ת
זאל אייך געבען אין אייער הערצער
אריין רחמים, אז איהר זאלט האבען
רחמנות אויף אנדערע — לפני האיש
— נאך פריהער איידער השי"ת וועט
איהם געבען רחמים אויף אייך, דא־
דורך וועט זיכער זיין — ושלח לכם
את אחיכם ואת בנימין — וויל ווען
איהר וועט זיין א „מרחם על הבריות"
וועט זיין מרחמין עליו מן השמים..

(אמרי שפר)

מי שעתיד לומר ליסורין די הוא
יאמר ליסורי די (מדרש)

ס'איז בעוואוסט דאס וואס די חז"ל
זאגען אז אלץ וואס עס האט געטרא־

פֿען מיט די אבות, איז געווען אַ סימן צו דעם וואָס יודען וועלען שפּעטער אַדורכגעהן — מעשי אבות סימן לבנים — און די הילף פֿון די אבות, ווייזט אויף דער ישועה פֿון זייערע קינדער. ווען יעקב האָט געזעהען די גרויסע צרות וואָס ער געהט אַדורך, האָט ער געזאָגט: אויב דאָס איז נור אַ רמז אויף די יסורים פֿון מיינע קינדער, איז דאָך גאָרנישט מעגליך אַז זיי זאָלען דאָס קענען איבערהאַלטען. נור מוז דאָך זיין אַז סוף כל סוף וועסטו זיך אויף זיי מרחם זיין און זאָגען אויף זייערע יסורים: דַי! — זיי זאָלען קענען דורכהאַלטען, אויב אַזוי זאָג זשע אויך יעצט „די" צו מיינע יסורים וואָס זענען נור אַלס סימן צו די שפּעטערדיגע יודישע יסורים.

ס'איז אַ משל צו אַ זויגענדיג קינד וואָס איז קראַנק געוואָרען, האָט דער דאָקטאָר פֿעראָרדענט אַז די מוטער וואָס גיט איהם צו זויגען זאָל איינגעמען אַ ברעך-מיטעל, כדי דאָס קינד זאָל אויך דערפֿון אָפּברעכען וועט איהם בעסער ווערען. די מוטער האָט בעשטאַנען צו נעמען די ביטערע רעצעפּט כאָטש זי האָט עס נישט געדאַרפֿען, צוליב די טובה פֿונ'ם קינד. זי האָט אָבער זיך געבעטען, אפשר וועט גענוג זיין אַ העלפֿט, דער דאָקטאָר האָט אָבער געזאָגט אַז זי מוז אויסטרינקען אין גאַנצען. שפּעטער האָט אָבער דאָס קינד אָנגעהויבען שטאַרק צו ברעכען, אַז מען האָט עס געמוזט געבען מיטלען אָבצושטעלען. דאַן האָט די מוטער אָנגעהויבען צו וויינען: צו וואָס זשע האָב איך געדאָרפֿען אויסטרינקען אַזאַ גרויסע פּאָרציע ביטערניש.

יעקב האָט אויך אַזוי געזאָגט: סייוי וועלען דאָך מיינע קינדער נישט קענען פֿערטראָגען אַזוי פֿיל יסורים, און דו וועסט זיי מוזען אָבשטעלען, טאָ וואָס דאַרף איך, וועלכער ליידט נור צוליב זיי, צו ליידען אַזוי פֿיל. זאָג זשע צו מיינע יסורים אויך: די!..

(אהל יעקב)

———

וידברו אליו פתח הבית (מג—יט)

ווען יעקב האָט זיי געזעגענט האָט ער מתפלל געווען: ואל שדי יתן לכם רחמים. דעריבער האָבען זיי זיך געשטעלט ביי דער טהיר אויפ'ן אָרט ווי ס'איז די מזוזה, אויף וועלכער ס'איז פֿערהאַן דער דאָזיגער שם „שדי" כדי מעורר צו זיין די תפלה פֿון יעקב'ן...

(שפתי כהן)

———

אלהיכם ואלהי אביכם נתן לכם מטמון...
ויוצא עליהם את שמעון (מג—כג)

אשי״ת וועט אייך מגלה זיין די מטמוניות פון דער תורה, די סודות וואס זענען אין איהר בעהאלטען. — ויוצא אליהם את שמעון — די דאזיגע התגלות וועט קומען דורך רבי שמעון בן יוחאי וועמען ער וועט אראבשיקען אויף דער וועלט און ער וועט אין זהר מגלה זיין די בעהאלטענע סודות התורה...

(שמעתי)

כספכם בא אלי (מג—כג)

אין פלוג איז עס דאך נישט אמת געוועזען, ער האט דאך זיי צוריק געגעבען דאס געלד?

נור דער פשט איז: כספכם — ס'איז דאך סיווי אייער געלד — בא אלי — דאס אלץ וואס קומט יעצט צו מיר, ווארום די חז״ל זאגען אין מדרש, אז דער גאנצער הונגער אויף דער וועלט איז דאן געוועזען, כדי עס זאל זיך אנזאמלען א סאך געלד אין מצרים און ס'זאל קענען מקויים ווערען דער „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול" — קומט דאך אויס אז דאס גאנצע געלד וואס פליסט יעצט אריין אין מצרישען אוצר איז פאר אייערט-וועגען, טא וואס דארף איך פון אייך יעצט נעמען און שפעטער צוריק גע-בען...

(הרה״ק מהר״ר מנחם ז״ל מטשינאוו וכן באהל יעקב)

הזה אחיכם הקטן אשר אמרתם אלי
ויאמר אלהים יחנך בני (מג—כט)

אייגענטליך האבען זיי דאך איהם גארנישט געענטפערט אויף זיין פראגע?

נור דער אלשיך זאגט אז דעריבער האט זיך יוסף געהייסען ברענגען דעם קליינעם ברודער און ער האט געזאגט „בזאת תבחנו בבוא אחיכם הקטן" — ווייל ער האט גערעכענט אז א קליין קינד, האט נישט אזוי פיל דעת צו בעהאלטען געהיימע זאכען, וועט ער פון איהם אלץ געוואהר ווערען — דאס וועט זיין די בחינה.

ווען אבער יוסף האט דערזעהען פאר זיך א יונגערמאן פון דרייסיג יאהר, א טאטע פון צעהן קינדער, האט ער אויסגעשריגען מיט וואונדער: הזה אחיכם הקטן אשר אמרתם — אט דאס איז עס דער „קטן" אייערער (ס'איז אלזא נישט קיין „הא השאלה" נור א „הא התימה") ער איז דאך שוין א גדול מיט'ן פולען דעת, דעריבער

האָט ער באַלד צוגעזאָגט: אלהים יחנך בני — כדי עס זאָל נישט אויסזעהען, אַזוי ווי ער וואָלט נישט פערגינען זיין דערוואַקסענקייט. אַזוי ווי מען זאָגט „אָהן עין הרע" — זאָל ער וואַקסען העכער און גרעסער...

(העמק שאלה)

וימהר יוסף כי נכמרו רחמיו אל אחיו... ויבא החדרה ויבך שמה... ויתאפק ויאמר שימו לחם (מג—ל, לא)

יוסף — דאָס איז געמיינט דער צדיק הדור, ווערט פול מיט רחמנות אויף יודען צוליב דעם שווערען אין לאַנגען גלות וואָס נעמט גאָרנישט קיין סוף — ויבא החדרה ויבך שמה — דרינגט ער אריין אין די אינער-ליכע חדרים פון השי"ת און וויינט זיך אויס. דאָרט דערוואוסט ער זיך אָבער אַז די צייט איז נאָך נישט געקומען— ויתאפק — מוז ער זיך שטאַרקען און איינהאַלטען, נישט דוחק זיין דעם קץ — ויאמר שימו לחם — בעט ער זיך על כל פנים, זאָלען יודען האָבען ברויט, גיב זיי כאָטש פרנסה בריוח, זיי זאָלען קענען אויסהאַלטען די צרות פונ'ם לאַנגען גלות...

(תפארת שלמה)

כי לא יוכלון המצרים לאכל את העברים לחם כי תועבה היא למצרים (מג—לב)

דער מצרי קען נישט עסען זיין ברויט מיט אַפּעטיט, בעת ער ווייסט, אַז דער עברי האָט אויך דאָן צו עסען אַ שטיקעל ברויט. עס בעקומט איהם נישט זיין ביסען, ווען ער זעהט אַז דער יוד לעבט אויך — כי תועבה היא למצרים — די דאָזיגע אומ-ווירדיגע שלעכטע מדה, פון נישט פערגינען דעם יוד זיין ביסען, ליגט איינגעבאַקען אין זייער בלוט, אין זייער נאַטור...

(שמעתי)

ותרב משאת בנימין ממשאת כלם... וישתו וישכרו עמו (מג—לד)

מיום שמכרוהו לא שתו יין ואותו היום שתו (רש"י)

פאַרוואָס האָבען זיי היינט געטרינ-קען, זיי האָבען דאָך נאָך נישט גע-וואוסט אַז ס'איז יוסף'ז גור ווען זיי האָבען געזעהען, אַז

בנימין האָט בעקומען מעהר פאַר זיי
און ס'האָט זיך ביי זיי נישט דער-
חעקט קיין קנאה, האָבען זיי פערשטאַ-
נען אַז זיי האָבען שוין מתקן געווע-
זען דעם חטא פון מכירת יוסף וואָס
איז געקומען צוליב קנאה — ויקנאו
בו אחיו — דעריבער האָבען זיי שוין
געקענט טרינקען...

(קב חן)

זיי האָבען מורא געהאַט, אַז אויב
זיי וועלען נישט טרינקען וועט ער
ערשט אויפסניי זאָגען אַז זיי זענען
מרגלים און צוליב דעם ווילען זיי
בלייבען ניכטערען כדי זיי זאָלען נישט
אויסזאָגען די סודות — וואָרום „נכנס
יין יצא סוד" — דעריבער האָבען זיי
געמוזט טרינקען...

(קהלת יצחק)

וישתו — זיי האָבען נור געטרינקען
אַ ביסעל, אין אַ נאַטירליכער מאָס,
דאָך — וישכרו — זענען זיי באַלד
שיכור געוואָרען ווייל זיי זענען שוין
געווען אָבגעוועהנט צוויי און צוואַנ-
ציג יאָהר פון טרינקען...

דעריבער איז אויך נח שיכור גע-
וואָרען נאָכ'ן מבול. באמת ער האָט
געטרינקען די זעלבע מאָס וואָס פאַר'ן
מבול, ער האָט אָבער נישט געוואוסט
אַז אין צווישען איז די טבע פון
מענשען געוואָרען אַ שוואַכערע און
די מאָס, וואָס פריהער איז זי געווע-
זען אַ נאָרמאַלע לויט ווי דער מענש
קען פערנעמען, איז יעצט געוואָרען
צו גרויס און זי שיכורט אָן...

(בשם חשפת אמת)

הם יצאו את העיר לא הרחיקו ויוסף אמר לאשר על ביתו קום רדף אחרי האנשים והשגתם (מד—ד)

לא הרחיקו — זיי זענען נאָך נישט
אַרויס פון דער שטאָדט דער שיעור
פון אַ פרסה, וואָס מען זאָגט דאַן
דתפלת-הדרך. דעריבער האָט יוסף
געזאָגט: קום רדוף — יאָג זיי שנעל
נאָך, איידער זיי זאָגען תפלת-הדרך —
והשגתם — וועסטו זיי כאַפען.
וואָרום נאָך תפלת-הדרך, וועלען זיי
זיכער ניצול ווערען...

(שמעתי)

כי נחש ינחש איש אשר כמוני (מד—טו)

ווי אַזוי האָט יוסף אַרויסגעזאָגט פון מויל אַ שקר, באמת האָט ער דאָך גאָרנישט מנחש געווען?

נור „איש אשר כמוני" האָט ער געמיינט פרעה'ן, וועלכער איז גלייך צו איהם, אַזוי ווי עס שטעהט ווייטער „כי כמוך כפרעה" (מד—יח) — פרעה וואָס איז כמוני דער איז אַ מנחש. ער האָט בכוונה געזאָגט אַזאַ לשון וואָס זיי זאָלען מיינען אַז ער מיינט זיך און באמת האָט ער געמיינט פרעה'ן...

(אורח לחיים)

———

דער קאָצקער רבי זצ"ל פלעגט זאָגען:

איש אשר כמוני — דער וואָס וויל מיר נאָכמאַכען, נאָכטהוען דאָס וואָס איך טהו, דער איז — נחש ינחש... נאָכמאַכען יענעם איז אַזוי ווי כישוף...

———

* * *

ביים ראַדאָמסקער רבי'ן, דער תפארת שלמה ז"ל, איז געוועזען אַנ־אַלטער קלוגער חסיד, האָט ער געזעהען ווי אַ יונגערמאַן מאַכט ביים דאַווענען נאָך די תנועות פונ'ם רבי'ן. איז ער צוגעגאַנגען און איינגערוימט דעם יונגען מאַן אויפ'ן אויער: זאָלסט וויסען אַז מען דאַרף דיך שחט'ען...

דער יונגערמאַן איז דערשראָקען געוואָרען און אַריינגעלאָפען צום רבי'ן דערצעהלען וואָס דער אַלטער מפורסם'דיגער חסיד האָט איהם געזאָגט.

ווען דער תפארת שלמה ז"ל האָט איבערגעפרעגט דעם חסיד וואָס ער האָט געמיינט דערמיט צו זאָגען, האָט ער אַזוי געענטפערט:

אין „צוואת רבי יהודה החסיד" ווערט געזאָגט אַז ווען אַ היהן קרעהט אַזוי ווי אַ האָהן, דאַרף מען איהר שחט'ען. דער טעם דערפון איז, ווייל בשלמא דער האָהן ווען עס בריהט איהם אונטער די פליגעל מוז ער קרעהען, אָבער דו היהן, וואָס עס בריהט דיך נישט אונטער די פליגעל, פאַרוואָס קרעהסט דו? — איז דאָך נור גלאַט דו מאַכסט נאָך, קומט דיר צו שחט'ען.

ממילא — האָט דער חסיד פערענדיגט — דער רבי שרייט אויס ביים דאַווענען און מאַכט תנועות, ווייל עס בריהט איהם. אָבער דו יונגערמאַן, דיך בריהט דאָך נישט, טאָ וואָס שרייסטו? איז דאָך נור דו מאַכסט גלאַט נאָך, קומט דיר צו טהוען אַזוי ווי צו דער קרעהענדיגער היהן...

———

הפטרת מקץ (מלכים א-ג, ד)

ויאמר המלך זאת אמרת זה בני החי ובנך המת וזאת אמרת לא כי בנך המת ובני החי (ג—כג)

פון די ענדערונגען אין זייערע טענות האָט שוין שלמה המלך פערשטאַנען ווער עס זאָגט אמת.

די ערשטע האָט געזאָגט דאָס וואָרט „זה" און זי האָט דערמאָהנט פריהער „בני החי", דאַגעגען די צווייטע האָט נישט געזאָגט „זה" און זי האָט פריהער געזאָגט „בנך המת".

די ליגנערין האָט דאָך נישט געמיינט אַז זי זאָל האָבען דאָס לעבעדיגע קינד, צו וואָס טויג איהר דען זיך צו בעמיהען און ערציהען אַ פרעמד קינד, עס איז איהר נור בעיקר געגאַנגען די קנאה אַז די צווייטע זאָל נישט האָבען קיין לעבעדיג קינד. דעריבער האָט זי פּאַקטיש נישט פערטוישט די קינדער, ווייל זי האָט נישט געוואָלט נעמען דאָס לעבעדיגע קינד, נור זי איז געקומען פאַר'ן מלך דערצעהלען אַז יענע האָט פערטוישט די קינדער, זי האָט איהר אַוועקגעגעבען דאָס טויטע, וועלכעס זי האָט מכלומרשט דער'הרג'עט און זיך גענומען דאָס לעבעדיגע. עס איז איהר אַלזאָ געגאַנגען בעיקר אָנצווייזען אַז דאָס טויטע קינד געהער צו יענער. דאַגעגען די צווייטע פרוי האָט זיך געקלאַמערט אינ'ם לעבעדיגען קינד און האָט בעיקר געוואָלט בעווייזען אַז ס'איז איהר קינד.

שלמה המלך מיט זיין חכמה האָט אַריינגעדרונגען אין זייערע ווערטער: זאת אומרת „זה" בני החי — אָט די האַלט איהר לעבעדיג קינד ביי זיך און ווייזט אָן דערויף — זה — און עס געהט איהר פאַר אַלעם צו בעווייזען אַז דאָס לעבעדיגע קינד איז איהר'ס. דאַגעגען די צווייטע זאָגט פריהער — לא כי בנך המת — בעיקר געהט איהר צו בעווייזען אַז דאָס טויטע געהער צו יענער, זי קען איהר נישט פערגינען אַ לעבעדיג קינד, אָבער זי מיינט עס אויך נישט צו האָבען. פון דעם האָט ער שוין פערשטאַנען ווער ס'איז די אמת'ע מוטער. נור כדי עס מברר צו זיין פאַר דער וועלט, האָט ער געהייסען ברענגען די שווערד און געזאָגט „גזורו". האָט זיך טאַקי אַזוי אַרויסגעוויזען, אַז דער אמת'ער מוטער איז עס געגאַנגען דערין אַז דאָס קינד זאָל קודם בלייבען לעבען און די צווייטע איז בעשטאַנען דאָס מען זאָל עס צושניידען — גם לי גם לך לא יהיה — דערפון האָבען אַלע געזעהען דעם אמת וואָס שלמה האָט שוין פריהער פערשטאַנען בלויז פון זייערע טענות...

(כוכב מיעקב)

פרשת ויגש

ויגש אליו יהודה (מד—יח)

אייגענטליך וואָס פאַר אַ טענות האָט יהודה יעצט געהאַט, ער האָט דאָך אליין אַרויסגעגעבען אַ פסק: „הננו עבדים לאדוני גם אנחנו גם אשר נמצא הגביע בידו" (פסוק טז) און יעצט אַז יוסף האָט דעם דאָזיגען פסק פערלייכטערט און האָט געזאָגט: „האיש אשר נמצא הגביע בידו הוא יהיה לי עבד ואתם עלו לשלום אל אביכם" (פסוק יז) — טרעט ער גאָר אַרויס געגען איהם?

נור פריהער האָט יהודה גערעכענט, אַז דאָ געהט מען זיי שוין בעצאָהלען דעם שטראָף, פאַר'ן חטא פון מכירת-יוסף, ווייל זיי האָבען יוסף'ן פער-קויפטפאַר אַנ'עבד, ווערען זיי אַלע יעצט צוגענומען אַלס עבדים. דעריבער האָט ער געזאָגט: מה נדבר ומה נצטדק האלהים מצא את עוון עבדיך (פסוק טז) — ער האָט געמיינט דער-מיט דעם עוון פון מכירת יוסף. ווען אָבער ער הערט, אַז זיי בעפרייט ער און דווקא בנימינ'ען געהט ער נעמען פאַר אַנ'עבד, קען דאָך שוין נישט זיין אַז דאָס איז צוליב דעם חטא פון מכירת יוסף, וואָרום בנימין איז דאָך נישט געוועזען ביי דער מכירה, נור עס איז גלאַט אַ בלבול — איז ער אַרויסגעטרעטען געגען איהם מיט שאַרפע רייד.

(אלשיך)

בי אדני ידבר נא עבדך דבר באזני אדני ואל יחר אפך בעבדך כי כמוך כפרעה (מד—יח)

דאָס וואָרט „בי" און דאָס וואָרט „נא" זעהען אויס ווי איבריג? אויך האָט געדאַרפט שטעהן „ולא" יחר אפך: אויך איז איבריג די כ' פון „כפרעה"?

נור דאָס איז אַ רמז צו דעם

דאָס עס שטעהט אין די ספרים אז דען מען וויל ניצול ווערען פון כעס איז אַ סגולה צו זאָגען דעם פסוק „במה יזכה נער את ארחו לשמור כדבריך" (תהלים קי"ט—ט). ווייל יהודה האָט דאַ געוואָלט ניצול ווערען פון יוסף'ס כעס, האָט ער אויך געזאָגט דעם דאָזיגען פסוק וואָס זיינע ראשי-תיבות בילדען די ווערטער: „בי" „נא" „אל" „כ" — ב'מה י'זכה נ'ער א'ת א'רחו ל'שמור כ'דבריך...

(שמעתי)

ידבר נא עבדך דבר באזני אדוני — יהודה האָט געזאָגט צו יוסף'ן: זאָל קומען דיין עבד וואָס האָט אונז נאָכ-געיאָגט צו געפונען דעם גביע און ער זאָל דיר איינרוימען, וואָס דאַ איז געשעזען די מעשה. ווער דען נאָך ווייסט אַזוי ווי ער, אַז דיינע אַלע בלבולים אויף אונז האָבען נישט קיין שום יסוד...

(מעשי ה' לר"א אשכנזי ז"ל)

כי כמוך כפרעה — חשוב אתה בעיני כמלך. ומדרשו סופך ללקות עליו בצרעת כמו שלקה פרעה דבר אחר מה פרעה גוזר ואינו מקיים מבטיח ואינו עושה אף אתה כן. (רש"י)

יהודה האָט זיך בענוצט מיט אַ דיפּלאָמאַטישע שפּראַך. ער האָט איהם געזאָגט דריי ווערטער „כי כמוך כפרעה" וואָס קענען פערשטאַנען ווערען, אי אַלס אַכטונג — חשוב אתה בעיני לפרעה — אי אַ דראָהונג — סופך ללקות בצרעת — און אויך א שאַר-פע בעליידיגונג — מה פרעה גוזר ואינו מקיים אף אתה כן. די אַלע פשטים וואָס רש"י זאָגט, האָט יהודה געמיינט, זאָגענדיג די ווערטער צו יוסף'ן. אַ שטייגער ווי ער וואָלט איהם געזאָגט: טייטש דיר אויס מיינע ווערטער אויף וואָס פאַר אַנ'אופן דו ווילסט, איך מיין טאַקי אַלץ...

(הרב ר' י"ל גרויבארט מטאראנטאָ ז"ל)

בשעה שתפס יוסף את בנימין ואמר להם „הוא יהיה לי עבד" — אמר לו יהודה בנימין את תפוס ושלום בבית אבא. מיד כעס יהודה ושאג בקול גדול והלך קולו ד' מאות פרסה עד ששמע חושים בן דן.

(מדרש רבה)

בנימין איז דער סימבאָל פון יונגען יודישען קינד, וועלכעס ווערט אוועקגעריסען פון אַלטען יעקב'ס שויס, ווערט פערכאַפּט פון פרעמדע, וואָס ווילען איהם געבען אַן'אַנדערע ערציהונג, איהם אָברייסען פון יעקב'ס דרך און איהם פערפרעמדען. די סתם יודען זענען גלייכגילטיג צו דער דאָזיגער טראַגעדיע, זיי מאַכען זיך נישט הערען, זיי מאַכען זיך טויב אַזוי ווי עס וואָלט זיי גאָרנישט אָנגעגאַנגען. נור „יהודה" — דער טייל יודען וואָס פיהלען אויף זיך דאָס גרויסע ערבות פאַר'ן כלל ישראל, — כי עבדך ערב את הנער — זיי קענען נישט בלייבען רוהיג און גלייכגילטיג, זיי דערפיהלען די טראַגעדיע אַז ווען בנימין איז „תפוס" — פערכאַפּט פון פרעמדע הענד דעמאָלט קען נישט זיין קיין „שלום בבית אבא" — דאָס הויז פונ'ם יודישען פאָטער, קען נישט זיין גאַנץ און עס קען דאָרט נישט הערשען קיין פרידען, ווען די יוגענד ווערט פון דאָרט אוועקגעריסען. דעריבער שרייען זיי, וועקען זיי און מונטערען דעם יודישען כלל, זיי ווייזען אָן אויף דער געפאַהר, זיי פיהרען דעם קאַמף מיט די פרעמדע כאַפּערס און זייער קול איז אַזוי שטאַרק, אַזוי גרויס, אַז עס מאַכט אויפציטערען די גאַנצע מחנה, אַזוי אַז אפילו די „חושים'ס" — די גלייכגילטיגע און ווייטשטעהענדיגע מוזען דערהערען און צוקומען ראַטעווען...

(אבני אזל)

אמר לו יהודה בנימוסין שלנו כתיב אם אין לו ונמכר בגנבתו וזה יש לו לשלם. (מדרש)

וואָס פאַר אַ ווערטער זענען דאָס צו אַ מצרישען הערשער, אַז אַזוי שטעהט

„בנמוסין שלנו" איז ער דען משועבד צו זייערע געזעצען?

נור באמת פארוואס האט טאקי די תורה געהייסען פערקויפען א גנב, ווער ווייל דאס אריינגעמען א גנב צו זיך אין שטוב אריין, ער קען דאך איהם אלץ צוגנב'נען? – מוז דאך זיין, ווייל מען נעמט אן, אז זיין גנבה איז נור געוועזען צוליב נויט, ער האט נישט געהאט צו עסען – לא יבוזו לגנב כי יגנוב למלא נפשו כי ירעב (משלי ו–ל) – ווען אבער מען וועט איהם געבען ארבייט און עסען וועט ער ווערען צוריק אנ'ארענטליכער מענש. דעריבער איז נור דער דין „ואם אין לו" – ווען ער האט קיין געלד נישט. ווארום אויב ער האט יא געלד, איז דאך די גניבה נישט צוליב נויט, קען מען איהם טאקי נישט פערקויפען.

האט יהודה דאס געזאגט יוסף'ן: ווען דער דאזיגער ברודער אונזערער, האט דאך יא צו בעצאהלען, איז דאך זיין גניבה נישט געוועזען צוליב נויט. נור ווייל ער האט בכלל א פערדארבענעם כאראקטער צו גנב'נען – טא ווי אזוי ווילסטו אזא מענש נעמען צו דיר פאר אנ'עבד, ער קען דאך דיר אלץ צוגנב'ענען. אפילו אין אונזערע נמוסים שטעהט נור „אם אין לו ונמכר בגניבתו" – אבער ווען ער האט יא, זאל מען איהם נישט פערקויפען ווייל ער קען יענעם בעגנב'ענען, און דו ווילסט נעמען א גנב אין שטוב אריין?...

(אהל יעקב)

אדני שאל את עבדיו לאמר היש לכם אב (מד–יט)

דו זאגסט אלץ אז דער גביר איז אזוי חשוב ביי דיר, ווייל „נחש ינחש איש אשר כמוני" – אויב אזוי, וואס האסטו אונז געדארפען פרעגען שאלות, האסט דאך אלץ געקענט וויסען פונ'ם גביר. מוז דאך זיין אז די גאנצע מעשה איז נישט אמת, נור א בלבול אויף אונז...

(משנת דר"א)

והיה כראותו כי אין הנער ומת (מד–לא)

עס קען זיין, אז ווען מיר וועלען איהם געבען דערצעהלען אז בנימין האט געטהוען אזא שלעכטע זאך, ער האט גע'גנב'עט א בעכער, וועט דער פאטער וואס איז א גרויסער צדיק און איש אמת, זיך בעהערשען און מסכים זיין אז ער איז ווערט די שטראף – אבער מיר וועלען גארנישט האבען קיין מעגליכקייט איהם דאס אויפצוקלערען, ווארום באלד ווען ער וועט נור אונז זעהען אהן בנימינ'ען – והיה כראותו כי אין הנער – וועט

ער באלד אויסגעהן פון צער, איידער מיר וועלען נאך איהם דערצעהלען די סבה דערפון...

(אהל יעקב)

כי איך אעלה אל אבי והנער איננו אתי (מד—לד)

דאס דארף זיך זאגען יעדער יוד: ווי אזוי וועל איך שפעטער קענען קומען צום פאטער אין הימעל, ווען איך וועל נישט מיט זיך האבען די יונגע יאהרען, די ימי - נערות? מען דארף אלזא שטארק אבהיטען די יונגע יאהרען און נישט פערברענגען זיי מיט נארישקייטען און ליידיגגעהעריי...

דאס דארף זיך אויך זאגען יעדער יודישער פאטער: ווי אזוי וועל איך קענען קומען צום פאטער אין הימעל, ווען איך וועל די יונגע קינדער נישט האבען מיט זיך? ווען איך וועל זיי לאזען פערפרעמדען דורך א נישט יודישען חינוך?...

(ספרים)

ולא יכול יוסף להתאפק (מה—א)

יוסף האט בעיקר געוואלט אין זיי דערוועקען הכנעה און שפלות, כדי ס'זאל זיין א תשובה אויף זייער חטא, דעריבער האט ער צו זיי גערעדט הארטע רייד און אנגעטהוען יסורים. זיי אבער האבען זיך נישט געריהרט און נישט געוואלט ארויסווייזען הכנעה צו יוסף'ן.

ווען אבער יעצט האט יהודה אנגעהויבען ארויסצווייזען הכנעה, געזאגט כסדר „עבדך" און מקבל געווען אויף זיך די הערשאפט פון יוסף'ן — מעהר האט דאך יוסף נישט געוואלט, האט ער זיך שוין מעהר נישט געקענט איינהאלטען און געגעבען זיך תיכף צו דערקענען, ווארום ער האט שוין דערגרייכט זיין ציעל...

(שם משמואל)

אני יוסף העוד אבי חי ולא יכלו אחיו לענות אתו כי נבהלו מפניו (מה—ג)

יהודה האט אלץ גע'טענה'ט צו יוסף'ן: דו ביזט גערעכט, בנימין האט גע'גנב'עט, קומט איהם א שטראף, אבער דער אלטער פאטער זיינער איז דאך קיין שום פערברעכען נישט בעגאנגען און ער האט קיין שום שטראף נישט פערדינט. ווען אבער דו וועסט צונעמען בנימינ'ען. וועט דאך דאס זיין די גרעסטע שטראף פאר'ן אומשולדיגען פאטער, איז דאך דער משפט א נישט-גערעכטער.

פריהער האט איהם יוסף אויף דער

טענה גאַרנישט געקענט ענטפערען. נור יעצט ווען ער האָט זיך געגעבען צו דערקענען, האָט ער באַלד געענטפערט אויף דער שאלה: אני יוסף — איך בין דער יוסף, וואָס איהר האָט מיך פערקויפט פאַר מיין זינד אַקעגען אייך, אָבער — העוד אבי חי — צי לעבט נאָך דער פאָטער פונ'ם צער וואָס איהר האָט איהם פערשאַפט? וואָס איז דער אַלטער פאָטער שולדיג געוועזען, ווען איך האָב געזינדיגט, אַז איהר האָט איהם געלאָזט אַזוי זיך פייניגען צוויי און צוואַנציג יאָהר? — אָט די זעלבע שאלה וואָס איהר פרעגט מיך, האָב איך טאַקי צו אייך...

(הגר"י בלאזער ז"ל)

אמר אבא כהן ברדלא אוי לנו מיום הדין אוי לנו מיום התוכחה, מה יוסף קטנן של שבטים לא יכלו אחיו לעמוד בתוכחתו לכשיבא הקב"ה ויוכיח את כל אחד לפי מה שהוא שנאמר אוכיחך ואערכה לעיניך על אחת כמה וכמה.

(מדרש רבה)

ווי אַזוי ליגט דאָ אין יוסף'ס ווערטער אַ תוכחה צו די ברידער?

נור דער בעגריף „תוכחה" הייסט אייגענטליך: איבערצייגען (פון לשון: לכו נא ונוכחה) מען ברענגט יענעם דערצו אז ער זאָל אליין זיין איבערצייגט דאָס ער האָט שלעכט געטהוען.

אין יוסף'ס ווערטער ליגט טאַקי אַזאַ מין תוכחה. ער האָט זיי איבערצייגט אין זייער חטא פון זייערע אייגענע ווערטער. יהודה האָט דאָך געוואָלט דערוועקען דאָס רחמנות פון יוסף'ן אויפ'ן צער פון אַלטען פאָטער, וועלכער וועט שטאַרבען פון צער ווען ער וועט נישט זעהען בנימינ'ען. האָט דעריבער יוסף יעצט געזאָגט: אני יוסף — איך בין דאָך דער יוסף, וואָס איהר האָט איהם פערקויפט — העוד אבי חי — צי לעבט נאָך דער פאָטער? פאַרוואָס האָט איהר דעמאָלט נישט געזאָרגט, אַז דער פאָטער וועט נישט איבערהאַלטען דעם צער, אַזוי ווי איהר זאָרגט יעצט אַזוי שטאַרק? אויב ער האָט אויסגעהאַלטען יענעם צער און ער לעבט נאָך, וועט ער אויך אויסהאַלטען און קענען לעבען אָהן בנימינ'ען. דעריבער זענען די ברידער אַזוי דערשראָקען געוואָרען און גאָרנישט געקענט ענטפערען, ווייל

ער האָט זיי אָבגעשטעלט מיט זייערע אייגענע ווערטער — אָט דאָס איז די תוכחה.

לעתיד וועט אויך אַזוי זיין. דער „יום-הדין", ווען מען וועט משפט'ן דעם מענש, וועט אויך זיין אַ „יום-תוכחה". מען וועט דעם מענש איבער־צייגען זיינע חטאים פון זיינע אייגע־נע מעשים: ביים נישט געבען קיין צדקה האָסטו געהאַט אַ תירוץ אַז די פרנסה קומט שווער אָן און דו האָסט נישט גענוג מעגליכקייטען דערצו — פאַ פונוואַנען האָסטו געהאַט גענוג געלד אויסצוגעבען אויף פערשידענע לוקסוסען און פערגעניגענס? אָט אַזוי וועט מען יעדען מוכיח זיין „לפי מה שהוא" — לויט זיינע אייגענע מעשים. מען וועט א־הם ווייזען סתירות אין זיך אַליין, וועט טאַקי שווער זיין צו געפונען אַ תירוץ...

(בית הלוי)

שמני אלהים לאדון לכל מצרים (מה—ט)

וואָס איז דאָס אַזאַ בשורה טובה פאַר יעקב'ן?

נור „שמני" איז דאָ דער טייטש: „איך מאַך" (אַזוי ווי: שם אני) — איך מאַך השי"ת פאַר אַ־אדון אין מצרים.

דורך מיר ווערט נתפרסם די געטליכ־קייט אַז השי"ת איז דער האַר פון דער וועלט...

(הה"ק מהר"י מרוזין ז"ל)

וישבת בארץ גשן והיית קרוב אלי אתה ובניך (מה—יוד)

יוסף האָט מורא געהאַט, אַז ווען זיי וועלען וואוינען צוזאַמען קען זיך מאַכען פערשידענע מחלוקה'לעך, פריי־הער צווישען זיינע מענשען און צווי־שען פאַטער'ס פאַמיליע, קען דאָס ממילא ברענגען אַז אויך זייער אהבה זאָל אַביסעל געשטערט ווערען. דערי־בער האָט ער געזאָגט: וישבת בארץ גשן — דו וועסט וואוינען אין לאַנד גושן, נישט ממש צוזאַמען, ממילא — והיית קרוב אלי אתה ובניך — וועלען מיר קענען שטענדיג בלייבען נאָהנט צווישען זיך און די אהבה וועט נישט געשטערט ווערען...

(הה"ק ר"מ מפרעמישלאן ז"ל)

מען דערצעהלט אַז דער טורי-זהב ז"ל, האָט נישט געוואָלט זעהען זיך

מיט'ן פאטער, בעת ער איז געווען א רב, כדי ער זאל נישט נכשל ווערן אין כיבוד-אב, ווען דער פאטער וועט וועלען איהם מכבד זיין אלס רב.

יוסף האט אויך מורא געהאט, אז צוליב דעם וואס ער איז א משנה-למלך, וועט איהם יעקב מוזען אבגעבען כבוד און ער וועט נכשל ווערען אין כבוד-אב. דעריבער האט ער נישט געוואלט זיי זאלען וואוינען צוזאמען, נור — וישבת בארץ גושן...

(שמעתי)

כי פי המדבר אליכם (מה—יב)

בלשון הקדש. (רש"י)

דער רמב"ן פרעגט וואס איז עס פאר א סימן, ווען אלס מלך, וואס דארף קענען א סך שפראכען קען ער אויך די שפראך פון די עברים?

נור אין פלוג איז דאך שווער פארוואס האבען די ברידער נישט דערקענט יוסף'ן מיט „טביעת-עינא דקלא" — דורכ'ן קלאנג פון דער שטימע, ווארום מען געפונט דאך אז אפילו ביי איסורים פערלאזט מען זיך אויף „טביעת עינא דקלא" (חולין צ"ו)?

באמת איז עס אבער קיין קשיא נישט. ווייל „טביעת עינא דקלא" איז נור שייך, ווען יענער רעדט מיט דער זעלבער שפראך, וועלכע ער האט דאן גערעדט, בעת מען האט איהם געהערט רעדען. ווען ער רעדט אבער אן'אנדערע שפראך, וואס האט אנדערע קלאנגען און אן'אנדערע אויסשפראך קען מען שוין נישט דערקענען. ממילא האבען די ברידער איהם נישט דער-קענט אין קול, ווייל זיי האבען נור געקענט זיין קול אין דער לשון-הקודש'דיגער שפראך, נישט אין דער מצרי'שער.

האט יעצט יוסף געזאגט: כי פי המדבר אליכם בלשון הקודש — און אז איך רעד לשון הקודש, דארפט איהר מיך שוין צוריק צו דערקענען „בטביעת עינא דקלא"...

(האבת יהונתן)

די מעלה פון'ם מענש איבער אנ-דערע בעלי-חיים איז נור דורכ'ן כח-הדיבור. דעריבער הייסט ער „מדבר". אין פלוג דוכט זיך דאך אז אלע בעלי-חיים האבען דאך אויך זייער שפראך, — און אויב מיר פערשטעהען זיי נישט, פערשטעהען מיר דאך אויך פיל מאהל נישט אפילו די שפראך פון מענשען ווען זיי רעדען אויף אנדערע שפראכען — אבער דער אמת'ער דיבור איז נור לשון-הקודש, די שפראך מיט וועלכער השי"ת האט

בעשאפען די וועלט און א נאמען געגעבען אלע בּרואים. אנדערע שפּראַכען זענען טאקי נור ווי דאס שוויש־טשערין פון די פייגעל און געבּרום פון די חיות, וועלכע זענען סימנים צו קענען פערשטעהן זייער רצון אבער נישט קיין אמת׳ער דיבור. די מעלה פון „מדבר״ האט אלזא נור דער מענש וואס רעדט לשון־הקודש, ווען ער רעדט אנדערע שפראכען, איז ער גאך ווייטער אין דער מדרגה פון „חי״ — וואס האט אויך זיין שפראך.

דעריבער ווען יוסף זאגט: „כי פי המדבר אליכם״ — אז דא איז פערהאן א מויל פון א „מדבר״ — מוז זיין ווייל ער האט יעצט גערעדט בלשון־הקודש. כל זמן ער האט גערעדט אנ׳אנדערע שפראך האט עס געהייסען „פי החי״ אבער נישט „פי המדבר״...

(אגרא דכלה)

כי פי המדבר אליכם — דאס מויל וואס רעדט צו אייך במשך דער גאנצער צייט, איז אויך „בלשון הקודש״ — ווען איהר וועט אריינטראכטען אין דעם אלעם וואס איך האב ביז יעצט גערעדט דורכ׳ן מליץ אין דער מצרי׳שער שפראך, וועט איהר זעהען, אז עס זענען אויך געוועזען הייליגע דיבורים, נישט קיין געוועהנליכע דברים־בטלים, זיי האבען געהאט טיפע הייליגע כוונות און ענינים...

(בית אהרן)

והגדתם לאבי את כל כבודי במצרים (מה—יג)

איהר זאלט מזכיר זיין פאר׳ן פאטער מיין שוועריגקייט (פון לשון: כבד מאד) וואס איך האב אין מצרים, צו בלייבען א דבוק אין השי״ת זיצענדיג צווישען טמאים...

(בוצינא דנהורא)

איהר זאלט זאגען דעם פאטער, אז איך בין שוין אין דער בחינה, דאס איך קען שוין אפילו צונעמען כבוד פון מענשען און עס שאדט מיר נישט צו עבודת ד׳. דער כבוד אהרט מיך שוין נישט...

(מאיר עיני הגולה בשם הרבו ר׳ בונם ז״ל)

* * *

עהנליך דערצו האָט דער קאָצקער רבי ז״ל געזאָגט אַז דעריבער איז „הבורח מן הכבוד הכבוד רודף אחריו״ — אייגענטליך פאַרוואָס קומט עס איהם אַז דער כבוד זאָל איהם נאָכיאָגען ווען ער וויל איהם נישט? — ווייל אויב ער אַנטלויפט פאַר׳ן כבוד, איז דאָך אַ סימן, אַז כבוד איז נאָך ביי איהם עפּעס אָנ׳ענין, אַז ער ווערט נאָך נתפעל פון איהם, דעריבער יאָגט ער איהם נאָך. דער כבוד דאַרף זיין אַזאַ דבר מאוס ביים מענש, דאָס ער זאָל גאָרנישט נתפעל ווערען פון איהם, ער זאָל איהם גאָרנישט אַהרען, דע־מאָלט וועט ער ממילא נישט דאַרפען אַנטלויפען פאַר איהם...

ויפל על צוארי בנימין אחיו ויבך ובנימין בכה על צואריו (מה—יד)

ויבך — על שני מקדשות שעתידין להיות בחלקו של בנימין וסופו ליחרב, ובנימין בכה — על משכן שילה שעתיד להיות בחלקו של יוסף וסופו ליחרב. (רש״י)

פאַרוואָס האָבען זיי יעצט, בשעת שמחה, עפּעס געוויינט אויפ׳ן חורבן, און פאַרוואָס האָט יעדער געוויינט אויפ׳ן צווייטענס חורבן נישט אויף זיין אייגענעם?

נור ווי בעוואוסט זענען דאָך די בתי-מקדש חרוב געוואָרען צוליב שנאת-חנם. ווען יוסף מיט בנימינ׳ען זענען זיך צוזאַמענגעקומען און זיי האָבען דערפיהלט אַז דער פירוד זייע־רער איז געקומען צוליב שנאת-חנם פון די ברידער, האָבען זיי באַלד דערזעהען דעם חורבן, וואָס איז אויך אַ רעזולטאַט פון שנאת-חנם. דעריבער האָבען זיי געוויינט, דערויף וואָס די שנאת-חנם, וועלכע האָט יעצט גע־ברענגט אַזעלכע רעזולטאַטען, וועט אויך ווייטער אָנמאַכען חרבנות.

דער תקון צו שנאת-חנם איז צו פערשטאַרקען אַזוי די געגענזייטיגע אַהבה, אַז יענעמ׳ס צער זאָל מעהר וועה טהון ווי דער אייגענער צער. האָט דעריבער יעדער געוויינט אויפ׳ן צווייטענס חורבן, צו ווייזען דערמיט אַז בעיקר אַהרט יעדען פון זיי דעם צווייטענס חורבן און כאָטש דער מקדש פון בנימין קען דאָך נישט פריהער געבויט ווערען נור נאָכ׳ן חורבן פון משכן יוסף, וויינט ער דערויף. זאָל באַדיי זיינס נישט געבויט ווערען אַבי יענעמ׳ס זאָל נישט חרוב ווערען. — אַזאַ אהבה קען זיין אַ תיקון צו די שנאת-חנם...

(ההי״ק ר״י מקאזמיר זצ״ל)

לכלם נתן לאיש חלפות שמלת ולבנימין נתן שלש מאות כסף וחמש חלפת שמלת (מה—כב)

אפשר דבר שנצטער בו אותו צדיק יכשל בו, דאמר רבא בר מחסיא אמר רב בשביל משקל שני סלעים מילת שהוסיף יעקב ליוסף משאר אחיו נתגלגל הדבר וירדו אבותינו למצרים? אמר רבי בנימין בר יפת, רמז רמז לו שעתיד לצאת ממנו בן שיצא מלפני המלך בחמשה לבושי מלכות. (מגילה טז)

וואָס איז עס פאַר אַ תירוץ, צי צוליב דעם רמז, האָט ער שוין גע־מעגט אָנמאַכען אַ קנאה צווישען די ברידער און בנימינ׳ען?

נור באמת ווייזט אויס אַז די חמש חליפות פון בנימינ׳ען זענען נישט מעהר ווערט געוועזען ווי די איינע חליפות שמלות וואָס די איבריגע ברידער האָבען בעקומען, ווייל זיי זענען געוועזען פון אַ ביליגערען שטאָף און ממילא איז קיין קנאה נישט שייך געוועזען (דעריבער שטעהט דער „חליפות" פון די ברידער מלא — מיט אַ ויו און דער „חליפת" פון בנימין שטעהט חסר — אָהן אַ ויו, ווייל זיי זענען ווייניג ווערט געוועזען). נור אויב אַזוי, צוליב וואָס האָט טאַקי יוסף געגעבען בנימינ׳ען פינף חליפות? ווען מעהר ווערט האָבען זיי נישט געהאַט, ווייל יוסף וואָלט עס נישט געטהוען, וואָרום — דבר שנצטער בו אותו צדיק יכשל בו — טאָ צו וואָס „חמש חליפות"?

אויף דעם איז דער תירוץ — רמז רמז לו...

(הגר"א ז"ל מווילנא)

פאַרוואָס פרעגט עפּעס די גמרא די קשיא נור אויף די „חליפות שמלות" און נישט אויף די „שלש מאות כסף" וואָס ער האָט געגעבען בנימינ׳ען מעהר ווי די ברודער?

נור דער דין איז „המוכר עבדו לעכו"ם קונסין אותו עד עשרה בדמיו" (גטין מ"ד) — ווען די ברידער האָ־

בען איהם פערקויפט צו גויים, האָבען זיי דאָך געדאַרפען גע׳קנס׳נט ווערען צו בעצאָהלען צעהן מאָהל אַזוי פיל ווי ער איז ווערט. די ווערט פון אַ סתם עבד, האָט דאָך די תורה פעסטגעשטעלט אויף דרייסיג זילבערנע שקלים — כסף שלשים שקלים יתן לאדוניו (שמות כא — לב) — איז דאָך „עשרה בדמין״ — דריי הונדערט שקלים.

האָט דעריבער יוסף געגעבען בנימינ׳ען דריי הונדערט זילבער שקלים און זיי נישט, כדי יעדער פון זיי זאָלען דערמיט האָבען בעצאָהלט דעם קנס פון „המוכר עבדו לעכו״ם״.

(הרחיד״א בשם הרוקח ז״ל)

---

* * *

עס קען אויך זיין אַז ווייל יוסף האָט געוואָלט צונעמען בנימינ׳ען פאַר אַנ׳עבד צו פרעה׳ן, האָט ער פאַר דעם בלויזען זאָגען, שוין זיך גע׳קנס׳ט „עשרה בדמיו״ און בעצאָהלט בנימינ׳ען דריי הונדערט שקלים...

(נחל קדומים)

נשאים מטוב מצרים (מה—כג)

שלח לו יין ישן שדעת זקנים נוחה הימנו. (רש״י)

מיר געפינען אין דער משנה [illegible]יש קנקן חדש מלא ישן״ (אבות פ׳ [illegible] — מ׳ ד) — אין אַ נייע כלי קען זיין אַלטער ווין. יוסף האָט געוואָלט זאָגען דעם פאָטער, כאָטש אויסערליך געהט ער אויף אַ נייעם דרך, אָנגעטהוען ווי אַ מצרישער הערשער, דאָך איז זיין פנימיות געבליבען אַזוי ווי פריהער. דער אַלטער דרך וואָס ער האָט געלערענט ביי יעקב׳ן איז געבליבען אינהייגיג גאַנץ. דערמיט האָט ער געוואוסט וועט ער בערוהיגען דעם אַלטען פאָטער יעקב וואָס זאָרגט זיך געוויס וועגען זיין רוחניות׳דיגען מצב.

דאָס איז די כוונה: שלח לו יין ישן — ער האָט איהם געשיקט זאָגען אַז דער ווין איז אינווייניג, איז דער זעלבער אַלטער ווין אָהן שום ענדערונג — שדעת זקנים נוחה הימנו — פון דעם וועט זיך דעם אַלטענס דיעה בערוהיגען...

(שמעתי)

יעדע זאַך ווען עס ווערט אַלט ווערט עס נישט ברויכבאַר און קאַליע.

אויסער ווייַן, ווערט בעסער וואָס עלטער ער ווערט׳ דעריבער איז „יין-ישן״ אַ בערוהיגונג פאַר זקנים, זיי זעהען דערין אַז ס׳קען זיין אַמאָהל דאָס אַלטקייט איז אַ מעלה...

(מפי השמועה)

• • •

אַלטער ווייַן ווערט אָבער נאָר בעסער ווען ער איז יונגערהייט גוט געווען, ער האָט געהאַט אין זיך גוט מאַטעריאַל, דאַן ווערט ער טאַקי בעסער וואָס עלטער ער ווערט. אָבער ווען באַלד יונגערהייט איז ער וואַסערדיג, ווערט ער שפּעטער זויער און די עלטער העלפט גאָרנישט אויסצובעסערען איהם.

זקנה איז טאַקי אַ מעלה, אָבער עס ווענדעט זיך וואָס מען איז געווען יונגערמאַנווייז...

(הה״ח ר׳ שלמה׳לע אַלטער ז״ל)

———

ויאמר אליהם אל תרגזו בדרך (מה–כד)

פאַרוואָס האָט יעקב נישט געוואָרענט זיי דערויף אַהין צו-וועגס?

נור די חז״ל זאָגען: „גדול תלמוד תורה יותר מכיבוד אב ואם״ (מגילה טז) און די ראַיה איז דערפון וואָס יעקב איז נענש געוואָרען צו האָבען צער פון יוסף׳ן צוויי און צוואַנציג יאָהר, אַקעגען די צוויי און צוואנציג יאָהר וועלכע ער איז געווען ביי לבנ׳ען און נישט מקיים געווען כבוד אב ואם, דאַגעגען איז ער נישט נענש געוואָרען אויף די פירצעהן יאָהר וועלכע ער האָט געלערנט תורה ביי שם ועבר.

קומט דאָך אויס אַז דער דין איז ערשט נתברר געוואָרען נאָכדעם ווי יוסף איז געפונען געוואָרען נאָך צוויי און צוואַנציג יאָהר. פריהער אָבער

אל תתעסקו בדבר הלכה שלא תרגז עליכם הדרך (רש״י)

האָט מען גערעכענט אַז דער דין איז דאָס כבוד אב ואם איז גרעסער פון תלמוד תורה, ווייל „הוקש כבודם לכבוד המקום״ (ב״מ לב).

ממילא האָט יעקב זיי נישט געדאַרפען וואָרענען אַהין צו וועגס אַז זיי זאָלען נישט לערנען, וואָס זיי וועלען אַליין וויסען, אַז כבוד אב ואם איז גרעסער פון תלמוד תורה און זיי זענען דאָך געגאַנגען אין שליחות פון פאָטער. אָבער יעצט צוריקוועגס איז דאָך שוין קלאָהר געוואָרען דער דין אַז תלמוד תורה איז גרעסער פון כיבוד אב ואם, האָט יוסף זיי דעריבער געמוזט וואָרענען זיי זאָלען נישט לערנען – כדי שלא תרגז עליהם הדרך.

(קהלת משה)

* * *

אין מדרש איז אָבער פאַראַן אַ צווייטער נוסח: „אל תעמידו עצמכם מדברי תורה״ — איהר זאָלט נישט אויפהערען צו לערנען.

איז די כוונה — לויט׳ן דערמאָהנען — אַז יוסף האָט זיי אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם דין וואָס איז יעצט נתחדש געוואָרען און האָט זיי געזאָגט: כאָטש איהר איילט זיך אַהיים מקיים צו זיין כיבוד-אב, דאַרפט איהר נישט אויפהערען צו לערנען ווייל — גדול תלמוד תורה יותר מכבוד אב ואם...

(מלא העומר)

דבר אחר אל תפסיעו פסיעה גסה (רש״י)

פאַרוואָס האָט זיי יעקב אויף דעם דאָזיגן נישט מזהיר געווען?

נור די חז״ל זאָגען: פסיעה גסה נוטלת מאור עיניו של אדם ומהדרא לה בקדושי דבי שמשי (ברכות מג) — פון שנעלען געהן, ווערען די אויגען דונקעל, נור די עצה איז דערצו דער ווײַן פון שבת׳דיגען קידוש.

איז ביים אַהין וועגס, האָט זיי יעקב נישט געדאַרפט וואָרענען וועגן „פסיעה גסה״, ווייל זיי וועלען זיך אַליין היטען דערפון כדי די אויגען זאָלען זיי נישט דונקעל ווערען. די עצה פון קידוש-ווײַן האָבען זיי דאָך נישט געהאַט, ווייל זיי האָבען דאָך נישט געטרינקען קיין ווײַן זייט יוסף איז פון זיי געוואָרען אָבגעזונדערט (רש״י מג—לד). יעצט אָבער ווען יוסף האָט זיך אָבגעפונען, זענען זיי דאָך שוין מותר געווען צו טרינקען ווײַן, האָבען זיי דאָך שוין די עצה פון „קדושי דבי שמשא״, האָט ער זיי געדאַרפט וואָרענען, מורא האָבענדיג אַז זיי וועלען זיך אַליין נישט היטען פון אַ פסיעה-גסה.

(קומץ המנחה)

וירא את העגלות אשר שלח יוסף לשאת אתו (מה—כז)

דער מדרש זאָגט אַז דעריבער שטעהט נישט „העגלות אשר שלח פרעה״ — ווייל די עגלות וואָס פרעה האָט געשיקט, איז געווען אויף זיי אויסגעקריצט אַן׳עבודה-זרה, האָט זיי יהודה פאַרבּרענט.

איז דאָך אַ פלא: ווייטער שטעהט דאָך יאָ: וישאו בני ישראל את יעקב אביהם בעגלות אשר שלח פרעה (מו—ה)?

נור לכתחילה האָבען זיי געמיינט, אַז די דאָזיגע רייזע קיין מצרים טראָגט אַ צייטווייליגען פאַרווײַלונגס-כאַראַקטער, צו פרעהען זיך מיט

יוסף'ן און זיי האָבען גאָרנישט געהאַט בדעה זיך איינצוואָרדנען בקביעות אין מצרים. אין די עגלות וואָס פרעה האָט געשיקט, האָבען זיי אָבער דערקענט, אַז זיי זענען נישט צו אַ שפּאַציר־רייזע, נור אויף צו פערבלייבען בקביעות אין מצרים און דאָס איז ביי זיי געוועזען עבודה־זרה, אַזוי ווי די חז"ל זאָגען: כל הדר בחוץ לארץ כאילו עובד עבודה זרה שנאמר „כי גרשוני היום מהסתפח בנחלת אלהים לאמור לך ועבוד אלהים אחרים" (כתובות קו) — דעריבער האָבען זיי נישט געוואָלט פאָהרען אין אָט די עגלות וואָס „עבודת זרה חקוקה עליהן" – זיי זענען בעשטימט צו אַן עבודה־זרה'דיגע נסיעה.

שפּעטער אָבער ווען השי"ת האָט זיך בעוויזען צו יעקב'ן אין באר־שבע און האָט איהם געזאָגט: אנכי ארד עמך מצרימה (מו—ד) – ער האָט איהם מגלה געוועזען אַז עס הויבט טאַקי אָן יעצט שוין דאָס גלות מצרים און אַז די נסיעה איז טאַקי נישט קיין פערוויילונגס־שפּאַציר — האָבען זיי זיך שוין געקענט בענוצען מיט די „עגלות אשר שלח פרעה" — וואָרום זיי האָבען געזעהען אַז דער רצון השם איז אַזוי, צוצ יהען זיך קיין חוץ לארץ...

(זר זהב מהח"ק ר' וואלף מסטריקאוו ז"ל)

סימן זה מסר להם במה היה עסוק כשפירש ממנו בפרשת עגלה ערופה זה שנאמר וירא את העגלות (רש"י)

אַז יוסף שיקט עגלות, איז עס אויך נישט פשוט, נור דאָס זענען גאָר הלכות...

(בשם גדול אחד)

אנכי ארד עמך מצרימה ואנכי אעלך גם עלה (מו—ד)

דאָס איז די גרעסטע הבטחה פון השי"ת צו יודען אַז שטענדיג וועט נתפרסם ווערען דער כבוד פון השי"ת און זיין נאָמען וועט נתקדש ווערען אויף דער וועלט, נור דורך די ישועה פון יודען. כל זמן יודען וועלען זיין בשפלות, וועט אויך דער כבוד ד' זיין בהסתר און ווען יודען וועלען דער־הויבען ווערען מיט אַ הילף, וועט דער כבוד שמים אויך נתעלה ווערען.

דאָס איז די כוונה פון פסוק: אנכי ארד ע מ ך מצרימה — ווען דו וועסט זיין בירידה, איז עס אויך כביכול מיין ירידה, ווייל איך בין מיט דיר אין דער צרה — ואנכי אעלך גם עלה — און נור ווען איך וועל דיך דערהויבען און אַרויסנעמען פון דער צרה, וועט דאָס זיין פאַר מיר אַ

דערהויבונג. אייער עליה איז אויך מיינע.

ממילא קענען יודען זיין זיכער אין זייער עליה פון גלות אז זיי וועלען חלילה נישט פערפאלען ווערען, ווייל עס מוז דאך סוף כל סוף קומען דאס התגלות כבוד ד׳ און די עליה פון דער שכינה — און דאס קען דאך נור געשעהן דורך דער עליה פון יודען...

(בית הלוי)

אנכי ארד... ויוסף ישית ידו על עיניך (מו—ד)

השי״ת זאגט צו יעקב׳ן: איך פיהר דיך באמת יעצט אין גלות אריין, כאטש דאס געשעהט אויף א שעהנעם אופן, צוליב יוסף׳ן, אבער די כוונה איז די ירידה קיין מצרים. ויוסף — דאס וואס מען דערצעהלט דיר יעצט א מעשה וועגען יוסף׳ן, אז ער איז א מלך און וויל זיך מיט דיר זעהען, דאס איז — ישית ידו על עיניך — דערמיט מאכט מען דיר צו די אויגען כדי צו פערשענערען די נסיעה אין גלות אריין...

אזוי זאגען אויך די חז״ל: ראוי היה יעקב אבינו לירד בשלשלאות של ברזל למצרים אלא שזכותו גרמה לו (שבת פט:)

(שמעתי בשם גדול א׳)

ויעל לקראת אביו ישראל גשנה וירא אליו (מו—כט)

יוסף נראה אל אביו (רש״י)

רש״י מיינט דא צו בעטאנען אז נישט יוסף איז געפאהרען זעהען דעם פאטער צוליב פערזענליכער בענקשאפט ווייל דאס וואלט דאך געהייסען א צופרידענשטעלונג פון א גשמיות׳דיגען רצון. נור יוסף איז געפאהרען זיך צו בעווייזען פאר׳ן פאטער, אז דער פאטער זאל איהם זעהען וועט ער דערמיט מקיים זיין כיבוד־אב...

(הה״צ ר׳ נפתלי טראפ ז״ל מראדון)

ויפל על צואריו (מו—כט)

אבל יעקב לא נפל על צוארי יוסף ולא נשקו ואמרו רבותינו שהיה קורא את שמע (רש״י)

דאס איז דער דרך פון די צדיקים, אז ווען עס קומט זיי אונטער עפעס א פאקט וואס מען דארף אויסדרוקען אהבה, לייגען זיי די גאנצע אהבה

אַריין אין אהבת ד׳. ווען יעקב דער־ וועהט יוסף׳ן און עס פלאַקערט ביי איהם אויף אַנ׳אהבה צו זיין געליבט קינד וואָס איז פון איהם געוועזען אַזוי לאַנג אָבגעשיידט, איז ער זיך מתגבר און גיט אַוועק די דאָזיגע אהבה פאַר השי״ת. ער לייענט דאַן שמע און פערטיעפט זיך אינ׳ם „ואהבת את ד׳ אלהיך״...

(גור ארי׳ למהר״ל ז״ל)

און יוסף האָט דען נישט געדאַרפט לייענען דעמאָלט „שמע״?

נור ביי יוסף׳ן איז דאָך די דאָזיגע אהבה נישט געוועזען קיין פשוטע נשמיותדיגע אהבה, נור אַ מצוה׳דיגע אהבה צוליב כיבוד אב, האָט ער ממילא נישט געדאַרפט אַוועקלייגען די אהבה פאַר אהבת ד׳, ווייל דאָס אַליין איז דאָך געוועזען אהבת ד׳. העוסק במצוה פטור מן המצוה...

(בשם היהודי הק ז״ל מפשיסכא)

יעקב׳ס דרך איז געוועזען, צו זיין אַרויס פון דער טבע און העכער פון איהר. צוליב אהבת ד׳ האָט ער זיך אינגאַנצען אויסגעטהוען פון די נאַ־טירליכע אהבה צו יוסף׳ן. יוסף׳ס דרך איז אָבער געוועזען צו זיין דבוק אין השי״ת, אפילו ווען מען איז עוסק אין נאַטירליכע זאַכען. האָט ממילא ביי איהם געקענט זיין קריאת־שמע אפילו בעת ער האָט געקושט יעקב׳ן...

(שפת אמת)

דער דין איז ביי קריאת שמע אַז מען מעג מפסיק זיין מפני היראה. צוליב יראת פאַר׳ן פאָטער — איש אמו ואביו תיראו — מעג מען אפילו אין מיטען פרק אויך מפסיק זיין. דעריבער האָט יוסף געמעגט מפסיק זיין אין מיטען קריאת־שמע אָבער יעקב האָט נישט געטאָרט. ביי איהם איז דאָך נישט געוועזען קיין יראה...

(מהר״ל)

* * *

דעריבער זאָגען די חז״ל: כל הקורא קריאת שמע ומרמז בעיניו וקורץ בשפתותיו עליו הכתוב אומר ולא אותי קראת יעקב (יומא י״ט) — ער טהוט

נישט אַזוי ווי יעקב, וואָס האָט נישט מפסיק געווען אין מיטען קריאת שמע אפילו ווען ער האָט דערזעהען זיין קינד נאָך צוויי און צוואַנציג יאָהר...

(מהרש"א יומא)

יעקב קושט נישט יוספ'ן באַלד ווי ער זעהט איהם, ווייל ער וויל איהם פריהער אויספרובען ווי ער האַלט אין דער וועלט, צי ער איז נאָך אַזוי ווי ער איז געווען, צי די מצרישע טומאה האָט איהם עפעס נישט אראָפּ-געפיהרט פון וועג.

דער דאָזיגער כח וואָס האָט זיך דערנומען צו יעקב'ן, צו קענען מקריב זיין די אהבה צו זיין געליבט קינד און איהם צומאָהל נישט ארומהאַלזען ביים ערשטען בעגעגעניש, צוליב יו-דישקייט — אָט דער כח איז עס „קריאת-שמע", וואָס דאָרט שטעהט: „ואהבת את ד' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך" — אַז די אַהבת ד' דאַרף איבערוועגען אַלע אהבות, כען דאַרף פאַר אַהבת ד' קענען אָוועקגעבען דאָס גאַנצע האַרץ מיט דער גאַנצער נשמה.

ויעקב לא נשקו שהיה קורא את שמע — דאָס וואָס יעקב האָט איהם נישט געקושט און מקריב געווען די אהבה צו זיין קינד צוליב אַ חשש פון יודישקייט — אָט דאָס הייסט געלייענט שמע...

ווען עלטערען זענען מקרב שלעכטע און דערוויטערטע קינדער, זיי זענען אויף זיי מחפה און ווייזען זיי אַרויס אהבה כאָטש זיי זענען אַוועק פון דרך ד' — אָט דאָס איז דער היפוך פון קריאת-שמע...

(אבני אזל)

די חז"ל זאָגען: לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע. נצחו מוטב ואם לאו יעסוק בתורה. נצחו מוטב ואם לאו יקרא קריאת שמע. נצחו מוטב ואם לאו יזכיר לו יום המיתה (ברכות ה')

ווען יעקב קומט יעצט קיין מצרים אַ מקום הטומאה האָט ער זעהר מורא געהאָט פאַר'ן כח פון יצר-הרע און ער האָט געטהוען אַלע עצות: ער האָט זיך צוגעגרייט עוסק צו זיין אין תורה — ואת יהודה שלח לפניו להורות — זאָגט רש"י — לתקן לו בית תלמוד; ער האָט געלייענט שמע — שקרא את שמע און ער האָט דערמאָהנט יום המיתה — ויאמר ישראל אמותה הפעם...

(הרה"ק הרד"מ זצ"ל אדמו"ר מטשארטקוב)

ויברך יעקב את פרעה (מז־יוד)

ומה ברכה ברכו שיעלה נילוס לרגליו ומברכתו של יעקב ואילך היה פרעה בא אל נילוס ועולה לקראתו (רש״י)

פונוואַנען ווייסט מען אַז פונקט מיט דער ברכה האָט ער איהם גע־בענשט? נור דאָס איז דאָך בעוואוסט אַז פרעה האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ גאָט. ווען מען בענשט אַזעלכען מיט לעבען געזונד א. ד. ג. איז עס דאָך גאָר אַ בעליידיגונג, וואָרום ער האַלט זיך דאָך אַז ער גיט לעבען און גע־זונד אַנדערע. מוז דעריבער זיין אַז ער האָט איהם געבענשט אַז „שיהא נילוס עולה לקראתו" — איז דערפון ערשט געקומען וואָס פרעה האָט זיך געמאַכט פאַר אַ גאָט אַזוי ווי דער פסוק זאָגט: אשר אמר לי יאורי ואני עשיתיני (יחזקאל כט–ג') אָבער ביז דאַן האָט ער טאַקי נאָך נישט גע־האַלטען זיך פאַר אַזעלכען און ער האָט איהם געקענט בענשען. דעריבער לייגט רש״י באַלד צו: ומברכתו של יעקב ואילך היה פרעה בא אל נילוס...

(ספרי דרוש)

וילקט יוסף את כל הכסף.. בשבר אשר הם שוברים (מז־יד)

אויף זייערע מטבעות — שטעהט אין מדרש — איז געווען אויסגע־קריצט אַ צורה פון עבודה־זרה. איז דאָך שווער, ווי אַזוי האָט יוסף אַריינ־גענומען עבודה־זרה צו זיך אין שטוב אַריין? — דערויף זאָגט דער פסוק: בשבר אשר הם שוברים — זיי, די מצריים האָבען פריהער די מטבעות צובראָכען, און אַז אַ גוי צוברעכט זיין עבודה־זרה איז ער איהר מבטל, ממילא האָט יוסף געקענט נעמען דאָס געלד...

(הה״ק רצ״ה מזידאטשאוו זצ״ל)

רק אדמת הכהנים לבדם לא היתה לפרעה (מז—כו)

די תורה דערצעהלט דאָס כדי די יודען זאָלען דערפון לערנען אַז מען דאַרף די כהנים און לויים געבען תרומות און מעשרות, כדי זיי זאָלען קענען עוסק זיין בעבודת־השם. אויב די מצריים האָבען נישט מתרעם גע־ווען ווען זייערע כהני־אליל האָבען בעקומען זייער עסען אין גרעסטען הונגער פון דעם רעגירונגס אוצר ווערענדיג אינגאַנצען בעפרייט פון עול־מלכות, מכל־שכן נאָך אַז יודען דאַרפען זיך אַזוי פיהרען מיט זייערע כהני־צדק און ס'זאָל זיי נישט פער־דריסען...

(אברבנאל)

הפטרת ויגש (יחזקאל ל״ז)

קח לך עץ אחד וכתוב עליו ליהודה ולבני ישראל חבריו ולקח עץ אחד וכתוב עליו ליוסף עץ אפרים וכל בית ישראל חבריו (לז—טז)

פארוואס ביי יהודה שטעהט „ולבני ישראל" און ביי יוסף שטעהט „ולכל בית ישראל"?

ווייל דער עץ יהודה איז דאך דא מרמז אויף מלכות יהודה און דער עץ יוסף איז מרמז אויף מלכות ישראל, ווענעס ערשטער מלך איז געוועזען פון שבט אפרים.

ביי דער צוטיילונג פון דער מלוכה אויף מלכות יהודה און מלכות אפרים זענען טייל יודען פון מלכות-ישראל אנטלאפען צום מלכות-יהודה, כדי זיי זאלען קענען עולה רגל זיין קיין ירושלים, צו וועלכען ירבעם האט נישט דערלאזט.

קומט דאך אויס אז אין מלכות יהודה זענען נור געוועזען געצעהלטע מענשען פון מלכות ישראל — ולבני ישראל חבריו — דאגעגען האבען זיך אין מלכות אפרים קאנצענטרירט די עשרת השבטים און דער גרעסטער טייל פון ישראל. פאסט דעריבער צו זאגען — ולכל בית ישראל חבריו.

(אברבנאל)

ועבדי דוד מלך עליהם (לז—כד)

לעתיד וועלען אלע יודען נתעורר ווערען צו טהוען תשובה אויף די פערגאנגענע חטאים, אזוי אז ס'וועט גאר נישט בלייבען קיין שום רושם פון די זינד. עס וועלען זיך אבער א סך שעמען צו טהוען תשובה, ווייל זיי האבען פיל און שווער געזינדיגט — וועט דעמאלט דוד המלך זיין זייער מוסטער און וועגווייזער, פון איהם וועלען זיי לערנען אז תשובה פועלט אויף אלעם, אזוי ווי די חז״ל זאגען: לא היה דוד ראוי לאותו מעשה אלא להורות תשובה לרבים...

(אהבת יהונתן)

פרשת ויחי

ויחי יעקב בארץ מצרים (מז—כח)

יעקב איז מרמז אויף דער מדה ...ון „אמת" — תתן אמת ליעקב. מיט ...ער מדה פון „אמת" קען מען אדורכ... ...עבען אלע שווערסטע צייטען און אלע ענגשאפטען („מצרים" — פון לשון מיצר).

(חידושי הרי"ם ז"ל)

למה פרשה זו סתומה? לפי שכיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד (רש"י)

פרעגען די מפרשים, פון דעם וואס דער מדרש זאגט אז כל זמן איינער פון די שבטים האט נאך געלעבט, איז נאך קיין שעבוד נישט געווען?

נור קיין שעבוד־הגוף איז טאקי נאך נישט געווען, אבער דער גייסטיגער שעבוד האט זיך שוין יעצט אנגעהויבען. עס איז פערשטעלט געווארען דער פנימיות'דיגער אמת אזוי אז די אויגען, מיט'ן הארץ האבען נור געזעהען און געפיהלט דאס אויסערליכע דאס חצוניות'דיגע — און דאס איז דאך דער עיקר גלות...

(שפת אמת)

דבר אחר שבקש לגלות את הקץ לבניו ונסתם ממנו (רש"י)

צוליב וואס האט יעקב אבינו געוואלט מגלה זיין דעם קץ?

ווייל אז מען ווייסט דעם סוף פון גלות, איז דאס גלות נישט אזוי שווער. פון הימעל האט מען אבער געוואלט אז דאס גלות זאל זיין א שווער גלות, נישט וויסענדיג דעם קץ, דעריבער איז — ונסתם ממנו..

(הרבי ר' בונם ז"ל מפשיסכא)

ועשית עמדי חסד ואמת אל נא תקברני במצרים (מז—כט)

חסד שעושים עם המתים הוא חסד של אמת (רש"י)

דאס קובר זיין יעקב'ן אין ארץ-ישראל הייסט נישט קיין חסד של אמת, ווארום יוסף האט בעקומען שכר דערפאר, וואס מען האט זייגע ביינער מיטגענומען קובר צו זיין אין ארץ ישראל, אזוי ווי די גמרא זאגט: יוסף זכה לקבור את אביו מי לנו גדול מיוסף שלא נתעסק בו אלא משה (סוטה ט') — נור יעקב האט אבער פערלאנגט פון איהם, אז ער זאל איהם אפילו צייטווייליג, בלויז אויף יעצט, נישט קובר זיין אין מצרים און דאס איז שוין טאקי א חסד של אמת, ווארום יוסף'ס ארון האט יא צייטווייליג געמוזט בלייבען אין מצרים, כדי זיין זכות זאל מגין זיין ביי קריעת ים סוף — הים ראה וינוס, מה ראה ארונו של יוסף.

ועשית עמדי חסד ואמת — דאס וועט זיין א חסד-של-אמת וואס דו וועסט טהוען מיט מיר, — אל נא תקברני במצרים — אז דו זאלסט מיך אפילו בלויז יעצט נישט קובר זיין אין מצרים...

(מלא העומר)

יעדע טובה וואס מען טהוט א מענשען אויף דער וועלט, ווייסט מען נישט צי זי איז אנ'אמתע טובה, פיל מאהל, מיינט מען אז מען טהוט יע-נעם גוט'ס, ולסוף איז עס גאר א רעה אדער עס קומט ארויס דערפון א רעה. דאגעגען דער חסד וואס מען טהוט מיט מתים, דאס איז אנ'אמתער חסד, ווייל דאס דארפען זיי זיכער האבען...

(אהל יעקב)

„אמת" איז די ראשי־תיבות פון א׳רון, מ׳טה, ת׳כריכין — אַט דאָס איז דער חסד וואָס מען טהוט מיט די מתים...

(מדרש תלפיות)

וישתחו ישראל על ראש המטה (מז—לא)

על שהיתה מטתו שלמה ולא היה בה רשע שהרי יוסף מלך הוא ועוד שנשבה לבין הגויים והרי הוא עומד בצדקו (רש"י)

פריהער איז ער דאָך געפאַנגען געוואָרען צווישען די גויים און שפע־טער איז ער געוואָרען א מלך, פאַר־וואָס דען זאָגט רש"י פריהער „שהרי מלך הוא" און דערנאָך „שנשבה לבין הגויים"?

נור דער מדרש זאָגט אויפ׳ן פסוק „וישמע ראובן ויצילהו מידם" אז ווען ראובן האָט געהערט ווי יוסף האָט דערצעהלט זיין חלום „ואחד עשר כוכבים משתחוים לי" האָט ער גע־זאָגט איך זעה דאָך אַז ער רעכענט מיך אין חשבון פון די ברידער מוז איך איהם מציל זיין (מד"ר וישב).

זעהט מען דאָך אַז פון יוספ׳ס חלום האָט ראובן פערשטאַנען דאָס מען האָט איהם מוחל געוועזען זיין חטא און ער איז אין חשבון פון אַלע ברידער. דאך איז אבער ראובן נישט געוועזען אינגאַנצען זיכער, ווייל ס׳איז דאך נור געוועזען אַ חלום און „דברי חלומות לא מעלין ולא מורידין" — נור ווען דער חלום איז מקויים גע־ווארען און יוסף איז געווארען אַ מלך, האט מען שוין געוואוסט קלאהר אַז זיין חטא איז נמחל געווארען.

איז דאס די כוונה פון רש"י: שהרי יוסף מלך הוא — איז דערפון אַ ראיה אַז ראובנ׳ען איז נמחל גע־ווארען זיין חטא — ועוד שנשבה לבין האומות והרי הוא עומד בצדקו — איז אַ ראיה אויף יוספ׳ן, אַז ער איז אַ צדיק. יעדענפאַלס איז פון דיביידע זאַכען אַ ראיה „שהיתה מטתו שלמה ולא היה בה רשע" — נישט מצד ראובנ׳ען און נישט מצד יוספ׳ן...

(הגאון ר׳ נפתלי כץ ז"ל)

ויאמר ליוסף הנה אביך חלה (מח—א)

עד יעקב לא הוה חולשא אתא יעקב בעי רחמי והוה חולשא שנאמר „הנה אביך חולה" (ב"מ פז)

די גמרא זאגט אז ווער עס דערצעהלט א שלעכטע בשורה איז בכלל „ומוציא דבה הוא כסיל". נור מען דארף דערצעהלען אויף אזא אופן דאס יענער זאל זיך אנשטויסען אויפ'ן שלעכטען. ווען ער פרעגט: צי לעבט דער טאטע? זאל מען ענטפערען: די מאמע לעבט (פסחים ג').

איז דאך שווער, פארוואס האט זיא דער שליח דערצעהלט יוספ'ן אז דער פאטער איז קראנק און דערמיט געווען א „מוציא דבה" ער האט איהם בעדארפען זאגען אז די ברידער זענען געזונד, וואלט ער אליין פערשטאנען, אז דער פאטער איז נישט געזונד?

נור חייל ביז דאן איז בכלל נישט געהעזען קיין שלאפקייט, ווען אלזא דער שליח וואלט געזאגט אז די ברידער זענען געזונד, וואלט דאך יוסף דערפון פערשטאנען אז דער פאטער לעבט שוין נישט, ווארום וועגען קראנקהייט וואלט איהם גארנישט איינגעפאלען — דעריבער האט ער געמוזט בפירוש דערצעהלען „הנה אביך חולה".

איז דאך פון דעם זאגען „הנה אביך חולה" א ראיה אז „עד יעקב לא הוה חולשא"...

(קודש הלולים)

הנה בנך יוסף בא אליך ויתחזק ישראל וישב על המטה (מח—ב)

די חז"ל זאגען: כל המבקר את החולה והוא בן גילו נוטל אחד מששים בחליו (נדרים ל"ט). יוסף איז דאך געווען דער בן-גילו פון יעקב'ן — „כל מה שאירע ליעקב אירע ליוסף" (רש"י לז—ב) — איז דאך ממילא ווען יוסף איז איהם געקומען מבקר-חולה זיין, איז די קרענק ווייניגער געווארען מיט א זעכציגסטעל. דעריבער איז געווען — ויתחזק ישראל וישב על המטה — יעקב האט זיך געשטארקט און זיך אויפגעזעצט ווייל ס'איז נור געבליבען ניין און פופציג חלקים פון די קרענק, דער בעטרעף פונ'ם ווארט „המטה". דאגעגען פריהער איז געווען — הנה אביך חולה — דאס ווארט „הנה" בעטרעפט זעכציג...

(אלשיך, באר מים חיים)

ועתה שני בניך הנולדים לך... אפרים ומנשה כראובן ושמעון יהיו לי (מח—ה)

גור יעצט — ועתה — ביים ער־שטען מאָהל בעקומען ארץ־ישראל, וועלען אפרים ומנשה בעקומען צוויי חלקים אין לאַנד אַזוי ווי ראובן ושמעון, אָבער לעתיד וועלען זיי נור בעקומען איין חלק. אַזוי ווי רש״י און תוספות זאָגען אין מסכת בבא בתרא קכ״ב, פונ׳ם פסוק „שער יוסף אחד״.

(משך חכמה)

ואני בבאי מפדן מתה עלי רחל (מח—ז)

ווייל יעקב האָט געוואָלט וואָרענען יוסף׳ן, דאָס ער זאָל מקיים זיין די שבועה וואָס ער האָט איהם צוגע־שוואוירען נישט צו בעגראָבען אין מצרים, דעריבער האָט ער איהם דער־מאָהנט דעם טויט פון רחל׳ען, וועלכע איז געשטאָרבען — לויט די חז״ל — פאַר דעם חטא, וואָס יעקב האָט פער־זוימט מקיים צו זיין דעם נדר.

(משך חכמה)

שכל את ידיו כי מנשה הבכור (מח—יד)

אחכמינון לידוהי (תרגום)

יעקב האָט אַזוי אויסגעאַרבייט זיינע איברים אַז זיי האָבען נישט געקענט טהוען אַנדערש ווי ס׳איז דער רצון ד׳. די הענד זענען אַליין קלוג גע־ווען און האָבען זיך אַליין געלעגט פערקעהרט ווייל אַזוי איז געווען דער הימלישער רצון...

(לקוטי מגדים)

ויברך את יוסף ויאמר (מח—טו)

ער האָט דאָך גאָר געבענשט יוסף׳ס קינדער נישט יוסף׳ן אַליין?

נור עס איז נישט פערהאַן קיין גרעסערע ברכה פאַר אַ פאָטער ווי די ברכה אַז די קינדער זאָלען גוט זיין און זאָלען איהם גראָטען. אויב „יברך את הנערים ויקרא בהם שמי ושם אבותי״ — איז עס ממילא די גרעסטע ברכה פאַר יוסף׳ן אַליין...

(של״ה לויט׳ן רמב״ן)

האלהים הרעה אתי... המלאך הגאל אתי (מח—טו, טז)

אויב זיי זענען נישט ווערט די ברכה פון דיר ג—ט אליין, אהן שום פערמיטלער, על־כל־פנים בעט איך דיך דאס דו זאלסט בעפעהלען דעם „מלאך הגואל אותי", אז ער זאל זיי בענשען.

דער פשט איז אלזא: האלהים הרועה אותי — איך בעט דיך: בעפעהל, אז — המלאך הגואל אותי... יברך את הנערים...

(ספורני)

ויקרא בהם שמי ושם אבתי (מח—טז)

אויב די קינדער זענען חלילה שלעכט, שעמען זיך די עלטערען און די זיידעס, ווען מען רופט זיי אן, אז זיי זענען זייערע קינדער אדער איי־ניקלעך. יעקב אבינו בענשט זיי דע־ריבער אז זיי זאלען אזוי זיין, דאס מען זאל קענען אויף זיי אנרופען די נעמען פון זייערע אבות. ס'זאל נישט זיין קיין חרפה ווען מען וועט זאגען אז דאס זענען מיינע אייניקלעך און די אייניקלעך פון אברהם ויצחק...

(מפרשים)

וידגו לרב בקרב הארץ (מח—טז)

מען געפונט גארנישט אין דער תורה אז אפרים ומנשה האבען געזאלט זיין מעהר ווי אלע אנדערע שבטים, נישט ביים מנין אין דער מדבר און נישט אין ערבות־מואב?

ווייל די ברכה פון יעקב'ן איז געווען „בקרב הארץ" — אין ארץ ישראל, זאלען זיי זיין אזוי פיל ווי די פיש אין וואסער, און דאס איז טאקי מקויים געווארען. ווארום באלד ווי יודען זענען אריינגעקומען קיין ארץ־ישראל, נאך איידער מען האט דאס לאנד צוטיילט שטעהט שוין אין פסוק: וידברו בני יוסף אל יהושע, מדוע נתת לי נחלה גורל אחד ואני עם רב עד אשר עד כה ברכני ד' (יהושע י"ז—יד) שוין ביז יעצט „עד כה" — אין דער דאזיגער קורצער צייט ווי מיר זענען אין ארץ ישראל, האט אונז ג—ט געבענשט מיט אן'עם־רב. און יהושע האט זיי טאקי דערויף געזאגט: אם עם רב אתה עלה לך היערה ובראת לך שם (יהושע יז—טו) ער האט זיי געהייסען זיך אויסהאקען א וואלד, זאגען די חז"ל, כדי עס זאל אין זיי נישט שולט זיין קיין עין־הרע (ב"ב קמ"ח) — ווארום עס איז גע־ווען א געוואלדיג וואונדערליכע זאך אין אזא קורצער צייט זיך אזוי צו מעהרען. דאס איז אבער געווען צוליב די ברכה פון יעקב'ן: וידגו לרוב בקרב הארץ...

(אדרת אליהו פ' ראה)

———

בך יברך ישראל לאמר ישמך אלהים כאפרים וכמנשה (מח—כ)

פאַרוואָס זאָלען יודען בענשען די קינדער מיט אפרים און מנשה און נישט מיט אַנדערע צוויי שבטים?

נור דער יסוד פון דער גאַנצער תורה איז, נישט גרויס צו האַלטען זיך איבער'ן צווייטען און נישט מקנא צו זיין דעם צווייטען. ווען יעקב זעהט אַז טראָץ דעם וואָס ער האָט דעם יונגערען אפרים בעפאָרצוגט פאַר דעם עלטערען מנשה, דאָך האָט אפרים נישט בעקומען קיין גאווה און מנשה האָט נישט בעקומען קיין קנאה, נור זיי זענען ביידע געבליבען גלייך ווי פריהער, האָט ער געזאָגט אַז אַלע יודישע קינדער זאָלען אזוי זיין אָהן גאות און אָהן קנאה.

דער „וישם את אפרים לפני מנשה" איז אַלזאָ אַ פירוש אויף דער ברכה „ישימך אלהים כאפרים וכמנשה. דע־ריבער וועלען זיך יודען בענשען מיט זיי, ווייל טראָץ דעם וואָס „וישם את אפרים לפני מנשה", האָט עס אויף זיי גאָרנישט געווירקט צום שלעכטען. וואָס עס איז ליידער ביי די איבריגע קינ־דער נישט אזוי געוועזען — ויקנאו בו אחיו...

(אגרא דכלה)

אשר לקחתי מיד האמרי בחרבי ובקשתי (מח—כב)

בצלותי ובבעותי (תרגום)

„צלותי" — איז דער טייטש: „גע־בעט" און „בעותי" — איז דער טייטש: „ווילען" (פון לשון: במה בעית טפי). פיל מאָהל טהוט מען פון הימעל דעם בלויזען ווילען פון צדיק, אפילו ווען ער האָט נאָך נישט מתפלל געוועזען דערויף. אַזוי ווי דער פסוק זאָגט: רצון יראיו יעשה (תהלים קמ"ה—יט).

(דגל מחנה אפרים)

פאַרוואָס איז תפלה צוגעגליכען צו אַ קשת?

ווייל פונקט ווי אַ בויגען, איז וואָס מעהר מען ציהט אָן די שטריק צו זיך, געהט די פייל ווייטער, אַזוי איז אויך ביי תפלה, וואָס מעהר מען קאָנצענטרירט זיך מיט כוונת־הלב ביי דער תפלה, געהט זי ווייטער און העכער און איז בוקע רקיעים...

(הרבי מקאָצק ז"ל)

בײ עשו'ן אפילו װען ער רעדט װעגען עסיק און מאראל, װעגען רעכט און גערעכטיגקײט, איז דער פּירוש דערפון: שװערד און ביקס. עשו װײנט פאר יצחק'ן און בעט זיך א ברכה, זאגט איהם יצחק „על חרבך תחיה".

בײ יעקב'ן איז פונקט פערקעהרט, אפילו װען ער רעדט װעגען „חרב" און „קשת", איז אבער דער פּירוש דערפון, דער תרגום, „צלותי ובעותי"...

(אבני אזל)

בחרבי ובקשתי — במצוות ומעשים טובים (מדרש)

דער שטײגער איז בײ א מלחמה, אז פריהער בענוצט מען דעם קשת, צו שיסען דעם שונא פון דערװײטענס. שפּעטער ערשט, װען דער שונא קומט שױן צו פון דער נאהנט, בענוצט מען זיך מיט דער שװערד. װען אלזא דא זאל מען מײנען פשוט „שװערד און ביקס" האט דאך געדארפען שטעהן פריהער „בקשתי" און דערנאך „בחרבי". דעריבער מוז זײן אז דא מײנט מען מצוות ומעשים טובים. די מלחמה דא מײנט מען די מלחמת-היצר און בײם יצר-הרע איז טאקי דער סדר א פערקעהרטער, פריהער האט מען דעם קאמף פון דער נאהנט, ארױסצוטרײבען דעם יצר-הרע פון זיך ארױס, װײל ער איז דאך דארט אײנגעבירגערט פון געבױרען אן — כי יצר לב האדם רע מנעוריו —. און ערשט שפּעטער װען מען האט איהם שױן פערטריבען פיהרט מען די מלחמה פון דערװײטענס, איהם נישט צוריק צו צולאזען — אט דאס הײסט „בחרבו ובקשתי" — דער קאמף מיט'ן יצר-הרע פון דער נאהנט און פון דערװײטענס האב איך געפיהרט מיט די מצוות ומעשים טובים...

(קהלת יצחק)

האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים (מט—א)

די עצה צו די צרות װאס עס װעלען אײך טרעפען באחרית-הימים, איז — האספו — איהר זאלט זיך צו-נויפזאמלען — ואגידה — און זיך צו-זאמענבינדען אין אײן אגודה (אותיות אהו"י זענען זיך מתחלף) — אט די

פעראייניגונג און צוזאמענבונד, וועט פאר אייך זיין די רעטונג פון אלעם שלעכטען...

(לקוטי רמ"ל)

בקש יעקב לגלות את הקץ ונסתלקה ממנו שכינה (רש"י)

ער האט זיי געוואלט מגלה זיין אז דער גלות מצרים וועט נישט דויערען קיין גאנצע פיר הונדערט יאהר. אזוי ווי די גזירה איז געוועזען „ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה" — נור מיט הונדערט און ניינציג יאהר ווע-ניגער (קץ" בעטרעפט 190) — אז דאס גלות וועט זיך ענדיגען נאך צוויי הונדערט און צעהן יאהר.

(ספרים)

בקש יעקב לגלות את הקץ אמר לו הקב"ה לא יעקב יאמר עוד שמך כי אם ישראל (מדרש פליאה)

די גמרא זאגט אז עס זענען פער-האן צוויי זמנים פון דער גאולה: „בעתה" — אין דער בעשטימטער צייט, אפילו ווען יודען וועלען נישט ווערט זיין און „אחישנה" — ווען יודען וועלען גוט זיין, וועט מען פון הימעל צואיילען דעם זמן. דאס זאגען אויך די חז"ל אז ווען יודען זענען „עושין רצונו של מקום" ווערען זיי אנגערו-פען „ישראל" און ווען זיי זענען „אין עושין רצונו של מקום" ווערען זיי אנגערופען „יעקב".

ווען יעקב האט געוואלט מגלה זיין די צייט פונ'ם בעשטימטען קץ, האט איהם השי"ת געזאגט: לא יעקב יאמר עוד שמך כי אם ישראל — דאס הייסט אז יודען וועלען טהוען „רצונו של מקום" און וועלען ווערען אנגערופען „ישראל", וועט דאך ממילא קענען זיין די גאולה פריהער, אין „אחישנה" און דעם זמן איז דאך נישט שייך מגלה צו זיין, ווייל יעדען טאג קען דאך די צייט זיין — היום אם בקולו תשמעו...

(שני המאורות)

ווען יעקב האט געוואלט מגלה זיין

הקבצו ושמעו בני יעקב ושמעו אל ישראל אביכם (מט—ב)

„יעקב" איז געווען זיין אייגענט-ליכער נאמען פון געבורט, ווערט

דעריבער יעדער יוד, נישט קוקענדיג ווי אזוי ער פיהרט זיך, בעטראכט אלס יעקב'ס קינד, בלויז צוליב זיין יודישען אבשטאם, געהערענדיג צו דער יודישער נאציאנאליטעט. דער נאמען „ישראל" איז אבער געגעבען געווארען יעקב'ן שפעטער, ווען ער האט דערגרייכט זיין הויכע מדרגה — כי שרית עם אלהים ואנשים ותוכל — דער דאזיגער נאמען, ווען ער ווערט בענוצט אויף יודען בכלל, ווייזט ער דעריבער אויף דער הויכער גייסטיגער מדרגה פון כלל ישראל אלס נאכפאלגער פון יעקב'ס שיטה און יעקב'ס אידעען.

יעקב זאגט דעריבער צו זיינע קינדער: הקבצו ושמעו בני יעקב — איהר זאלט אייך צונויפנעמען קודם-כל אלס קינדער פון יעקב, פון איין אבשטאם און איין נאציע. אבער בלויז די פשוטע נאציאנאלע פעראייניגונג איז נאך ווייניג, נור — ושמעו אל ישראל אביכם — דער ציעל פון יעדען יודישען קבוץ זאל זיין, צו פערשטארקען דעם אריגינעלען יודישען גייסט, דעם גייסט פון ישראל - סבא. דער „הקבצו" דארף ברענגען דערצו אז די בני-יעקב, זאלען דערהערען די שטימע פון פאטער „ישראל" און צוזאמען מיט איהם אויסשרייען: ד' אלהינו ד' אחד...

(אבני אזל)

בסדם אל תבא נפשי... כי באפם הרגו איש (מט—ו)

בסדם אל תבא נפשי — זה מעשה זמרי. כי באפם הרגו איש — אלו חמור ואנשי שכם (רש"י)

דאס איז בעוואוסט, אז די מצוות פון וועלכע דער גוף האט אויך א בעפרידיגונג, איז פיל שווערער זיי צו טהוען אויסשליסליך לשם שמים, ווי די מצוות ווי דער גוף גיט פון זיך אוועק. ס'איז פיל לייכטער צו געבען צדקה אדער פאסטען תעניתים לשם שמים, ווי, לאמיר זאגען, מקיים צו זיין עונג-שבת לשם-שמים. ווייל ביי דעם רעדט דער יצר-הרע אן, צו מיינען די אייגענע קערפערליכע הנאה און ס'איז נויטיג א ספעציעלע שמירה אז דער עונג זאל זיין אויסשליסליך א קדושה'דיגער.

דאס וואס שמעון ולוי האבען ערמארדעט די מענשען פון שכם, איז אויך אזא שטייגער פעולה, וואס אויב זי איז געווען מיט דער כוונה צו בעפרידיגען די פערזענליכע נקמה געפיהלען, ווייל זיי האבען אנגעריהרט זייער כבוד, איז עס בלויז יצר-הרע. אויב אבער זי איז געווען צוליב קנאת ד' צבאות ווייל שכם האט פורץ גדר געווען צו פערשוועכען יעקב'ס קינד — דאן איז עס יצר-טוב און לשם שמים. דאס איז אבער אזעלכעס

ולא תסבול יותר — ווילסטו נישט אלץ, דען אויב נישט — וועסטו נאָך ליידען — נעם פאַר ליב און זיי סובל מעהר ליידען...

מאשר שמנה לחמו והוא יתן מעדני מלך (מט—כ)

מאשר — יעדער יוד זאָל זיך ארויסלערנען פון אשר׳ן. שמנה לחמו — דאָס פעטסטע און בעסטע עסען איז ביי איהם געווען, זיין פראָסט שטיקעל ברויט, אָבער — והוא יתן — ווען ער איז געגאַנגען געבען צדקה — מעדני מלך — האָט ער אַוועקגעגעבען די בעכטע מאכלים.

אזוי דאַרף זיך יעדער יוד פיהרען: פאַר זיך פיהרען אַ בעשיידען פשוט לעבען, אָבער צדקה זאָל ער געבען דאָס שענסטע און בעסטע.

(שמעתי)

———

בן פרת יוסף בן פרת עלי עין בנות צעדה עלי שור (מט—כב)

די חז״ל זאָגען אַז ווייל יוסף האָט געהייליגט זיינע אויגען דעריבער האָט ער זוכה געווען אַז אין זיין משכן־שילה, האָט מען געמעגט עסען קדשים קלים אין דער גאַנצער סביבה ווי ווייט דאָס אויג האָט דערזעהען. דאַ־געגען שפעטער אין מקדש פון ירושלים האָט מען נור געמעגט עסען קדשים קלים אינווייניג פון דער מויער פון ירושלים.

איז דאָס דער רמז אין פסוק: בן פרת עלי עין — ביי יוסף׳ן האָט די קדושה זיך אויסגעשפרייט אזוי ווייט ווי דאָס אויג קען נור דערזעהען, אָבער — בנות צעדה עלי שור — ביי די אַנדערע שבטים האָט נור די קדושה דערגרייכט ביז צו דער מויער..

(חדושי הרי״ם ז״ל)

איש אשר כברכתו ברך אתם (מט—כח)

אפילו פאַר שמעון ולוי איז עס אויך געווען אַ ברכה. דאָס וואָס ער האָט זיי צוגענומען די פערשאָל־טענע מדות פון כעס — ארור אפם ועברתם — דאָס אַליין איז אַ ברכה, וואָרום „אין ארור מדבק בברוך", איז דאָך אַוועקנעמען פון זיי אָט די גע־מיינע מדות, שוין אַליין די גרעסטע ברכה...

(קול שמחה)

לימוד התורה שטארקט זיך און עס וואקסען אויס זיינע פוסקים און גאונים...

(מטה יהודה)

דער רמב״ן זאגט אז דעריבער האט דאס מלכות בית-חשמונאי, נישט געהאט קיין גוטען סוף און סאיז פון זיי קיינער נישט געבליבען, כאטש זיי האבען מקדש השם געווען, ווייל זיי האבען עובר געווען אויף דער ברכה פון יעקב'ן וואס ער האט גע-זאגט „לא יסור שבט מיהודה", אז מלכות ביי יודען געהער נור צום שבט יהודה און זיי האבען זיך גענומען דאס מלכות.

אויב — האט ר' שמחה זימל קעל-מער זצ״ל געזאגט — אזא שווערע שטראף קומט דעם וואס איז עובר אויף דער ברכה פון יעקב'ן, אפילו בעת ער האט מקדש השם געווען, וואס פאר א שטראף קען שוין קומען דעם וואס איז עובר אויף דער ברכה פון השי״ת, און מכש״כ אויף א קללה פון השי״ת און מכל-שכן אז ער איז נישט מקדש-השם נור מחלל-השם..

יששכר חמר גרם (מט—יד)

יש - שכר — וואס עס איז פערהאן שכר פאר די גוטע מעשים פון מענש אויף דער וועלט, איז — חמר גרם — דאס חומריות פון גוף וואס שלעפט דעם מענש צום שלעכטען, איז עס דער גורם, אז ווען ער איז זיך מתגבר איבער'ן חומר און טהוט גוט'ס, קומט איהם שכר...

(אלשיך)

וירא מנוחה כי טוב ואת הארץ כי נעמה ויט שכמו לסבל (מט—טו)

וירא מנוחה כי טוב — ווען האט מען די אמת'ע מנוחה, אויב ס'איז — ויט שכמו לסבול — ווען מען נעמט אויף זיך, צו קענען אלץ סובל זיין. אויב מען איז א סבלן האט מען די ריכטיגע מנוחה...

(הה״ק מהר״י מווארקא ז״ל בשם כפרי אחד)

---

* * *

עס ווערט געברענגט א מאמר החכם: רצונך שלא תסבול — סבול

אריינקומען קיין ארץ־ישראל, זענען. להקים להם מלך ולהכרית זרעו של עמלק — איז דעריבער דער קיום פון מלכות ישראל אפהענגיג אין דער הכרתה פון זרע עמלק.

דארט ביי שאול'ן, זעהט מען אבער אז דאס שבט יהודה איז נישט געווע־זען צווישען די וואס האבען רחמנות געהאט אויפ'ן פערמעגען פון עמלק, עס שטעהט דארט: וישמע שאול את העם ויפקדם בטלאים מאתים אלף רגלי ועשרת אלפים את איש יהודה (שמואל א׳ טו—ד) — אלזא דער „עם" איז בעשטאנען פון צוויי הונדערט טויזענד מאן און בעזונדער „איש יהודה" פון צעהן טויזענד מאן. שפע־טער ווען שמואל האט געפרעגט שאול'ן, פארוואס ער האט געלאזט לעבען די בהמות פון עמלק, האט שאול געענטפערט: אשר חמל העם על מיטב הצאן (שם טו—טו) — נור דער „עם" האט זיך דערבארימט אבער נישט דער „איש יהודה".

דעריבער האט יעקב געזאגט: ידך בערף איביך — ווייל דיין האנד וועט יא נאכיאגען דעם פיינד עמלק איהם צו פערניכטען אהן רחמנות, דעריבער — וישתחו לך בני אביך — וועסטו יא זוכה זיין צו מלכות. נאך שאול'ן איז טאקי געווארען מלך דוד פון שבט יהודה...

(משך חכמה)

כרע רבץ כאריה (מט—ט)

דאס איז די מדה פון יהודה'ן, אפילו ווען ער פאלט אמאהל און קניהט אנידער, — כרע רבץ — איז ער דאך העלדיש און פעסט ווי א לייב. ער פאלט נישט אריין אין יאוש און פערצווייפלונג, נור ער איז מודה איג'ם דורכפאל און כאפט זיך באלד צוריק אויף, דורך תשובה. אזוי ווי יהודה האט, ביי מעשה־תמר, נישט געשעמט זיך מודה צו זיין און פון דעם איז ענטשטאנען משיח...

(חדושי הרי"ם ז"ל)

לא יסור שבט מיהודה ומחקק מבין רגליו (מט—יוד)

דעמאלט ווען מען שלאגט יודען אין גלות, מען פייניגט זיי און זיי שטעהען אויס רדיפות, דווקא דעמאלט קאנצענטרירען זיי זיך אין זייער גייסטיג לעבען, גרינדען תלמוד־תורה'ס, ישיבות, שוהלען און בתי־מדרשים וואס פון זיי קומען ארויס די גרעסטע תלמידי־חכמים, די שענסטע גאונים און רבנים — די מחוקקים פון יודי־שען פאלק.

דאס איז די כוונה פון פסוק: לא יסור שבט מיהודה — דאן ווען די רוט פון שונא ווערט נישט אבגעטהו־ען פון יהודה, איז — ומחוקק מבין רגליו — הערט אויך נישט אויף צו ענטשטעהען זיינע מחוקקים, דער

וואס איז בעהאלטען טיעף אין מענשליכען הארץ — דבר המסור ללבו של אדם — און עס בלייבט א סוד פאר אנדערע מענשען, נור השי"ת ווייסט עס.

יעקב אבינו האט כסדר נאכגעפארשט און אריינגעטראכט אין דער דאזיגער פעולה, צי זי איז געווען לשם-שמים. ווען אבער ער האט געזעהען די מעשה-זמרי, וואס וועט שפעטער געשעהען, האט ער דערפון בעאורטיילט, אז ווען די מעשה-שכם וואלט געווען גאנץ לשם-שמים, וואלט אזא מעשה זמרי נישט געקענט פאסירען אין זייערע משפחות, ווייל זייער עהרליכע מסירת-נפש געגען א מעשה זנות, וואלט מגין געווען אויף זייערע פאמיליעס, אזוי ווי די חז"ל זאגען: כל מצוה שמסרו ישראל נפשם עליה למיתה עדיין היא מוחזקת בידם (שבת ק"ל).

דעריבער זאגט יעקב: בסדם אל תבא נפשי — זה מעשה זמרי — פון די מעשה-זמרי איז מיר ענטדעקט געווארען זייער סוד, אז די כוונה ביי מעשה-שכם איז נישט געווען לשם-שמים, נור — כי באפם הרגו איש — ס'איז געווען בלויז מחמת כעס און נקמה...

(אהל יעקב להמגיד מדובנא ז"ל)

כי באפם הרגו איש וברצונם עקרו שור (מט—ו)

הרגו איש — אלו חמור ואנשי שכם.

עקרו שור—רצו לעקור את יוסף (רש"י)

וואס פאר א שייכות האבען די ביידע זאכען צוזאמען?

נור יעקב האט געזאגט: כ'האב געזעהען אייער שארפקייט ביי מעשה-שכם און נישט געוואוסט, צי איז עס צוליב הייליגע און עהרליכע קנאות, אדער צוליב פשוטע רציחה און נקמה. האב איך געווארט אויף א צווייטע געלעגענהייט כדי דאס צו דערגעהן.

ווען כ'האב אבער געזעהען ווי אזוי איהר האט געהאנדעלט אקעגען אייער ברודער יוסף, אז ס'איז ביי אייך לייכט געווען איהם צו וועלען עוקר זיין פון דער וועלט, זעה איך אז אויך ביי מעשה-שכם איז נישט געווען קיין עהרליך קנאות נור פשוט'ער כעס—כי באפם הרגו איש...

(מפרשים)

ידך בערף איביך, ישתחוו לך בני אביך (מט—ח)

ביי שאול'ן געפונען מיר, אז דאס מלכות איז ביי איהם געווארען צוגענומען, ווייל ער האט נישט אויסגעמעקט עמלק'ן אינגאנצען. ווארום די ערשטע צוויי מצוות וואס יודען זענען מצווה געווארען צו טהוען באלד ביים

תמיד געדענקען דעם יום המיתה, וואס דער סוף פון מענש איז אויף דער וועלט, וועט ממילא זיין — וחזקת והיית לאיש — וועסטו קענען זיך מתגבר זיין איבער'ן יצר - הרע אזוי ווי די חז"ל זאגען: נצחו מוטב ואם לאו יזכיר לו יום המיתה (ברכות ה)

(צוארי שלל)

ולבני ברזלי הגלעדי תעשה חסד... כי כן קרבו אלי בברחי מפני אבשלום (ב–ז)

אויב זיי האבען פריהער איהם גוט'ס געטהוען, קומט דאך זיי אבצו-טהוען גוט'ס איז עס נישט קיין חסד?

נור דער דין איז, אז א בעל-הבית וואס איז אפילו אין דער היים אנ'עושר נור ער געפונט זיך אויפ'ן וועג און עס פעהלט איהם אויס עסען, מעג ער נעמען „לקט שכחה ופאה" אזוי ווי אנ'ארימאן, ער דארף אפילו שפעטערנישט אבצוגעבען ווייל „עני היה באותה שעה" — ער איז דאן געוועזען אין א נויט און עס הייסט צדקה. (משנה פאה פ"ה)

קומט דאך אויס, אז ווען דוד איז געוועזען אין וועג, אנטלויפענדיג פאר אבשלום'ען, האט ער געהאט דעם דין פון אנ'עני און די בני ברזילי זענען מחוייב געוועזען איהם צו געבען צדקה, ממילא קומט זיי מיט'ן דין נישט צו בעצאהלען דערפאר, נור — תעשה חסד — אלס חסד דארפסטו זיי אבצו-טהוען גוט'ס.

(הרחיד"א ז"ל)

מלואים

צום ווארט פון גערער רבי'ן שליט"א וואס איז געדרוקט אין פרשת לך זייט נ"ט אויף דעם מאמר אין מסכת סופרים — דארף ווערען צוגעגעבען:

דעריבער שטעהט אויך דארט אין מסכת סופרים אז „קומתו של אברהם אבינו כנגד ע"ד איש וכן כוחו כו'" — זיינע כחות אין זיין הויך זענען געוועזען א קעגען די פיער און זיבציג נח'ס קינדער וועמענס שכר ער האט צוגענומען.

און באמת שטעהט אזוי אין ילקוט פרשת נח: „ויחיו בני נח — יפת ובניו ט"ו היו, חם ובניו ל"ב ושם ובניו כ"ז, ע"ד היו — אז נח'ס קינדער זענען געוועזען צוזאמען פיער און זיבציג.

(בעמערקונג: די צאהל פון שם'ס קינדער לויט'ן ילקוט איז שווער צו צופאסען צו די נעמען וואס ווערען אויסגערעכענט אין די פסוקים. לויט וועלכע עס קומט אויס, אז שם'ס קינדער ביז אברהם'ען זענען געוועזען איין און דרייסיג. — המלקט.)

אביך צוה לפני מותו לאמר (נ—טז)

ווי האָט דאָס דער פאָטער בעפוילען? ווייל ער האָט זיי אָנגעזאָגט „האספו ואגידה" „הקבצו", און עס קען דאָך נישט זיין קיין אמת'ער קבוץ און „אגודה אחת" אויב ער וועט זיי נישט מוחל זיין...

(לקוטי מגדים)

ועתה שא נא לפשע עבדי אלהי אביך (נ—יז)

אם אביך מת אלהיו קיים (רש"י)

די חז"ל זאָגען: בזמן שאדם מצטער שכינה מה אומרת קלני מראשי קלני מזרועי (חגיגה ט"ו). זיי האָבען גערעכענט אַז דאָס וואָס ער האָט זיי נישט בעשטראָפט ביים פאָטער'ס לעבען איז געווען, ווייל ער האָט נישט געוואָלט מצער זיין דעם פאָטער. דעריבער האָבען זיי איהם געזאָגט: אם אביך מת אלהיו קיים—און אויב דו האָסט נישט געוואָלט מצער זיין דעם פאָטער דאַרפסטו געוויס נישט וועלען מצער זיין דעם רבונו של עולם, וואָס איז זיך מצער פונ'ם צער וואָס אַ יוד האָט...

(עטרת צבי)

כי התחת אלהים אני. ואתם חשבתם עלי רעה אלהים חשבה לטובה (נ—כ)

אויב איהר האָט מיר געטהוען אַזאַ רעה פון וועלכע ס'איז ארויס געקומען אַ טובה, דאַרף איך דאָך אייך אויך אָבצוטהוען אַזאַ מין רעה פון וועלכער ס'זאָל שפּעטער אַרויסקומען אַ טובה און דאָס קען דאָך אַ מענש נישט בעווייזען, נור השי"ת אליין — התחת אלהים אני...

(בשם הה"ק הרבי מאסטראָווצע ז"ל)

הפטרת ויחי (מלכים א-ב)

אנכי הולך בדרך כל הארץ וחזקת והיית לאיש (ב—ב)

דאָס איז אויך פון דער צוואה. דוד המלך בעפעהלט שלמה'ן אַז — לאמר — ער זאָל זיך שטענדיג זאָגען אנכי הולך בדרך כל הארץ — ער זאָל